STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04483

SHTUREM-GLOKN

Josef Luden

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף לודען

שטורעם־גלאָקן

עסייען

תל־אביב 1986

JOSEF LUDEN

SCHTUREM-GLOCKN

ESSAYS

Printed in Israel

"PROBLEMEN" PUBLISHING
203 Ben-Jehuda
Tel-Aviv 63502
Tel. 03-453102

דפוס אורלי, תל-אביב, טל. 372062

ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע
עסייען

פאַרלאַג „פּראָבלעמען"
בן־יהודה 203, תל־אביב 63 502
טעלעפאָן 453102

אַרייַנפֿיר

דאָס דאָזיקע בוך עסייען איז אַ זאַמלונג פֿון מאמרים, וואָס כ'האָב פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער צייטשריפֿט „פּראָבלעמען", אין וועלכע איך אַרבעט מיט. פֿאַרשטענדלעך אַז אין אַ בוך־פֿאָרעם האָט זיך געפֿאָדערט די מאמרים צו פֿאַרברייטערן, ווי אויך מאַכן געוויסע ענדערונגען. וואָס עס האָט מיך אָנגערעגט צו פֿאַרעפֿנטלעכן דאָס דאָזיקע בוך איז די אַנדערשקייט פֿון מיינע מיינונגען, איבער ליטעראַרישע און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען פֿון די לעצט, ניט ווייניק, דערשינענע עסייען פֿון באַקאַנטע ייִדישע שרייבערס. די מערסטע פֿון זיי האָבן יאָרן־לאַנג, יעדע קולטור און ליטעראַטור דערשיינונג, באַטראַכט בלויז פֿון שטאַנדפּונקט פֿון „קלאַסן־קאַמף" אָדער „קלאַסן־אינטערעסן" און האָבן געדינט דער טעאָריע פֿון „סאָציאַלן רעאַליזם". זיי האָבן, איבער־רייסנדיק מיט דער דאָזיקער טעאָריע, געמאַכט אַן אידעיִשן קער אויף גאַנצע 180 גראַד. אויב זיי האָבן פֿריער אין די לערעס פֿון ייִדנטום געזען סאַמע נאַציאָנאַליזם, האָבן פּלוצים דערזען אין ייִדנטום עפּעס אַ העכערן פֿאָרם און זיי זענען געוואָרן די וואָרטזאָגערס פֿון אַ גייסטיקן אתה בחרתנו.

פּסיכאָלאָגיש לאָזט זיך דאָס דערקלערן מיט דער ווירקונג פֿון גרויסן ייִדישן חורבן, וואָס האָט די ייִדישע שרייבערס דער־נענטערט צו די פֿאָלקס־אוצרות און זיי האָבן גענומען זוכן אומע־

טום דעם „יידישן גייסט". אָט די טענדענץ הערשט היינט אין די עסייען פון די יידישע שרייבערס. איך בין אָבער געקומען צו אַ צווייטן אויספיר, אַז גראָד דער יידישער אומגליק דאַרף אונדז דערנענטערן צום אַלגעמיין הומאַנעם אַרט־טראַכטן און צו דער הומאַנער ליטעראַטור. דאָס מיינט ניט אַנטלויפן פון אַלץ וואָס איז ניט־יידיש נאָר פאַרקערט, דערנענטערן און באַווירקן, ווייל מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז מיר זענען מיט גאָר ניט פאַרזיכערט פאַר אַ נייעם און אפשר נאָך גרעסערן אומגליק, וואָס וועט אויך אונדז ניט מיידן. דאָס פאַרפליכט אונדז צו דערנענטערן זיך צו די גייסטיקע עלימענטן און צו דער ליטעראַטור וואָס רופט צו שלום און פריינדשאַפט צווישן פעלקער. קעגן מאָרד און פאַר־ברעכנס.

פון דעם געזאָגטן ווערט קלאָר פאַרוואָס דער מחבר פון די דאָזיקע עסייען באַנוצט נאָך מיט די טעמעס און פאַרנעמט זיך נאָר מיט די שרייבערס און דענקערס, וואָס האָבן גערופן, אין אַלע צייטן, ביי אַלע פעלקערן און שפּראַכן צו אַ הומאַנער וועלט פון יושר און פרייהייט. מיר לעבן אין אַ צייט ווען גרויסע געדאַנקען זענען גאָר ניט פּאָפּולער. מיר האָבן היינט ווייניק נביאים, וואָס צערודערן די מענטשלעכע מוחות מיט נייע אידעען, מיט רעוואָלט קעגן שלעכטס. ניטאָ היינט ווער ס'זאָל פון אַ הויכן באַרג צע־ברעכן די לוחות און מיט צאָרן אויסשמידן דאָס געוועט, וואָס זאָל צעשטורמען דעם מענטשלעכן גייסט. די היינטיקע פּסיכאָ־לאָגיע וואָלט אַזאַ משה רבנו באַטראַכט פאַר אַ גייסטיק קראַנקן. די היינטיקע פיליסטערס וואָלטן געקוקט מיט רחמנות אויף די, וואָס ווילן באַפרייען די מענטשן און ווערן פון מענטשן אויס־געלאַכט.

אין דאָזיקן בוך פאַרנעם איך זיך ניט מיט קריטיק ? עסייען זענען בכלל ניט קיין קריטיק, מיין ציל איז צו פאַראינטערעסירן דעם יידיש־לייענער מיט אַ טייל גרויסע שרייבערס פון דער וועלט־ליטעראַטור און אָנרעגן צו שעפּן פון זייערע גייסטיקע אוצרות.

דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעפירט דעם עסיי, ווי אַ נייעם זשאַנער, אין דער ליטעראַטור, איז געווען דער פראַנצויזישער

שרייבער, דענקער און מאָראַל־פילאָזאָף מישעל מאָנטיען. היינט ווען ס׳איז פאַרלוירן געוואָרן דער רעספּעקט פאַר דער מענטש־לעכער פּערזענלעכקייט און דאָס ערשטע אָרט פון מענטשלעכן טראַכטן פאַרנעמט די פּאָליטיק, זענען נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי אַקטועל די ווערטער פון מישעל מאָנטיען, געשריבן מיט 400 יאָר צוריק, אַז דער מענטש דאַרף זיין דער באַלעבאָס איבער זיך אַליין, ער דער מענטש דאַרף זיין העכער פון די רעגירונגען און קעניגרייכן, ער דער מענטש איז פאַר זיך אַליין אַן אימפּעריע. לויט מישעל מאָנטיען, איז אַ געקרוינטער הערשער ניט מער ווי אַן אַקטיאָר, אַ קאָמעדיאַנט אויף דער סצענע פון לעבן. אויב ער פאַרבלענדט, מיט דער שטראַלנדיקער פּראַכט פון זיין ממשלה, אָבער אונטער דער פויערהאַנג איז ער ניט מער, ווי אַן איינפאַכער בשר ודם און אָפט מאָל דער ביליקסטער נפש צווישן זיינע אונ־טערטאַנען. אָט אַזעלכע דרייסט רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען האָט ער געוואַגט שוין אַרויסצוברענגען אין דעם צווייטן העלפט פון 16 י׳ ה. (געלעבט 1533 — 1592).

דער נאָענטסטער פריינד פון מאָנטיען איז געווען דע לאַ באָעסי, וועלכער ווערט מיט רעכט באַטראַכט אַלס דער פאַר־גייער פון מאָדערנעם אַנאַרכיסטישן געדאַנק. זייענדיק קוים 18 האָט ער אָנגעשריבן זיין באַרימטע עסיי „פרייוויליקע שקלאַ־פעריי״, וועלכע האָט גייסטיק צוגעגרייט דאָס שטירצן די פראַנ־צויזישע מאָנאַרכיע, רייף געמאַכט די מוחות פאַר דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע מיט אירע גרויסע אידעען פון מענטשן־רעכט, פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. כאָטש די אַלע לאָזונגען זענען שוין אין בלוט דערטרינקען, דאָך זענען זיי אויף אייביק איינגעקריצט געוואָרן אין די מענטשלעכע נשמות, אין באַלייכטן די מענטשלעכע שטרעבונגען און חלומות, אויף אַלע דורות.

לאַ באָעסי איז געקומען אויף דער וועלט דריי יאָר נאָכן טויט פון דעם באַרימטן פלאָרענצישן שטאַטסמאַן מאַקיאַוועלי, דער מחבר פון דעם בוך „דער פרינץ״, וואָס דינט נאָך היינט פאַרן ביבל פאַר אַלע הערשערס, דיקטאַטאָרן, דיפּלאָמאַטן און פּאָלי־

טיקאַנטן, וואָס האַלטן אַז אַלע מיטלען זענען כשר אויף צו דער־אַבערן און איינצוהאַלטן די מאַכט אין זייערע הענט. פון זיינע טעאָריעס האָט געלערנט היטלער און סטאַלין און ניט ווייניק „דעמאָקראַטישע" פּאָליטיקערס האַלטן זיך געטריי ביי מאַקיאַ־וועליס לערעס. ער האָט געלערנט פונקט דאָס פאַרקערטע פון לאַ באָעסי וואָס דינט נאָך היינט יעדער אָליגאַרכיע, פון וואָלסטריט ביזן קרעמעל. ווען באָעסי איז געווען דער וואָס האָט געוואָרנט קעגן יעדער הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש. ער איז געווען דער פאָרגייער פון די הומאַניסטן און ענציקלאָפּעדיסטן אין די שפּעטערדיקע הומאַנע דענקערס ווי: פּרודאָן, באַקונין, קראָפּאָט־קין און גוסטאַוו לאַנדאַוער. לאַ באָעסי האָט נאָך פאַר וואָלטערן פאַרשטאַנען אַז דער כוח פון די כהנים און הערשערס ליגט ניט אין עפּעס אַן אומנאַטירלעכן כוח נאָר אין אונדזער גלויבן אין זיי און ער האָט גערופן די מענטשן — „אַנטשליסט זיך צו זיין פריי און איר וועט זיין פריי! איך וויל ניט אַז איר זאָלט פאַר־טרייבן דעם טיראַן אָדער אים אַראָפּוואַרפן פון טראָן. הערט אויף אים צו שטיצן און ער וועט, ווי אַ ריזיקער קאָלאָס, ביי וועלכן מען ציט אָפּ דעם פונדאַמענט, צעבראָכן און צעשמע־טערט ווערן, דורך זיין אייגענער לאַסט".

ליידער איז דער דאָזיקער גרויסער דענקער און דיכטער יונג געשטאָרבן און ניט איבערגעלאָזט מער קיין אַנדערע ווערק. אויך זיין ווערק „פרייוויליקע שקלאַפעריי" איז כמעט ווי פאַרגעסן. מענטשן נעמען ניט צו ערנסט דעם געדאַנק צו זיין פריי און זיי בלייבן פרייוויליק פאַרשקלאַפט, פרייוויליק גייען זיי מיליאָנענווייז צום טויט אויף די שלאַכטפעלדער. פרייוויליק האָבן מיליאָנען געשריגן „הייל־היטלער!" און „הוראַ" פאַר סטאַלינען.

איך גיב זיך גוט אָפּ אַ רעכענונג אַז דאָס אַלץ וואָס איך האָב געלערנט פון יענע גרויסע הומאַנע דענקערס און אַלץ וואָס איך דערצייל וועגן זיי, וועלן ניט געפונען קיין גרויסן אָפּקלאַנג, שרייב איך נאָר פאַר די קליינע צאָל מענטשן וועלכע דינען ניט צו אַבערגלויבנס, ניט צו דאָגמעס, בלייבט דער גורל פון דאָזיקן

בוך צו רעדן בלויז צו אַ קליינע צאָל מענטשן, באַזונדער, ווען דאָס איז געשריבן אין יידיש.

דער לייענער וועט זיך מוזן רעכענען, אַז די אַלע טעמעס, באַריירטע אין דעם בוך, וואָלט מען באַדאַרפט אפשר מער פאַר־ברייטערן, אָבער דער מחבר האָט געמוזט זיך אונטערוואַרפן דעם גאַנצן פונעם סוד הצמצום.

אַלבערט קאַמי

(דער שרייבער און דענקער)

אַלבערט קאַמי דער פראַנצויזישער שרייבער, זשורנאַליסט און דענקער איז געבוירן געוואָרן אין 1913, ביי אַן אַרבעטער פאַמיליע אין שטעטל מונדוווי אין אַלזשיריע. זיין מוטער אַן אָפּשטאַמיקע פון שפּאַניע און דער פאָטער פון אַלזאַציע, וואָס איז אומגעקומען אין דעם שלאַכט ביי מאַרנע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיין יוגנט איז אים אַדורך אין אָרעמקייט. די שולע און אוניווערסיטעט האָט ער געענדיקט אין אַלזשיר. (פילאָזאָפיע). אין דער צייט פון לערנען האָט ער געטאָן די פאַרשידנסטע אַרבעטן. זיינע ווערק האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג און ער האָט דערגרייכט דאָס באַקומען דעם נאָבעל־פּריז פאַר ליטעראַטור אין יאָר 1957.

אָנגעהויבן זיין קינסטלערישע טעטיקייט האָט ער מיטן פאַרלייגן דעם טעאַטער־אַנסאַמבל „לעאָקיפּ", ווו חוץ אַן אַקטיאָר האָט ער אויך באַאַרבעט פאַרשידענע דראַמעס, צווישן זיי איסכילעסעס „פּראָמעטעאוס" פאַר דער בינע. ער האָט אויך, פאַר פאַרשידענע צייטונגען געדינט אַלס זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר. שוין אין זיינע ערשטע דערציילונגען האָט ער געשטעלט זיך די פראַגע — צי

איז דאָס לעבען ווערט כדי געלעבט צו ווערן? אָבער דאָס לעבן האָט אַ סך אים געלערנט, ווייל ער האָט געלעבט אין דער מוראַדיקער תקופה פון: מלחמות, קאָנצענטראַציע־לאַגערס, מאַסן־טעראָר, פאַשיזם, פחד או תוהו־ובוהו. זענען טאַקע די טעמעס פון זיינע שאַפונגען געווען — די אַבסורדאַלע וועלט, וועמענס אַנטי־ מאָראַלישן כאַראַקטער ער האָט גוט דערקענט.

לויט קאַמי איז דער ציל פון דער ליטעראַטור זיך אָנצונעמען פאַר דער פרייהייט און רעכט פון מענטש אַלס יחיד. דערפאַר האָט ער קיינמאָל ניט אָנערקענט „קונסט צוליב קונסט" און ער האָט אין זיינע דערציילונגען און ווערק ניט געצילט צו וואָרט־עפעקטן און פערפעקטע זאַצן, ווייל דער יסוד פון דער מאָדערנער ליטעראַטור, דאַרף לויט אים זיין, ניט די שיינקייט, נאָר דאָס שילדערן דעם גרויל פון אַבסורדישן לעבן. אין זיינע ווערק זוכט ער צו ענטפערן אויף דער פראַגע — וואָס איז דער ציל פון דער עקזיסטענץ און די אויפגאַבע פון מענטש? קאַמי איז געקומען צום אויספיר אַז „די סומע פון שלעכטס אויף דער וועלט איז אין צוואַנציקסטן י. ה. ניט פאַרקלענערט געוואָרן נאָר פאַרקערט". די אויפגאַבע פון דער ליטעראַטור איז זוכן די סיבות פון דעם שלעכטס: די מלחמות, מאַסן־טעראָר, ביוראָקראַטיע און פון די צוואַנג־סיסטעמען — קאַפּיטאַליזם און קאָמוניזם.

קאַמי טרעט אַרויס קעגן די אַלע אידעאָלאָגיעס, וואָס זענען פאַרשקלאַפּט צו די „אַלץ־וויסנדיקע" פּלאַנירערס, וואָס זענען אין גאַנצן זיכער אין זייער אמת. דאָס גיט זיי די רעכט אין נאָמען פון זייער „אמת" צו פאַרגיסן בלוט. קאַמי סימפּאַטיזירט מיט די וואָס וואַגן צו צווייפלען און זענען גרייט צו אָנערקענען אַז אויך זיי קענען זיך טועה זיין. אָבער די וואָס גלייבן אַז נאָר ביי זיי איז דער „אמת", דאָס מאַכט זיי, די מערדער פאַר ריכטער און די ריכטער פאַר מערדער. („דער פרעמדער") דער העלד פון זיין דערציילונג דרייט זיך אַרום ווי אַ פרעמדער אויף דער וועלט און געפינט ניט אין לעבן קיין טעם און קיין לאָגיק. ער אַרבעט, ער ליבט, ער דערמאָרדעט און ווערט פאַרמשפּעט צום טויט און קען אַלץ ניט פאַרשטיין פאַרוואָס דאָס אַלץ איז אים געשען.

זיין דראַמע „קאַליגולאַ" האָט קאַמי געשריבן נאָך פאַר היטלערס קומען צו דער מאַכט און דאָך שילדערט ער שוין דאָרט אַ דיקטאַטאָר, וואָס גלויבט עקשנותדיק אין זיין אמת און שאַפט זיך זיין אייגענע גערעכטיקייט און זיין אומברחמנותדיקע לאָגיק, וואָס צערייבט מענטשלעך לעבן אויף שטויב. אין די אויגן פון אַזאַ הערשער איז יעדער מענטש שולדיק, דעם מוסטער פאַר זיין העלד האָט קאַמין געדינט סאַן יוסט, וואָס איז געווען, ווי ראָבעספיער אומברחמנותדיק און אוממענטשלעך אין זיין „גערעכטיקייט". איינער פון דעם טיפּ פון „אידעישע" רוצחים, וואָס מיט דער הילף פון מאָרד און טעראָר ווילן זיי „גליקלעך מאַכן" די וועלט.

אין זיין בוך „די פּעסט" ווייזט אונדז קאַמי די גאַנצע נידער־טרעכטיקייט פון דער הערשונגס־מאַשין, מיט אירע מסירות, פאַר־באָטן, צענזורע, מיטן ברעכן דעם גייסט, דאָס מושטירן, פּחדנות, חוצפּה און אַכזריות. ער שילדערט אונדז אַ שטאָט, וואָס איז אַרומגענומען פון אַן עפּידעמיע און איזאָלירט פון דער וועלט. די פּעסט איז דער סימבאָל פון פאַשיזם און יעדער אַנדערער טאָ־טאַליזם, פון וועלכע דער מענטש קען זיך באַפרייען נאָר ווען ער וועט וואַגן אויסצושרייען — זאָל לעבן דער טויט! ווען דער מענטש וועט מער ניט מורא האָבן פאַרן טויט וועט זיך צעפאַלן די ממשלה פון געוואַלד. אָבער דערווייל גייט אַן אין דער שטאָט פון דער פּעסט די טאָטאַלע הערשאַפט פון צוואַנג און אַבסורד. די קונסט פון רעגירן באַשטייט אין דעקרעטן, שפּיאָנאַזש און שפּייז־קאַרטן. דאָס פּריוואַטע לעבן דאַרף אויפהערן, ליבע פריידן, געלעכטער זענען פאַרברעכנס קעגן דער מאַכט. אַפילו נאָרמאַל שטאַרבן איז פאַרווערט, ווייל מאַכט פאַרטראַגט ניט דאָס צופעליקע, מען דאַרף כדי צו שטאַרבן האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש, אַלץ מוז רעגיסטרירט ווערן אויף אַ ספּעציעלן פאָרמולאַר און אונטערליגן דער סטאַטיסטיק.

די אַנטווישונג אין מאַרקסיזם, אין סטאַליניזם, ווי אין דער בירגערלעכע מאָראַל און פּראָגרעס. דער פאַשיזם און נאַציאָ־נאַליזם, די גרוילן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און דער געפאַר פון אַן אַטאָמישער וועלט־פאַרניכטונג, האָט עס געברענגט צו דעם

גייסטיקן צוזאַמענברוך פון דעם מענטש. זי האָט עס געבוירן די „אַנטי־אידעאָלאָגיע" און געשאַפן דעם גינסטיקן באָדן פאַר דער פילאָזאָפיע פון עקזיסטענציאַליזם.

קאַמיס עקזיסטענציאַליזם באַשטייט פון דריי הויפּט־פּרינציפּן: 1) ווי אַ קעגנער פון קריסטלעכן אַסקעטיזם, איז קאַמי פול מיט סימפּאַטיע צו דער הייידאַנישער פרייד, וואָס לויט אים איז דער מענטש פאַרפליכט צו שטרעבן צו ערדישער גליק. דאָס לעבן איז וויכטיקער ווי דער תוך זיינער און די אויפגאַבע פון מענטש איז צו באַשטימען זיין גורל דורך דער פרייהייט. דערמיט איז זיין פילאָזאָפיע אַן אָפּטימיסטישע; 2) דער געדאַנק פון אַבסורד. דעם גרונט פאַר דעם געדאַנק פון אַבסורד האָט שוין מיט איבער 50 יאָר צוגעגרייט ניטשע מיט זיין דערקלערונג, אַז גאָט איז טויט. אויב דער מענטש ווערט געבוירן פון געוואַלד, לעבט אויף געוואַלד און שטאַרבט אויף געוואַלד, הערשט איבער יעדער לאָגיק דער אַבסורד. דער מענטש אַרבעט, שאַפט און האָט ליב, ער שאַפט וויסנשאַפטלעכע ווערק און פילאָזאָפישע סיסטעמען, ער מאָלט בילדער, פאַרנעמט זיך מיט מוזיק, נאָר ער חוזקט פאַרביטערט פון פרעמדע מי און איז זיכער, אַז נאָר זיין אייגענער וועג איז ריכטיק, אַז נאָר ער איז גערעכט. די אַנדערע טראַכטן פאַלש, דינען צו פאַלשע געטער. דער מענטש הערשט איבער דער נאַטור, אָבער איבער זיך אַליין קען ער ניט הערשן. ער האָט דערקענט די אייגנ־שאַפטן פון אַלע חיות, פון פלאַנצן און שטאָפן נאָר זיך אַליין האָט ער נאָך ניט דערקענט. זיין אייגן לעבן קען ער ניט קערעווען מיטן ריכטיקן שכל. אָט דאָס איז דער געניאַלער און גליקלעכער מענטש, דאָס נאַרישסטע און אומגליקלעכסטע באַשעפעניש, וואָס פאַרלירט אַ דריטל פון זיין לעבן אין שלאָף, אַ דריטל אויף דער פאַרשאָלטענער אַרבעט און וויפל צייט גייט אים אַוועק אויף דינען אין מיליטער און אויף מלחמות? וויפל צייט בלייבט אים אייגענטלעך צום לעבן? אין זיין אייגענער הויט איז ער ניט זיכער מיט זיין לעבן. טויזנטער מיקראָבן פירן מיט אים אַן אייביקן שלאַכט. צערייסן אים אויף שטיקער ביז ער ציט ניט אויס די פיס. און דאָך איז זיין איינציקער ציל דאָס לעבן. מעג ער שוין שטיין

אויף דער שוועל פון טויט, חלומט ער אַלץ און שטרעבט צו גליק. און דאָך איז ער אומשטערבלעך ווייל ער לאָזט איבער דאָס גוטע און געמיינע נאָך זיין טויט.

אויב גערעכט איז קהלת, אַז אַלץ איז הבל הבלים, איז פאַרוואָס שאַפט דער מענטש, אַרבעט און בויט? האָט דאָך דער מענטש, דעם מדבר און אַלץ, וואָס גאָט האָט באַשאַפן אין משך פון 6 טעג, פאַרוואַנדלט אין אַ בליענדיקן גאָרטן. און אפשר אַלץ וואָס דער מענטש שאַפט איז געגליכן צו דער אַרבעט אָן תכלית פון סיזיפוס פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע? יאָ, קאַמי ווייסט אַז דער אַבסורדאַלער מענטש איז געוואָרן הפקר פון דעם טאָטן אין הימל און פון דער מאַמע־נאַטור. אָבער די וואָס האַלטן קאַמין פאַר דעם נביא פון אַבסורד, מוזן געדענקען אַז אַבסורד מיינט גאָר ניט יאוש, אָט וואָס קאַמי שרייבט אין זיינע „עסייען": „מיר קענען זיך מיאש זיין פון דער עקזיסטענץ, ווייל מיר האָבן איבער איר ניט קיין שליטה, אָבער ניט איבער דער געשיכטע, אין וועלכער דער יחיד קען טאָן, וואָס אים ווילט זיך. אָבער דער יחיד ברענגט אונדז היינט אום, ווייל אונדז איז ניט געלונגען צו געבן דער וועלט דעם שלום". קאַמי דער הומאַניסט מוז אָננעמען די קאָנצעפּציע פון פרייען ווילן כאָטש ער ווייסט, אַז זי איז אַ שטאַרק באַגרענעצטע. מען קען זי פאַרגלייכן צו דער פרייהייט, וואָס עס האָט דער אַרעסטאַנט אין טורמע, וואָס קען זיך פריי באַוועגן דאָרט ווו מען דערלויבט אים. דאָך האָט דער מענטש די פרייהייט צו בונטעווען זיך, צו שטרעבן, צו געטריישאַפט, צו העלפן דעם צווייטן, צו מאָראַל און ווערטן; צו ליבע, וואָס איז דאָס גרויסע ליכט, וואָס באַשיינט דאָס לעבן. דעריבער שרייבט ער אין זיין קריטיק איבער סאַרטערס בוך „עקל": „דער טעות פון דעם לייענער איז וואָס ער מיינט אַז נאָר די שרייבערס, וואָס שילדערן אונדז דעם יאוש זענען שטאַק אינטעליגענט. דאָס לעבן מוז גאָרניט זיין טראַגיש און ניט עקלדיק, ווי דאָס שילדערט אונדז סאַרטער אין זיין „עקל", דאָס לעבן קען אויך זיין וווּנדערלעך שיין. און אין דעם טאָקע באַשטייט די טראַגעדיע, וואָס דאָס לעבן איז ניט דאָס וואָס עס קען זיין". און קאַמי וואַרפט פאָר סאַרטערן, וואָס אין זיינע ווערק

ברענגט ער ניט קיין איינציקע שטראַל פון האָפענונג, קיין איינציק טראָפּן ליכט, לויט קאַמין איז דאָס פּאָזיטיווע ליכט וואָס ליגט אין מענטש, דאָס איז דער בונט, וואָס דריקט זיך אויס אין דער גענועל־שאַפטלעכער אַקטיווקייט פונעם מענטש, ווי אין זיין קינסטלערישע שאַפונג. אין זיין בוך „די פּעסט״ טרעפן מיר ניט בלויז פּעסימיזם. מיר געפינען דאָרט אַזעלכע טיפּן ווי די דאָקטוירים אויע און טאַרי, וועלכע שטעלן איין זייער אייגן לעבן צו ראַטעווען אַנדערע. דאָ ברענגט אונדז קאַמי די בשורה פון דעם Homo revolte דער מענטש וואָס רעוואָלטירט. דאָ האָבן מיר פאַר זיך דעם אונטערשיד צווישן קאַפקאַן און קאַמי. אויך ביי קאַפקאַן רעוואָלטירט דער מענטש אָבער קאַפקאַ האָט ניט קיין רפואה קעגן דעם אַבסורד, ווען ביי קאַמין צעשווימט די פּעסט, ווי נאָר דער מענטש הויבט אָן זיך צו באַנוצן מיט זיינע נאַטירלעכע תכונות פון: סאָלידאַריטעט, קעגנזייטיקע הילף, גוטסקייט, ווילן און רחמנות, וואָס זענען שטאַרקער פון דער מגיפה און לעבט איבער דער מגיפה. דאָ טרעט ביי קאַמין אַרויס זיין הומאַנער אָפּטימיזם קעגן דעם „מינוס־מענטש״ וואָס האָט קיינעם ניט ליב, איז פּאַסיוו, אינטערעסירט זיך מיט גאָרניט, האָט קליינע פאַרלאַנגען און נויטיקט זיך ניט אין דער פרייהייט. דאָס איז דער „מינוס־מענטש״, וואָס באַנוגנט זיך מיט זיין „נאָרמאַלער״ קאָנצעלאַריע־אַרבעט און מיט זיין פּראָווינציאָנעלן סטיל פון לעבן. צו אים אין קעגנזאַץ ברענגט אונדז קאַמי דעם מענטש פון בונט, וואָס נעגירט די הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש, די הערשאַפט פון דער פויסט, פון דעם שטאַרקן איבער די שוואַכע. דאָס איז דער מענטש, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דער ברוטאַלקייט פון פאַשיזם און דעם ראַסן־האַס, ווי פון קאָמוניזם וואָס ביידע פאַר־פינצטערן דאָס לעבן פון אונדזער יאָרהונדערט.

קאָנסעקווענץ צו זיין הומאַניטאַרן טראַכטן קומט קאַמי צו דע קאַרטס פילאָזאָפיע פון צווייפל. נאָר ביי קאַמין איז דער צווייפל אָפּטימיסטיש געבונדן מיטן נאַטוראַליזם פון 19־טן י. ה. כאָטש דער מענטש איז אַ מין סיזיפוס, וואָס זיין טעטיקייט איז אומזין און אָן תכלית, איז דאָך סיזיפוס אַ גליקלעכער מענטש, ווייל דער מענטש איז די איינציקע באַשעפעניש וואָס קען זאָגן — ניין!. „איך

צווייפל, האָט געשריבן קאַמי צו זײַנעם אַ דײַטשישן פרײַנט, צי די וועלט האָט אַ װעלכן ס׳איז זין. איך ווייס אָבער אַז דער מענטש איז די איינציקע באַשעפעניש, וואָס זוכט אַ זין און פאָדערט אַ זין". דער מענטש איז אויך די איינציקע באַשעפעניש וואָס בונטעוועט זיך קעגן אַבסורד. דאָ קומען מיר צום דריטן פון קאַמיס הויפּט־פּונקטן:

3) דער מענטש איז דער וואָס נעגירט און דערמיט הויבט זיך אָן זײַן בונט, דער מענטש איז לויט קאַמין אַ Homa revalte. דער אונטערשיד צווישן אַ בונטאַר און אַ רעוואָלוציאָנער באַשטייט אין דעם וואָס דער רעוואָלוציאָנער איז ניט קיין פרייער מענטש, ווייל ער פירט אויס באַפעלן פון װעלכער עס איז אָנפירערשאַפט אָדער פּאַרטיי. די רעוואָלוציע איז צעשטערעריש ווען די נאַטור פון מענטש איז שעפעריש. דער רעוואָלוציאָנער וועט אין נאָמען פון עפּעס אַ פאַרנעפּלטן „אמת" גרייט זײַן צו פאַרגיסן בלוט, ווען דער בונטאַר, ווי די פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", איז אַ מענטש פון הויכן מאָראַל. זיי האָבן ניט געוואָרפן קיין באָמבע אויף דער קאַרעטע פונעם צאַר, ווייל אין איר האָט זיך דאָן געפונען אַ קינד און זיי האָבן בעסער באַצאָלט מיטן אייגענעם לעבן איידער אומברענגען אַן אומשולדיק קינד. ווען זיי האָט קאַמי געשריבן: „ווען זיי די נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ וואָלט פעיק געווען אומצוברענגען אַ קינד וואָלטן זיי געוואָרן די הערשער איבער דער וועלט". ווי אַנדערש זענען זיי געווען פון די היינטיקע „מאַרקסיסטיש־לענינס־טישע" טעראָר־גרופּן פון די פאַרשידענע „רויטע בריגאַדעס" פון איטאַליע אָדער פון די „באַדער־מיינהאָף" אין דייטשלאַנד. זיי די רעוואָלוציאָנערן האָבן קיינמאָל זיך ניט אָפּגעזאָגט צו פאַרגיסן אומשולדיק בלוט פאַר זייערע צילן. אָבער קאַמיס רעוואָלט איז אַ גאָר אַנדערער, זײַן דעוויז — איך רעוואָלטיר ווייל כ׳בין אַ מענטש! דאָס מיינט אויך אַז דאָס מענטשלעכע טאָר מען קיינמאָל ניט פאַרלירן. קאַמי איז אָבער ניט געווען קיין קריסט, וואָס שטעלט זיך ניט אַנטקעגן דאָס שלעכטע. ער האָט פערזענלעך אָנטייל גענומען אין דער פראַנצויזישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע און אַרויסגעגעבן זײַן אומלעגאַלע

צייטונג „קאַמבאַ״. קאַמי איז אָבער געווען ניט נאָר קעגן דעם רעכטן נאָר אויך קעגן לינקן טאָטאַליזם. דער מענטש און די מענטשלעכע נשמה טאָר ניט זיין פאַרשקלאַפט צו קיין הערשער און דיקטאַטאָרן, אויך ניט צו פאַרטייען. ער דאַרף טראַכטן מיט אייגענע געדאַנקען און האַנדלען, ווי דאָס דיקטירט אים זיין אייגן געוויסן, פאַר־שטענדלעך אין די אינטערעסן פון די אַנדערע מענטשן און פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז דער גרונט־יסוד פון קאַמיס עטיק, וואָס איז ווייט פון דאָגמאַטישן מאַראַליזם ווי פון היסטאָרישן ניהיליזם. דערפון איז קלאָר פאַר וואָס קאַמי האָט געשטיצט דעם קאַמף פון די אַלזשיריער פאַר זייער אומאָפּהענגיקייט, ווען סאַרטער האָט לויט די אינטערעסן פון מאָסקווער אויסערן־פּאָליטיק, (ער האָט דאַן סימפּאַטיזירט מיטן קאָמוניזם), פונקט ווי די פראַנצויזישע קאַמי. פאַרטיי, געווען קעגן דער אַלזשירישער אומאָפּהענגיקייט. קאַמי איז אָבער אומעטום געווען אויף דער זייט פון יעדן גערעכטן קאַמף, קעגן אומגערעכטיקייט און פאַר פרייהייט פון אַלע מענטשן און פעלקער. ער האָט באַטראַכט יעדן מרד אַלס הומאַניש פון זיין יסוד.

כאָטש מען מישט אָפט צוזאַמען די צוויי נעמען — קאַמי און סאַרטער,ביידע אַלס באַגרינדער פון דער עקזיסטענציאַליסטישע פילאָזאָפיע. איז דאָך צווישןביידן געווען אַ באַדייטנדיקער אונטער־שיד. אויב סאַרטער האָט אַ לאַנגע צייט געהאַט אַ גרויסע סימפּאַטיע צום ראַטן־פאַרבאַנד און צום קאָמוניזם, כאָטש זיין אויפפאַסונג פון פרייען ווילן איז אין שטאַרקער ווידערשפּרוך צום מאַרקסיסטישן „געשיכטלעכע נויטווענדיקייט״, ווי סאַרטערס געדאַנק אַז „דער מענטש האָט ניט קיין אַנדערן געזעצגעבער ווי ער איז אַליין״, און אַז ער דער מענטש „ער אַליין דאַרף דעצידירן וואָס ער זאָל טאָן״, אָדער זיין געדאַנק אַז „אין דער געשיכטע דעצידירט דאָס צופעליקע איבער דאָס נויטווענדיקע״. דאָס אַלץ זענען היפּוכדיקע געדאַנקען צו דער מאַרקסיסטישער לערער און צו דער פילאָזאָפיע פון דעטערמיניזם. קאַמי דאַקעגן, וואָס האָט אַ קורצע צייט געהערט צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, האָט זיך דערווייטערט פון איר אויף מיילן ווייט. אין זיין דיסקוסיע מיט סאַרטערן דערקלערט

ער: „פון די געשיכטלעכע רעזולטאַטן איז דאָס אָפּשטאַרבן פון די מזרחדיקע און מערבדיקע דאַקטרינעס, מאַכט מיך גלויבן, אַז מיר וועלן די איבלען פון אונדזער צייט ניט ענדערן אויב מיר וועלן אינדיווידועל טעאָרעטיש זיך ניט באַפרייען פון די קאָנצעפּציעס, אַז דער מענטש, אין אַ געוויסע סיטואַציע, דאַרפט פאַרשקלאַפט ווערן. (ער מיינט אין די קאָמוניסטישע לענדער). מיר וועלן די טיראַנען פון אונדזער צייט ניט קענען ווירקזאַם באַקעמפן, ווען מיר וועלן צווישן זייערע שקלאַפן מאַכן אַן אונטערשיד פון צווישן די פאַרשקלאַפטע פון קאַפּיטאַליזם און פאַרשקלאַפטע פון קאָמוניזם צווישן די וואָס פאַרן געריכט פון דער געשיכטע ציטערן און די אַנדערע — דער פאַרגעסנקייט איבערלאָזן".

ווען סאַרטער האָט יאָרן לאַנג סימפּאַטיזירט מיטן קאָמוניזם, האָט קאַמי געפונען זיין אידעישער פאַרבינדונג מיטן פראַנצויזישן און שפּאַנישן אַנאַרכאָ-סינדיקאַליזם, וואָס האָט צווישן אים אין סאַרטערן געשאַפן אַ גייסטיקע צעשיידונג.

וועגן דער גייסטיקער נאָענטקייט פון קאַמין צום אַנאַרכיסטישן טראַכטן קענען דינען ניט נאָר די אידעען פון זיינע ווערק נאָר זיינע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען. נעמען מיר, למשל, אַזאַ זאַץ זיינעם: „אומפאַרשטענדלעך און סקאַנדאַליעז איז דאָס דערמאָרדן פון לואי דעם 16טן. אַ זייער שוואַכן מענטש, אָבער אַ זייער גוטער. די געשיכטע האָט געמאַכט דערפון אַ גרויס פייערלעכן אַקט. וואָס דער קאָנווענט האָט ווירקלעך דערמיט דערגרייכט איז ניט עפּעס אַנדערש, ווי דאָס אויפשטעלן אַ נייעם אַבסאָלוטיזם". קאַמי ווי דער אַנאַרכיזם, האַלט ניט פון פאַרטוישן איין הערשער אויף אַ צווייטן אָדער איין הערשאַפט אויף אַ צווייטע, נאָר פון אָפּשאַפן די גאַנצע הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש. קאַמי האַלט אויך, אַז „נאָך דעם ווי דער מענטש האָט ליקווידירט די טיראַניע פון גאָט וויל ער זיך זעלבסט מאַכן פאַרן גאָט. און ער זאָגט וועגן סטאַלינען: „נאָך גאָטס טויט באַמיט זיך די קאָמוניסטישע וועלט אויף זיין אָרט אַ פאַרגעטלעכן מענטש אויפצוריכטן". אין זיין אָנגריף קעגן מאַרקסן זאָגט קאַמי, אַז אייגענטלעך איז דער הויפּט-שולדיקער אין דעם מאָדערנעם טאָטאַליזם מער העגל ווי

מאַרקס, ווייל ער האָט באַזייטיקט פון דער געשיכטע די גערעכטיקייט, דעם שכל. ווערטלעך זאָגט ער: „מיט נאַפּאָלעאָנען און העגעלן דער נאַפּאָלעאָנישער פילאָזאָף, הייבט זיך אָן די צייט פון בלויזער נוצלעכקייט. די אייביקע פּרינציפּן זענען באַזייטיקט געוואָרן. דער ניהיליזם און דער קייזער האָבן טריאומפירט" אָדער ער זאָגט: „דער היסטאָרישער אַבסאָלוטיזם איז בכל ניט ווירקזאַם. ער. אין דער פאָרעם פון מאַכט, צעשטערט די שעפערישע ווירקלעכקייט. עס זענען פאַראַן נאָר צוויי ווירקזאַמקייטן. דאָס זענען דער ווירבלשטורעם און דאָס לעבנזאַפט".

מיליאָנען ביכער זענען אָנגעשריבן געוואָרן וואָס דערציילן ווי אַזוי מענטשן לעבן, אָבער ווייניק ביכער זענען פאַראַן וואָס דאַרפן אונדז לערנען, ווי אַזוי צו לעבן. צו די דאָזיקע שרייבער. געהערט אַלפרעד קאָמי דער הומאַנער שרייבער און דענקער.

דאָסטאָיעווסקי און דאָס געוויסן
פון דער אינטעליגענץ

וועגן דאָסטאָיעווסקין, איז אין משך פון 100 יאָר נאָך זיין טויט, זייער פיל געשריבן געוואָרן אין די פאַרשידנסטע אינטערפּרעטאַציעס. דער גרויסער דערפאָלג, וואָס זיינע ווערק האָבן נאָך ביזן היינטיקן טאָג, און די גרויסע ווירקונג וואָס זיי האָבן אויף דעם לייענער, און איר גרויסע השפּעה אויף דער ליטעראַטור בכלל. האָט פאַראינטערעסירט ניט נאָר די ליטעראַטור־קריטיקערס נאָר אויך פּסיכאָלאָגן.

דאָסטאָיעווסקיס בוך וועגן פאָטער־מאָרד „די ברידער קאַראַמאַזאָוו", האָט שטאַרק אינטערעסירט פרוידן, וואָס האָט געהאַלטן אַז דאָס איז דאָס בעסטע בוך וואָס איז ווען אָנגעשריבן געוואָרן. דער דורך פרוידן אַריינגעפירטער, אין דער פּסיכאָלאָגיע, באַגריף פון אונטערבאַוווסטזיין האָט געוואָרפן אַ ניי ליכט אויף די העלדן פון דאָסטאָיעווסקיס ווערק. אָבער ניט ווייניקער אויף דאָסטאָיעווסקין גופא. אָן אים צו פאַרשטיין איז שווער צו פאַרשטיין זיינע העלדן, ווייל ער אַליין איז, ניט ווייניקער ווי זיינע העלדן, אַ צעשפּאָלטענע נשמה. די וואָס ווילן זיך באַקענען מיט דאָסטאָיעווסקיס ווערק, אָנקומענדיק צו זיינע קריטיקערס, וועלן אים זעען אין די פאַרשידנסטער ליכט, אָפּהענגיק ווער עס שרייבט וועגן אים. אַ גאָר נייער און

אינטערסאַנטער צוגאַנג צו דער טעמע — „דאָסטאָיעווסקי“, געפינען מיר אין דער אַרבעט פון דעם באַקאַנטן פרייהייטלעכן פוילישן פּאָעט, נאָבעל־פּריז־טרעגער, פּראָפעסאָר פאַר ליטעראַטור אין אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט און טעאָרעטיקער פון דער „סאָלידאַר־נאָשטש“־באַוועגונג אין פוילן: טשעסלאַוו מילאָש, פון וועמען מען קאָן אַ סך לערנען.

די ערשטע פראַגע, ווען מען טראַכט וועגן דאָסטאָיעווסקיין, איז פּאַרוואָס אַזאַ געניאַלער שרייבער, אַזאַ טיפער קענער פון דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע, זאָל אַזוי אָפּוואַרפן יעדן בונט קעגן שלעכטס און זיין אַ רעאַקציאָנער? דאָס איז שווער צו פאַרשטיין, און אפשר אין דעם באַשטייט די רעטעניש פון דאָסטאָיעווסקיס פערזענלעכקייט. נאָך זיין צוריקקערן זיך פון סיביר האָט ער פון אַ געוועזענעם רעוואָלוציאָנער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנסערוואַטיסט. ווי אַ צום טויט־פאַרמשפּטער מיט אַ גרופּע פון 21 חברים איז ער, שטייענדיק פאַר אַ פּלוטאָן סאָלדאַטן, פאַר דער עקזיקוציע, אין דער לעצטער מינוט באַגנעדיקט געוואָרן. וואַרשיינלעך איז דאָס געווען אַ קאָמעדיע־שפּיל פונעם צאַר, וועלכער האָט שוין געוווּסט, אַז דאָסטאָיעווסקי האָט אויפגעהערט צו זיין אַ רעוואָלוציאָנער. ווייל שוין אויף דער פאַרשיקונג האָט דאָסטאָיעווסקי אָנגעשריבן אַ פּאַ־טריאָטישע אָדע געווידמעט דער קרימער מלחמה און אַן אָדע צום טויט פון דעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן, ווו ער פאַרגלייכט דעם צאַר צו דער זון. און ער שרייבט דאָרט: „איך וואָג ניט מיט מיינע זינדיקע ליפּן אָנצורופן דיין נאָמען“. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס זענען געווען גאַנץ שלעכטע לידער. צי האָט ער זיי געשריבן כדי צו לינדערן זיין גורל? מעגלעך אַז ניט, ווייל נאָך זייענדיק אַן אַרעס־טאַנט אין דער פּיטערפּלאַווסקער פעסטונג האָט ער צוגעשיקט דער מאַכט אַ דערקלערונג אין וועלכע ער אַנטוויקלט זיינע מאָנאַרכיסטי־שע איבערצייגונגען, וואָס קלינגען צו אויפריכטיק כדי צו דינען ווי אַ מיטל צו ראַטעווען זיין הויט. ער שרייבט דאָרט אַז אויב פאַר פראַנקרייך איז די רעוואָלוציע געווען אַ נויטווענדיקייט, וואָלט דאָס פאַר רוסלאַנד געווען אַ משוגעת, ווייל נאָר די מאָנאַרכיסטישע

אויטאָריטעט פון פּיאָטר דעם גרויסן האָט אָפּגעראַטעוועט רוסלאַנד פון דער טאַטאַרישער קנעכטשאַפט. און דאַך איז ער דאָן גלייכ־צייטיק געווען אַן אָנהענגער פון דעם סאָציאַליסט פוריען. דאָס לאָזט זיך נאָר דערקלערן מיט דער צעשפּאָלטנקייט פון זיין נשמה אין וועלכער סאָציאַליזם מיט אויטאָקראַטיע האָבן געקענט הויזן צוזאַמען. אָבער מיט דער צייט האָט ער זיך אויסגעהיילט פון זיינע יוגנטלעכע סאָציאַליסטישע טרוימען און געדינט אויסשליסלעך דער טאָטאַליטאַרער דאָקטרינע, האַלטנדיק אַז דער גרעסטער ציל פון רוסלאַנד דאַרף זיין דאָס דעראָבערן קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

דאָסטאָיעווסקי איז ניט געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך געפילט איינזאַם צווישן פאָלק. שוין אין טורמע האָבן די פּשוטע פויערים אים געוואָלט שלאָגן פאַר זיין ניט גלייבן אין גאָט און פון דאַן האָט ער פאַרשטאַנען אַז דער רוסישער פויער מוז האָבן אַ גאָט און אויב, ווי עס האָט געזאָגט ניטשע, אַז גאָט איז געשטאָרבן, וואָלט דער פויער גרייט געווען צו דינען דעם טייוול. נאָך האָט דאָסטאָיעווסקי פאַרשטאַנען אַז אַטעיזם פירט צו רעוואָלוציע און דאָס וואָלט אונטערגעריסן דעם כוח פון דער מאַכט און אָרדענונג. ער דערציילט אין זיינס אַ דערציילונג, אַז אַ מיליטערמאַן האָט זיך אונטערגעהערט צו אַ שמועס, ווי איינער האָט געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט, האָט ער דאַן אויסגעשריגן — אויב עס איז ניטאָ קיין גאָט איז וואָס פאַר קאַפּיטאַן איז פון מיר!? ווייל נאָר די רעליגיע פאַרזיכערט יעדער הערשאַפט איבערן פאָלק.

אָבער דער רוסישער אינטעליגענט האָט שוין געשפּייזט זיך מיט וואָלטעריאַניזם און מיט די פרייהייט־אידעען פון דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע. דאָס אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון לודוויק דעם 16טן האָט ניט געקאָנט אַדורכגיין אָן ווירקונג אויף דער רוסישער אינטעליגענץ. אָבער פאַר דאָסטאָיעווסקין האָט באַדייט דאָס אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון יעדער אויטאָריטעט ווי פון דער רעליגיעזער דאָגמע, אין זיין „ברודער קאַראַמאַזאָוו״ צעבונטעוועט זיך די זין קעגן זייער פאָטער און נאָכדעם ווי זיי האָבן אים דערהרגעט פרעגן זיין: צי דער טאַטע איז ניט געווען שלעכט און ניט מאָראַליש. דער

פאַטער־מאָרד איז דאָ סימבאָליש, פאַר דעם חטא פון אַ גאָט־פאָטער אָדער צאַר־פאָטער־מערדער, צו וועלכע די רוסישע רע־וואָלוציאָנערן האָבן געשטרעבט.

שוין אין זיין „פאַרברעכן און שטראָף״, וואָס ניטשע האָט אַזוי שטאַרק גערימט, שיקט דאָסטאָיעווסקי זיין צעבונטעוועטן אינטעלי־גענט ראַסקאָלניקאָוו, ניט צו דעם פּלאַץ ווי די דעקאַבריסטן האָבן אויפגעהויבן זייער בונט קעגן דער צאַרישער אָרדענונג, נאָר זיין גאַנצע אומצופרידנקייט קעגן אומיושר לאָזט ער אויס אין אַן אומזיניקן מאָרד איבער אַן אַלטער ליכוואַרקע. דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָסטאָיעווסקי איז געווען אַ קעגנער פון רעוואָלוציע און פון בונט קעגן דער מאַכט, האָט ער זיינע העלדן געלאָזט פירן גאָר אין אַן אַנדערע מלחמה, קעגן דעם טייוול וואָס וווינט אין יעדן פון זיי.

דאָסטאָיעווסקי איז געווען אַ סלאַוואָפיל, אַ פּאַטריאָט און אַנטיסעמיט און זיין גרעסטע געליבט איז געווען „דאָס הייליקע רוסלאַנד״. ער האָט פיינט געהאַט די אינטעליגענץ, צו וועלכע ער אַליין האָט געהערט. די רוסישע אינטעליגענץ איז שוין געווען טיף אַנגעשטעקט מיט די אידעאַלן פון פרייהייט און גלייכהייט. אָבער דאָסטאָיעווסקי האָט צו זיי ניט געהאַט קיין צוטרוי, ניט געגלויבט אין זייער אויפריכטיקייט. ער האָט געהאַט אַ וווּנדערלעכע פעיקייט צו דערקענען די פאַלשקייטן וואָס שטעקן אין אידעאַלן. ער האָט דאָן מיט דער גרעסטער נייגעריקייט נאָכגעפאָרשט דעם פּראָ־צעס איבער דער גרופּע ניטשאַיעוו און ער האָט נביאיש פאַרגעזען אַז זיי „די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן״, פאַר וועמען יעדער מיטל איז כשר פאַרן ציל, וועלן קומענדיק צו דער מאַכט, פאַרגעסן אין זייערע שיינע לאָזונגען וועגן פרייהייט און גלייכהייט. אין זיין בוך „די שדים״ האָט ער זיי געשילדערט, ווי די וואָס זייער מאַכט וועט זיין פיל אַכזריותדיקער פון דער צאַרישער און אַז אָט די „שדים־סאָציאַליסטן״ וועלן נאָך מער פאַרשטאַרקן די טאָטאַלע אָרדענונג און אויסברייטערן די גרענעצן פון „הייליקן רוסלאַנד״. זיי וועלן צעשמעטערן אַלע אינטעליגענטישע טרוימען וועגן פרייהייט

און נאָך בעסער פאַרן צאַר אויפהאַלטן רוסלאַנד ווי „די טורמע פון די פעלקער".

ווער עס איז געווען ניטשאַיעוו, קאָן מען אַמבעסטן לערנען פון די בריוו, וואָס באַקונין האָט געשריבן צו זיין פריינד טאַלאַנדיער. מיר באַנוגענען זיך בלויז מיט אַ פּאָר זאַצן פון זיי, ווי ער שרייבט: „נ. איז איינער פון די אַמערסטן טעטיקע און ענערגישע מענטשן, וואָס כ'האָב ווען געקענט. כדי צו דינען די זאַך, ווי ער דריקט זיך אויס, וועט ער זיך ניט וואַקלען און פאַר קיין פאַל זיך ניט צוריקציען און וועט זיין אַזוי אומברחמנותדיק צו זיך ווי צו אַנדערע". ווייטער שרייבט ער: „דאָס איז (ניטשאַיעוו) אַן איבערגעגעבענער פאַנאַטיקער אָבער גלייכצייטיק אַ שטאַרק געפערלעכער. דאָס צו־זאַמענאַרבעטן מיט אים קען ווערן פאַר אונדז אַלעמען אַן אומגליק". ווייטער שרייבט ער: „ער (ניטשאַיעוו), כדי צו שאַפן אין רוסלאַנד אַ סטאַבילע אָרגאַניזאַציע האַלט ער זיך ניט אָפּ פון באַנוצן מיט מאַקיאַוועלישער פּאָליטיק און יעזואיטישע מעטאָדן: לגבי דעם קערפּער — פיזישע צוואַנג, לגבי דער נשמה — ליגנט". אין דאָזיקן בריוו באַשולדיקט באַקונין ניטשאַיעוו אין אוממאָראַלישקייט, אין שפּיאָנאַזש, פאַראַט, און שאַנטאַזש לגבי אייגענע חברים און ער וואָרנט ניט אָנצוהאַלטן מיט אים קיין שום פאַרבינדונגען. ניטשאַיעוו האָט געהערט צום זעלבן טיפּ וואָס סטאַלין, וואָס זענען גרייט פאַר „די אינטערעסן פון פאָלק", מיליאָנען אויסצומאָרדן. און דאָסטאָ־יעווסקי האָט אָט דעם טיפּ רעוואָלוציאָנער אַזוי גוט דערקענט. ער האָט מיט זיין געניאַלער נביאישקייט פאָרויסגעזען אַז רוסלאַנד וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון די ניטשאַיעווס, ווי די געטרייע ראָלע וועט שפּילן פּיעדקאָ דער קרימינאַליסט און דער זיגער וועט זיין שעגאַליעוו (טיפּן פון זיינע העלדן). ער האָט פאָרויסגעזען, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וועט זיין גרויזאַם און ברוטאַל און וועט דעם רוסישן פאָלק ניט ברענגען קיין דערלייזונג.

ווי אַנדערש זענען געווען די טעראָריסטן פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", וואָס זענען געווען טיף־מאָראַלישע מענטשן. זיי האָבן ניט געוואָרפן קיין באָמבע אויף דער קאַרעטע פון צאַר, ווייל אין

איר האָט זיך געפונען אַ קינד און אַליין באַצאָלט מיט זייער לעבן. דאָס זענען געווען די גייסטיקע אַריסטאָקראַטן, די זשעלאַבאָווס און פעראָווסקאַיאַס, וועגן זיי האָט דאָס געזאָגט דער גרויסער שרייבער קאָמי, אַז ווען די דאָזיקע מענטשן וואָלטן געקאָנט דערמאָרדן אַ קינד, וואָלטן זיי געוואָרן די הערשער איבער דער וועלט. די דאָזיקע איידעלע רעוואָלוציאָנערן האָט דאָסטאָיעווסקי קיינמאָל ניט געוויזן אין זיינע ווערק.

דאָסטאָיעווסקי האָט ניט געהאַט קיין צוטרוי צו דער רוסישער אינטעליגענץ. צי האָט ער אָבער געגלויבט אַז די ישועה וועט קומען פון מערב? אין די דערקלערונגען פון זיינע העלדן איז ניטאָ קיין אָרט פאַר דעמאָקראַטישע געדאַנקען. ראַסקאָלניקאָוו האָט געגלויבט נאָר אין דיקטאַטאָרישע רעגירונגען פון „גרויסע" מענטשן. דאָסטאָיעווסקי האָט געגלויבט, אַז אויך די רעזשימען פון דעמאָקראַטיע, געשטיצט אויף וואַלן, וועלן פאַלן. כאָטש דאָס 19 י. ה. האָט זיך, נאָכן אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון לודוויק דעם 16טן, ווען דער אַנטי־מאָנאַרכיזם באַנוצט זיך אין ענגלאַנד און אַמעריקע מיט פרייהייט־לעבער רעטאָריק און וואָלט וויטמאַן שרייבט זיין דרייסטע פּאָעזיע וועגן אַלגעמיינער גלייכהייט. וועט אָבער דער דאָזיקער שטראָם גיך זיך קייקלען צוריק? עס וועט אָפּגעהוזיקט ווערן פון דער מענטשן־רעכט און אין דער אומאָפּהענגיקייט פון דעם געריכטווועזן. עס וועט אויך אין מערב חלומען די אינטעליגענץ וועגן אַ הערשאַפט פון אַן עליטע, וואָס ווייסט בעסער פון אַלעמען, וואָס עס גוט פאַרן פאָלק און אין נאָמען פון פאָלק וועלן זיי פאַרלאָזן די דעמאָקראַטיע, ווי די רוסישע אינטעליגענץ האָט פאַרלאָזט דעם צאַר. זיי וועלן ווי די רוסישע „שדים" לאָגיש ווערן, די פאַרטיידיקער פון דער אַלגעמיינער שקלאַפעריי. האָט דען ניט איוואַן קאַראַמאַזאָוו געזען אין דעם אינקוויזיטאָר דעם גרויסן באַשיצער פון די מענטשן? די מענטשן האָבן אפשר קיין בעסערס ניט פאַרדינט, ווייל זיי זענען קינדער, וואָס קאָנען אַליין איבער זיך ניט הערשן.

צי האָט ניט דאָסטאָיעווסקי, אין זיין אומצוטרוי, אויך צו דער מערב אינטעליגענץ, פאָרויסגעזען אַז אין מערב וועלן די „ברוינע

שדים״ פאַרגיסן אייראָפּע מיט טייכן פון בלוט און אומברענגען מיליאָנען? אפשר דערפאַר האָט ער בעסער געוואָלט די מאַנאַרכיע, וועלכע איז פאָרט ניט געווען אַזוי בלוט־דורשטיק ווי די ראָבעס־פּיערס און די סטאַלינס? און אפשר האָט ער געוואָלט בעסער די הערשאַפט פון קריסטוסן איידער פון די אינקוויזיטאָרן?

דאָסטאָיעווסקי האָט אָבער ניט געקאָנט איינהאַלטן די רעדער פון דער געשיכטע. די מאָנאַרכיע האָט געמוזט אָפּגעשווענקט ווערן. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס איז געווען דורשטיק נאָך בלוט, האָט אָבער געשאָנקען דער וועלט די געזעצן פון מענטשן־רעכט, נייע שטרעבונגען צו פרייהייט. זי האָט געבוירן די אידעען פון סאָציאַלער גלייכהייט און פון סאָציאַליזם. אָבער דאָך זענען דאָסטאָיעווסקיס ווערק נאָך אַלץ שטאַרק אַקטועל. ווייל די אינטעליגענץ איז געבליבן די זעלבע, ווי געווען. זי האָט גאָרניט געלערנט פון די געשיכטלעכע דערפאַרונגען, ניט פון די געשיכטלעכע אומגליקן, דעם היטלעריזם און סטאַליניזם און ווען עס האָט זיך געמאַכט אַזאַ גרויסע געלעגנהייט, ווען דער גייסטיקער קריזיס איבער אַמעריקע און אייראָפּע, אין דער צייט פון דער מלחמה אין וויעטנאַם, האָט אַרומגעכאַפּט מיליאָנען פון דער בעסטער פון דער יוגנט פון ביידע קאָנטינענטן, אין קאַמף קעגן מלחמה, קעגן דעם פאַרפוילטן סיסטעם פון בילדונג אין די אוניווערסיטעטן, קעגן ראַסיזם, קעגן דער דיסקרימינאַציע פון דער פרוי. אַנשטאָט אַז דער ריזיקער מאַסן באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די אַמעריקאַנער אוני־ווערסיטעטן און געענדיקט זיך אויף די באַריקאַדן אין לאַטיינישן קוואַרטאַל פון פאַריז, צו געבן אַ פרייהייטלעכן כאַראַקטער, זענען געקומען די טעאָרעטיקער פון באַנקראָטירטן מאַרקסיזם, פראָמאַ און מאַרקוזע, האָבן אַריינגעגאָסן אין מאַרקסיזם אַביסל ניי בלוט געשעפּט פון פרוידיזם, און אַנאַרכיזם. און פאַר זייערע נביאים אַרויס־גערוקט מאַרקסן, לענינען און מאַאָ. און פון דער דאָזיקער מאַסן־בונט איז אויסגעוואַקסן דער „נייע לינקס״, ווי די אַלטע „שדים״, די מאָדערנע ניטשאַיעווס, וואָס האָבן געוואָלט מיט טעראָר און מאָרד, אָפּט איבער אומשולדיקע, ברענגען צו דער מאַכט אַ נייעם

„לינקן" פּאַשיזם, וואָס זאָל אָפּווישן די לעצטע שפּורן פון דער מערבדיקער פרייהייט. און דער גרויסער און גערעכטער בונט פון מיליאָנען פון דער יוגנט איז דערטרינקען געוואָרן אין דעם „מאַרק־סיזם־לעניניזם", געמישט מיט נאַרקאָטיק.

*

אין אָנהייב פון דאָזיקן אַרטיקל האָבן מיר געזאָגט אַז דאָסטאָ־יעווסקי איז געווען אַ גרויסער מענטשן־קענער. זיינע ביכער קאָנען דאָס אַמבעסטן באַשטעטיקן. מען קאָן פון זיי ברענגען וואונדערלעכע ציטאָטן וואָס באַשטעטיקן דאָס. און כ'וויל טאַקע ענדיקן דאָס אַרטיקל מיט אַן אויסצוג פון דאָסטאָיעווסקיס „דער אידיאָט" און לאָזן אים אַליין רעדן:

— „אין דער אמתן איז ניטאָ קיין ערגערע זאַך, ווי צו זיין, צום ביישפּיל רייך, פון אַ פיינער פאַמיליע, פון פיינעם אויסזען, ניט שלעכט געבילדעט, ניט נאַריש אַפילו אויך גוט און אין דער זעלבער צייט ניט האָבן קיין טאַלאַנט, קיין אָרגינעלקייט, אַפילו ניט קיין משוגעתן, קיין אייגענעם געדאַנק און זיין אין גאַנצן „ווי אַלע". אַביסל ווייטער שרייבט ער:

— „אַזעלכע מענטשן זענען דאָ אויף דער וועלט זייער אַ סך און אַפילו מער ווי עס דוכט זיך; זיי טיילן זיך אויף צוויי סאָרטן: איינע זענען באַשרענקטע און די צווייטע ,אַ ביסל קליגער' די ערשטע זענען גליקלעכער. דעם באַשרענקטן ,געוויינלעכן מענטש' איז צום ביישפּיל, ניטאָ קיין לייכטערע זאַך ווי זיך איינצורעדן, אַז ער איז אַן אומגעוויינלעכער און אָרגינעלער מענטש און ער וועט אָן צווייפל האָבן פון זיך הנאה". „אייניקע פון אונדזערע מיידלעך האָבן מער ניט באַדאַרפט ווי זיך אָפּשערן די האָר, אָנטועט בלויז ברילן, און זיך אָנרופן ניהיליסטקעס, כדי זיך גלייך זיך צו איבער־צייגן, אַז אָנטוענדיק בלויע ברילן, האָבן זיי גלייך באַקומען ,אייגע־נע' איבערצייגונגען".

— „אָט די חוצפּה, אָט דער אומצווייפלדיקער גלויבן, פון דעם נאַרישן מענטשן, אין זיך און אין זיין טאַלאַנט, איז אויסגעצייכנט אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון גאָגאָלן אין דעם וואונדערלעכן טיפּ

פון דעם אָפּיציר פּיראַגאָוו. פּיראַגאָוו צווייפלט אַפילו ניט אַז ער איז געניאַל, אַפילו העכער פון יעדן געניע" ווייטער גיט דאָסטאָ־יעווסקי צו: „מיר האָט שטענדיק באַנג געטאָן וואָס דעם גרויסן פּיראַגאָוו האָט גאָגאָל גענומען פון אַזאַ קליינעם טשין, ווייל פּיראַגאָוו איז אַזוי פיל זעלבסטבאַפרידיקט, אַז פאַר אים איז ניטאָ קיין גרינגערע זאַך, ווי פאַרשטעלן זיך, לויט די עפּאָלעטן, וועלכע ווערן גרעסער מיט די יאָרן, און איינפאַך ניט צווייפלען אין דעם, אַז מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ גענעראַל און פאַרוואָס ניט פאַר אַ פעלדמרשאַל? און וויפל זענען געווען אַזעלכע פּיראַגאָווס צווישן אונדזערע ליטעראַטן, געלערנטע און פּראָפּאַגאַנדיסטן? איך זאָג ,געווען' נאָר געוויס זענען זיי נאָר איצט פאַראַן..." ווייטער זאָגט ער „צוליבן חשק צו זיין אָרגינעל איז אָפטמאָל דער ערלעכסטער מענטש גרייט צו באַגיין אַ נידערטרעכטיקייט".

דאָס אַלץ האָט דאָסטאָיעווסקי געזאָגט וועגן די „געוויינלעכע מענטשן", אָבער די שרייבערס זוכן פאַר העלדן פון זייערע ראָמאַנען גראָד צווישן די „ניט־געוויינלעכע מענטשן", צווישן טיפּן וואָס צייכענען זיך אויס מיט עפּעס אַ באַזונדערקייט, וואָס זענען אָדער מענטשן מיט גרויסן גייסט אָדער ניט זעלטן פאַרברעכערישע טיפּן. און אָט ווי עס שילדערט דאָסטאָיעווסקי די דאָזיקע טיפּן פון דער הויכער געזעלשאַפט, מיט זייער אָנשטענדיקע האַלטונג, שאַרפ־זיניקייט, איידלקייט און גוטע מאַנירן: „די מערסטע געסט, ניט געקוקט אויף זייער אויסערלעכער ווירדיקייט איז באַשטאַנען פון גאַנץ פּוסטע מענטשן, וואָס האָבן אַליין ניט געוווּסט, אַז זייער זעלבסטצופרידנקייט, אַז אַ סך פון זייער שיינקייטן — זענען ניט מער ווי געקינצלטע", דערפאַר זענען, לויט דאָסטאָיעווסקי, צווישן געפּאַלענע פאַרברעכער גאַנץ אָפט, טיפע מענטשלעכע געפילן און אָפט אַ סך מענטשלעכקייט, וואָס מען קאָן צווישן דער „הויכער געזעלשאַפט" גאָר ניט געפינען. דער הויפּט־העלד פון זיין ראָמאַן „דער אידיאָט" איז אַ טיפּ אַ ניט־איבערגעשפּיצטער, דערפאַר, אַן ערלעכער, אַ גוטער, אַן אויפריכטיקער, אַ צוגעלאָזענער, גרייט שטענדיק אַ צווייטן צו העלפן. פאַר אָט די אַלע „חסרונות" ווערט

ער דורך דער געזעלשאַפט באַטראַכט פאַר אַ נאַר און אפילו פאַר אַן אידיאָט.

און איצט פרעגט זיך: צי נאָך 120—130 יאָר פון דאָסטאָ־יעווסקיס שאַפן זיינע וויכטיקסטע ווערק, צי האָט דער מענטש פון דאַן זיך געענדערט? אַט איז רוסלאַנד דורכגעגאַנגען אַ גרויסע רעוואָלוציע און צי טרעפן מיר ניט ביי סאָלזשעניצין דאָס זעלבע „ווייסע הויז" וואָס ביי דאָסטאָיעווסקין? ס'איז גענוג ווען, נאָכן טויט פון סטאַלינען, עס זאָל אויפבליצן די קלענסטע אילוזיע, אַז מען מעג שוין דערציילן דעם אמת, פון דער ווירקלעכע ווירק־לעכקייט פון סאָוויעטישן לעבן און סאָוויעטישן מענטש, און מיר טרעפן ביי דאַניעל גראַנעס אין זיין בוך: „די זוכער" די זעלבע דאָסטאָיעווסקישע טיפּן, פון קאַריערּיסטן, שווינדלערס, מענטשן אָן פּרינציפּן, פּחדנים, וואָס דינען דעם טייוול. אין איר דערציילונג וועגן אַ דירעקטאָר פון אַ מ.ט.ס., פרעגט די העלדין פון ניקאָלייעווו־נאַ: „פאַרוואָס זאָרגט ניט דער דירעקטאָר פאַרן אַלגעמיינעם גוטס, נאָר קודם כל פאַרן אייגענעם נוצן?" ניקאָלייעוונאַס די־רעקטאָר איז אַ גרויסער ספּעציאַליסט פון פאַרזייפן יענעם די אויגן. מיט כיטרע ווערטער קען ער איינרעדן, אַז ער טוט די וויכטיקסטע אַרבעט, אָן אים קען מען זיך פּשוט ניט באַגיין, ווען אין דער אמתן זאָרגט ער נאָר פאַר זיין אייגענער פּאָזיציע. ווען מיר לייענען גראַנעסן, ניקאָלייעוונאַ, טענדריאַקאָוון און אַנדערע שטעלט זיך די פראַגע: פון וואַנען, נאָך כמעט זיבעציק יאָר „סאָ־ציאַליזם" אין רוסלאַנד, נאָך אַזאַ אומהיילבאַרער עגאָיזם, אַזאַ זשעדנעקייט נאָך פּריוואַט־אייגנטום, אַזוי פיל פאַרשווענדישקייט און ביוראָקראַטיע? ווען עס וואָלט היינט אויפגעשטאַנען אַ נייער דאָסטאָיעווסקי און ווען ער וואָלט געהאַט די מעגלעכקייט פריי צו שרייבן, ווי ער האָט דאָס געהאַט טאָלסטאָי, גאָרקי, לערמאָנטאָוו, דאָסטאָיעווסקי און אַלע אַנדערע רוסישע שרייבער און דיכטער אין די צייטן פון די רוסישע צאַרן, וואָלטן זיי דאָך אַנגעטראָפן, ניט בלויז די זעלבע „ווייסע הייזער" און „אַרכיפּעלאַג גולאַג", נאָר זיי וואָלטן נאָך געפינען ניט ווייניק „באַליידיקטע און אונטערגעדריקטע"

און ניט וויניק אַזעלכע וואָס עס שרעקן זיך מער פאַרן לעבן ווי פאַרן טויט.

און דאָסטאָיעווסקי דער רעאַקציאָנער, דער סלאַוואָפיל, גרויסער אַנטיסעמיט, גרויסער פיינט פון ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע האָט דאָך נביאיש פאַרגעזען אַז די רעוואָלוציע וועט דעם מענטש און דאָס לעבן ניט בעסער מאַכן. ער איז געווען מיט אומצוטרוי צו דער וויסנשאַפט, צום אינטעליגענט און צו דער מערב־קולטור און דאָך זיך געפינען אונטער דער גרויסער השפעה פון די מערב־שרייבער, ווי: זשאָרדזש סענד, וויקטאָר הוגאָ און דיקענס, דער־ציילנדיק וועגן דעם פשוטן מענטש, פון זיינע יסורים און האָפענונגען.

הענריק איבסען

הענריק יוהאַן איבסען איז געבוירן אין 1850 אין נאָרוועגיע. אין צוויי יאָר אַרום ווערט 80 יאָר נאָך זיין טויט. אָבער זעלטן זאָלן ווערק פון שרייבער, דיכטער און דראַמאַטורג, נאָך אַזוי פיל יאָרן, בלייבן אַזוי פריש. נאָך היינט גייען זיינע דראַמעס ניט אַראָפּ פון די טעאַטער־בינעס. פּונקט ווי שעקספּיר איז ער אייביק אַקטועל, ווייל זיינע טעמעס זענען אייביקע.

איבסען געהערט ווי טאָלסטוי צו די אייביקע זוכערס. ביידע זענען געקומען מיט דער לאָזונג פון תחיית המתים, פון באַנייאונג און באַפרייונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. ביידע זענען געווען די טרעגער פון דער יחידישן און אַנאַרכיסטישן וועלטבאַנעם אין דער ליטעראַטור. ביידע האָבן געזען אין דער באַפרייונג פון דעם יחיד פון דער קאָרומפּירטער וועלט. אָבער ווען טאָלסטוי האָט געשפּאַנט מיטן פּאַלמען־צווייג פון פרידן, געזען דעם וועג צו פרייהייט דורך שטילע ליידן און קריסטלעכע ליבע, איז איבסען געווען אַ קאַמף־נאַטור, אַ דענקער פון מוט און טאַט. ביידע געהערן זיי צו די מאָראַלישע אַפּאָסטאָלן פון דער מענטשהייט.

איבסען ווי טאָלסטוי האָבן געהערט צו די געניאַלע שרייבערס, וואָס האָבן ניט געלאָזט זיך פאַרבלענדן פון דער מעכטיקער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק און אינדוסטרי, ווייל דערמיט האָט

קיין סוף ניט גענומען צום גרויזאַמען סאָציאַלן אומיושר און צו די מענטשלעכעליידן און נויט; ווייל די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט דעם מענטש ניט גליקליכער געמאַכט. ביידע האָבן געזען, פון איין זייט די אָרעמקייט פונעם פּויער און פון דער צווייטער זייט דעם קליינעם קרייז פון פּאַראַזיטישע לײַדיקגייערס, וואָס בילדן די א.ג. „אָפיציעלע געזעלשאַפט", וואָס שטייט איבער דעם גרויסן פּראָצעס פון לעבן. ביידע האָבן געזען די מאָראַלישע געפאַלנקייט פון אָט דער „אָפיציעלער געזעלשאַפט".

זיין קינדהייט און יוגנט האָט איבסען דורכגעלעבט אין גרויסער אָרעמקייט און דאָס האָט אפשר געלייגט דעם שטעמפּל אויף זיינע סאָציאַלע דראַמעס. צום סוף איז ער געווען געצוואונגען אַוועקצוגיין אין גלות. ווען עס איז דערשינען זיין „בראַנד", האָט ער אין רוים געלעבט אין דער גרעסטער נויט. געטריבן צום וואַנדער האָט אים אויך דער ברוגז מיט זיין לאַנד, וואָס האָט צוזאַמען מיט שוועדן, פּחדנותדיק ניט געקומען צו הילף דאָס באַפאַלענע דענעמאַרק דורך דעם פּרייסישן און עסטרייכישן מיליטער. אַ דערשלאָגענער אין זיין איינזאַמקייט, אויף זיינע וואַנדער־וועגן, שרייבט ער די ווערטער: „דו, פאָלק, האָסט מיר געגעבן דעם שטעקן פון וואַנדער, אַרויפגעוואָרפן אויף מיינע אַקסלען די לאַסט פון נויט און איינגעהילט מיינע פיס אין די סאַנדאַלן פון זאָרג — טרויעריקע מתנות אויפן וועג".

זיין ערשט ווערק האָט איבסען געשאַפן נאָך אויף דער שול־באַנק. דאָס איז געווען אַ היסטאָרישע דראַמע פון רוימישן לעבן, ווי ער ברענגט אַרויס, מיט קינדישער ליידנשאַפט דעם העלד קאַטאַלינאַ, ווי אַ קאָלאָסאַל מעכטיקן גייסט, וואָס הייבט זיך אויף גאָר הויך איבער דער באַנאַלער סביבה. ער הויבט אויף די פאָן פון אויפשטאַנד און ווערט צום סוף דער קרבן פון פאַראַט און פון זיין אייגענעם פאַרברעכן, פון וועלכע ער קויפט זיך אויס מיט זיין טויט. פון אָנהייב האָט ער געשריבן אין טראַדיציאָנעל נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישן סטיל, מיט אַ דאָזע פון לייכטן הומאָר.

זיין פּאָעטיש ווערק „די פּרעטידענטן צום טראָן" איז אַן אידיליש ווערק, געשריבן מיט אַ מעכטיקן פּאַטאָס און גרויסער

אידעישקייט, ווי עס קומט צום אויסדרוק דער קאָנפליקט צווישן רעליגעזן גלויבן און לעבנס־לוסט. אין דאָזיקן ווערק ברענגט ער אונדז צוויי סימבאָלישע כאַראַקטער־קעגנזאַצן: איינער מיט אַ געזונטן גלויבן אין זיך, וואָס כאַראַקטעריזירט אַ גאַנצע קעמפערישע גענעראַציע. דער צווייטער — אַן אומגלויבן אין זיך, פול מיט צווייפל, וואָס פרעסט, ווי אַ וואָרעם די נשמה. דאָס איז דער אייביקער קאַמף מיט זיך אַליין, וואָס איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ גרויסער טייל פון אַ גאַנצער גענעראַציע. אָט די צוויי כאַראַקטער־טיפּן גייען דורך, ווי אַ גאָלדענער פאָדים; דורך כמעט אַלע איבסענס ווערק. דאָס איז אפשר זיין גרעסט ווערק, ווייל זיין „קאָמעדיע פון ליבע" און „בראַנד" פאַרמאָגן שוין ניט דאָס אָריגינעלקייט, וואָס „די פּרעטידענטן צום טראָן". דאָך רופן די דאָזיקע ווערק צוזאַמען מיט זיין „די קינגהים פון העלגאָלאַנד" אַרויס גרויסע סקאַנדאַלן, ווייל אין זיי טרעט איבסען שאַרף אַרויס קעגן דער פיליסטערישע־געזעלשאַפט. אין זיין „בראַנד" האָבן מיר צו טאָן מיט אַן אידעאַליסטישן קעמפער. אין אַלע זיינע ווייטערדיקע דראַמעס ווערט איבסען דער גרויסער קריטיקער, וואָס רייסט אַרונטער די פאַלשקייט פון דער געזעלשאַפט, די אינסטיטוציע פון הערשאַפט, ווי די צביעות פון דעם קאַפּיטאַליסטישן מאָראַל און דעם ליגנט פון דעם מאָדערנעם הייראַט.

די דאָזיקע ווערק לאָזן איבער אַ דערשיטערדיקן איינדרוק און האָבן שטאַרק אימפּאָנירט דעם עולם. זיין דיכטונג רעגט אויף און באַרויִקט. דאָס איז אַ קאָמפּלוסטיקע דיכטונג, וואָס שטיפט ניט, שפּילט זיך ניט. נאָר וואָרפט אַ פאַראַכטונג צו דער פאַרדאָרבענער וועלט. מען דאַרף האָבן אַ מעכטיקן טאַלאַנט אָנצושרייבן אַזאַ פּאָעמע, ווי די „פּרעטענדענטן צום טראָן" אָדער זיין „קאָמעדיע פון ליבע" אין אַזעלכע פּערזן, וואָס פליסן אַזוי לייכט, טראָגן זיך מיט אַ משוגענער שנעלקייט, וואָס ווערט באַטראַכט פאַר דעם באַדייטנדיקסטן אַטריבוט פון אַ דיכטער. אויך אין זיין „בראַנד" טרעפט מען וווּנדערלעכע שורות פון אַ ליבע פון אַ מוטער צו איר טויט קינד — אַ סצענע וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין דער וועלט־ליטעראַטור. אין זיין „פּיער גינט"

גיט אונדז איבסען דעם מענטש אין אַלע זיינע פעלערן: פון באַגרענעצטקייט און פון עגאָיסטישן „איך". דאָך געפינען מיר דאָרט אַ הערלעכע לעבעדיקע הקדמה און בלעטלער, וואָס אָטעמען מיט קרעפטיקער פאַנטאַזיע.

איבסען שרייבט זיינע גרויסע דראַמעס אין אַ רעאַליסטישן סטיל, רייך מיט פסיכאָלאָגישער טיפקייט, מיט דראַמאַטישן קראַפט פון זיינע מאַנאָלאָגן און סימבאָליק, ווו ער נעמט זיך אָן פאַר דער מענטשלעכער פרייהייט, פאַר דער רעכט פון יחיד און דער באַפרייונג פון דער פרוי. ער באַניצט דאָס געווער פון שאַרפזין און סאַרקאַזם, וואָס שטעלט אים אַוועק אין דער ערשטער ריי מיט די גרעסטע דראַמאַטורגן און גרעסטע דענקערס. איבסען האָט ליב צו מאָלן טיפן מיט שטאַרקע נשמה־קאָנפליקטן, וואָס פאַרמאָגן גרויסע שטרעבונגען, זיי פאַרמאָגן אָבער ניט די קרעפטן זיי צו פאַרווירקלעכן און פאַלן אין קאַמף קעגן גורל. ער שילדערט אונדז אויך טיפן פון טאָפּלטן מאָראַל, צעשפּאָלטענע נשמות און נעבן זיי ברענגט ער אונדז אַרויס העראָישע געשטאַלטן ווי: נאָראַ, בראַנד, שטאָרקמאַן, וואָס גייען זייער אייגענע וועגן, ניט רעכנענדיק זיך צי דאָס געפעלט וועמען אָדער ניט, אָדער צי דאָס איז כדאי.

אין זיין „שונא פון פאָלק" דערציילט אונדז איבסען וואָס פאַראַ צרות עס איז אויסגעשטאַנען אַ טאַלאַנטפולער דאָקטאָר, אין אַ קליין נאָרוועגיש שטעטל, פאַר זיין ערלעכקייט, דערפאַר וואָס ער האָט געוואָרנט זיינע קראַנקע פּאַציענטן קעגן דער שעדלעכקייט פון דעם „הייל־וואַסער" פון דעם שטעטלדיקן קור־אָרט, אין דער צייט ווען די „שטאָט־טאַטעס" האָבן פון דעם שעדלעכן וואַסער געוואָלט אַרויסציען פאַר זיך גרויסע ריווחים. זיי האָבן ניט געוואָלט אַריינלייגן קיין געלט צו פאַרריכטן די וואַסער־לייטונג, האָבן זיי דעם ערלעכן דאָקטאָר באַשיט מיט זידל־ווערטער, באַליידיקט, געהעצט קעגן אים אַלס „שונא פון פאָלק" און זיין הויז באַוואָרפן מיט שטיינער. אין קיין שום דראַמע האָט איבסען אַזוי שטאַרק ניט אַרויסגעברענגט דעם געדאַנק, אַז ניט שטענדיק איז די מערהייט גערעכט און אַז דער „שטאַרקסטער מענטש איז דער וואָס שטייט אַליין". די דראַמע איז אַ שאַרפע

סאַטירע אויף די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען און דאָס קליינע נאַרוועגישע שטעטל איז די אָפּשפּיגלונג פון אונדזער גאַנצער וועלט, דאָס קור־אָרט — אַ געשוויר פון אונדזער קראַנקער געזעלשאַפט, ווי די ערלעכע שטייען איינזאַם קעגן די מעכטיקע געשווירענע „פּאַטריאָטן", וואָס פאַרסמען די מענטשלעכע מוחות און פאַר־שקלאַפן אים צום ליגנט. די געזונטהייט און דאָס לעבן פון די מענטשן ליגט זיי אין דער לינקער פּיאַטע און זייי דערטרינקען דעם אמת אין הויכע פּאַטריאָטישע פראַזן. אַלע העכערע אידעאַלן און שטרעבונגען ווערן באַזיגט דורך דער פאַרדאָרבנקייט און פאַרברעכן פון די „שטאָט־טאַטעס", וואָס פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער געזעלשאַפט. איבסען האָט זיך געקלאָגט אויך דער נישטיקייט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, אויף דער מיטלמעסיקייט וואָס איז אָן כאַראַקטער, אָן ליידנשאַפט, וואָס זינקט אין קרעמעריש־קייט, ווערט פאַרדאָרבן פון ליגנט, וואָס באַקט זיך איין אין די נשמות פון דער דורכשניטלעכקייט און פאַרשקלאַפט זיי צו די שטאָט־טאַטעס.

פון זיין ערשט ווערק „קאַטאַלינאַ" ביז זיין לעצטע דראַמע „דאָס ליאַלקע הויז" פּילן מיר איבסענס קריגערישן פּאַטאָס. ער קוקט אויפן לעבן ווי אַ מאָראַליסט, וואָס וויל, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין „נאַרא", דערגיין ווער איז געזעצט ער צי די געזעלשאַפט. אויף ליבע קוקט ער ווי אַ פּעסימיסטישער פילאָזאָף, וואָס זעט די אילוזאָרישקייט פון דער ליבע. ווייל זי גיט ניט דעם יחיד די באַפרידיקונג נאָר דינט דער נאַטור אין די אינטערעסן פון די צוקונפטיקע גענעראַציעס. לויט אים איז די ליבע קאָמיש און איר איינציקע גוטע זאַך איז וואָס זי איז אילוזאָטאָריש. קאָמיש איז זי דערפאַר וואָס זי פירט צו הייראַט, צו אַ פּיליסטערישן לעבן, ווי עס ווערט דערשטיקט דאָס פּאָעטישע און פאַנטאַסטישע.

אין זיין פאַרהערלעכן די פּערזענלעכקייט און זיין געראַנגל מיט די דערשטיקנדיקע כוחות פון דער געזעלשאַפט, טרעט איבסען אַרויס קעגן אַלץ וואָס באַגרענעצט דעם יחיד. ער גלייבט אַז דער יחיד דאַרף זיין פריי, דעריבער קוקט ער מיט פאַרדאַכט אויף דער הייראַט, וואָס בינדט די פערזענלעכקייט אין די פאַמיליע־קייטן. ער

איז אויך אַ שונא דער מלוכה. אָבער אויב די אַנאַרכיסטן טיילן אָפּ געזעלשאַפט פון מאַכט און טרעטן אַרויס נאָר קעגן דער מאַכט, טרעט אָבער איבסען אַרויס סיי קעגן דער מאַכט סיי קעגן דער געזעלשאַפט. און כאָטש ער איז סקעפּטיש צום לעבן בכלל האָט ער אָבער אַ טיפן גלויבן צו אַ נײַ לעבן, וואָס דאַרף געבוירן ווערן. דאָס קען אָבער געשען ווען דער יחיד וועט זײַן פרײַ און ער זאָגט טאָקע: „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט זענען היינט ניט מער דאָס וואָס זיי זענען געווען אין די צייטן פון דער זעליקער גילאָטינע. דאָס ווילן די פּאָליטיקער ניט פאַרשטיין. דערפאַר האָב איך זיי פיינט. די דאָזיקע מענטשן שטרעבן צו אַ דרויסנדיקער רעוואָלוציע, צו טיילווייזע פּאָליטישע רעוואָלוציעס, דאָס אַלץ איז נאַרישקייטן, וויכטיק איז די רעוואָלוציע אין מענטשלעכן גייסט".

אין וואָס באַשטייט אייגנטלעך זײַן גייסטיקע רעוואָלוציע? אין דער שטרעבונג צו דער העכסטער מאָס פון פרייהייט פאַרן יחיד און ער זאָגט טאָקע ערגעץ „גיט נאָר אַ טראַכט, וואָס פאַרא ווונדערלעכע ליבע צו פרייהייט די שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען מוזן אַרויסרופן. אין רוסלאַנד האָבן מענטשן אמתדיק ליב די פרייהייט און זענען גרייט פאַר איר זיך מקריב צו זײַן. וויפל האָט איר אַזעלכע לענדער אין דער וועלט? דערפאַר שטייט די רוסישע דיכטונג אויף אַזאַ הויכע שטופע".

אויף אַ צווייט אָרט באַדויערט ער וואָס „מען האָט ביי אונדז שטערבלעך צוגענומען רוים אויך און דאָס אָפּגעגעבן צו די פּאָליטיקער. ווו זאָלן מיר זיך איצט באַהאַלטן? רוים איז געווען די איינציקע שטאָט אין אייראָפּע ווו די פרייהייט איז געווען אַן אמתדיקע, ניט קיין פּאָליטישע, ניט קיין פרייהייט פון טיראַנישן יאָך פון דער פּאָליטיק... און דערצו די הערלעכע בענקשאַפט נאָך פרייהייט — אויך זי איז פאַרשוווּנדן איצט".

ווי שוין געזאָגט איז איבסען געווען אַ הייסער קעגנער פון דער מלוכה, (פונעם שטאָט), ווייל זי צענטראַליזירט דאָס גאַנצע לעבן, קיינמאָל, זאָגט איבסען, איז איטאַליע ניט געשטאַנען אַזוי קינסטלעריש הויך ווי אין די צייטן ווען סיענאַ און פלאָרענץ האָבן

געלעבט זייער אָפּגעזונדערט לעבן. דייטשלאַנד האָט אין איר געשיכטע זיך קיינמאָל אַזוי ניט דערהויבן ווי אין די צייטן ווען קעניגסבערג (קאַנט) און ווײַמאַר (געטע שילער) זענען געווען זעלבסטשטענדיקע פּאָליטיש־קולטורעלע צענטערן. די מלוכה (שטאַט) איז לויט אים אַ קללה דערמיט, וואָס זי פאַרוואַנדלט דעם יחיד אין אַ געאָגראַפיש און פּאָליטישן באַגריף. „דער קעלנער, זאָגט ער ערגעץ איז דער בעסטער זעלנער״. און וועגן יידן זאָגט ער: „נעמט די אַריסטאָקראַטישע פון אַלע נאַציעס די יידישע! ווי אַזוי האָט זי געקענט דערהאַלטן איר אינדיווידואַליטעט, ניט געקוקט אויף דער ברוטאַלקייט פון דער אַרומיקער וועלט? דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס זיי האָבן ניט באַדאַרפט טראָגן די לאַסט פון שטאַט־לעבן. ווען זיי וואָלטן פאַרבליבן אין פּאַלעסטינע, וואָלטן זיי שוין פון לאַנג פאַרלוירן געגאַנגען, בויענדיק און אויפ־האַלטנדיק זייער שטאַט־לעבן. נידער מיט דער שטאַט!״

לויט איבסענען, ווי ביי קירקעגאַרדן, ליגט אין יעדן איינעם אַ גרויסע אומזיגבאַרע קראַפט. דער אונטערשיד צווישן ביידן איז, וואָס קירקעגאַרדן האַלט די פּערזענלעכקייט פאַר אַן איבער־נאַטירלעכע קראַפט און איבסען זעט אין דעם דאָס פשוט ערדישע, אַ מין רעוואָלוציאָנערע נאַטור, אַזאַ ווי זיין „בראַנד״. איבסען דרינגט אַריין אין די פאַרבאָרגנסטע סודות פון דער מענטשלעכער נשמה, וואָס רייסט זיך מיט אָדלערישע פליגלען צו די הימלען; וואָס רייסט זיך צו פרייד און גליק. אָבער די געזעלשאַפט האַקט אונטער די פליגלען פון די טרוימער און קעמפער. דאָס לעבן אַליין איז ניט שולדיק און איז ניט שלעכט, אויב זי איז ניט קיין קוואַל פון פרייד איז עס די שולד פון דער ברוטאַלער, היפּאָקריטישער געזעלשאַפט.

אָבער אמתע דיכטערס ציט צו אידעען, וואָס ווערן נאָר געבוירן, כאָטש פון אַלעמען באַקעמפט. זיי ווערן די ערשטע באַגייסטערט פון אַזעלכע אידעען, ווייל אַנדערש קען גאָר ניט זיין. „שלעכטע דיכטערס, שרייבט דער באַקאַנטער־יידיש דענישער ליטעראַטור־קריטיקער בראַנדעס, „האָבן ניט קיין אויערן פאַרן דונערן פון די מעכטיקע אידעען אונטער דער ערד און פאַרן קלאַפּן פון זייערע פליגלען אין דער לופט״.

ווי שטאַרק איבסען האָט געפילט אַ באַדערפעניש פון אַ נייער מעכטיקער אידעע, אַ באַלויכטענע מיטן ליכט פון די העכסטע געפילן קענען מיר דאָס זעען פון זיין „פיער גינט" ווי ער זאָגט: „מיר האָבן באַדאַרפט פליען פאַרויס און דערשיטערן מיט אונדזערע שטימען די הערצער פון מענטשן. אין דער אמתן וואַלגערן מיר זיך אויף דער ערד, מיר אומנויטיקע קנוילן". דאָס באַשולדיקט דער דיכטער זיך אַליין, וואָס ער פאַרמאָגט ניט די קראַפט צו ענדערן די וועלט־אָרדענונג, די פאַרדאַרבנקייט פון דער געזעלשאַפט.

צווישן די פאַרשידענע פּראָבלעמען פון זיין צייט האָט אַ גאָר גרויסן אָרט פאַרנומען ביי איבסענען, דאָס פּראָבלעם פון באַציאונגען צווישן געשלעכטער. באַזונדער דאָס באַפרייען די פרוי, אין עקאָנאָמישן, מאָראַלישן און אין גייסטיקן זין. אין זיין יוגנט ווערק „פעסט און סאלאהוג" פאַרנעמט ער זיך מיטן פּראָבלעם פון געשלעכט און ליבע. אין דער „קאָמעדיע פון ליבע" באַשרייבט ער, צום ערשטן מאָל די מאָדערנע נאַרוועגישע געזעלשאַפט, שעפּנדיק אינספּיראַציע פון קאָמילט קאַלעטס בוך „טעכטער פון אַטאַמאַן", וואָס האָט אין זיין צייט צערודערט גאַנץ נאָרוועגיע, ווייל דער מחבר האָט געוואַגט אָנצופאַלן אויף דער אינסטיטוציע פון הייראַט מיט אַזאַ שאַרפן טאַלאַנט, וואָס האָט אַלעמען צעטומלט. איבסען איז אָבער געגאַנגען ווייטער פון אים. זיין „קאָמעדיע פון ליבע" איז אַ פּאַמפלעט, מיט סאַטירישע טענדענצן קעגן דער הייראַט און ליבע, וואָס איז ניט מער ווי איין גרויסע אילוזיע.

אין זיין יוגנט איז איבסען געווען ווייט פון דער אידעע פון פרויען־עמאַנציפּאַציע, ערשט שפּעטער איז ער געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פון דער דאָזיקער באַוועגונג. דאָ האָט ביי איבסענען געזיגט דער שכל איבער די געפילן, ווייל אין אָנהייב איז זיין סימפּאַטיע צו דער פרוי גאָר ניט געווען קיין גרויסע. ערשט אין די שפּעטערדיקע דראַמעס טרעפן מיר זיין שטאַרקן גלויבן אין דער פרוי און אַפילו אַ פאַרהערלעכונג, וואָס דיקטירט אים צו שאַפן שיינע און הערלעכע פרויען־געשטאַלטן, וואָס בלייבן אומפאַר־געסלעך ווי: מאַרגאַרעט אין זיין „פּרעטידענטן צום טראָן" און

באַזונדער אין זײַן „נאַרא״, װוּ עס קומט אַמשאַרפסטן צום אױסדרוק די אידעע פון פּרױען־עמאַנציפּאַציע.

„נאַרא״ האָט געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק אױף אַלעמען. הונדערטער יאָר האָבן גײַסטלעכע געמאָלן דאָס הערלעכע פון פאַמיליע־לעבן און פּלוצים קומט איבסען און רײַסט אונטער איר הײליקײט. נאָך „נאַרא״ קומט „די געשפּענסטער״ און ביידע ברענגען אַרײַן אַ גרױסע צעטומלונג אין די בירגערלעכע באַגריפן װעגן מאָראַל און די אומצופרידנקײט בײַ די פּיליסטערס װערט גאָר גרױס, װײַל דער פּיליסטער האָט קײנמאָל ניט ליב װען מען דערצײלט אים דעם אמת, װען מען שילדערט אים די װירקלעכקײט אין אמתע פאַרבן. זײער קריטיק האָט אָבער ניט געקענט פאַרהאַלטן איבסענעס ליטעראַרישע טעטיקײט, כאָטש ער האָט געפילט די שינאה געװאָנדן קעגן אים און ער האָט געשריבן: „װען איך טראַכט װי שװער, אומגעלומפּערט, נאַריש די נאָרװעגישע געזעלשאַפט איז, װי אױבערפלעכלעך און פלאַך זענען אירע איבערצײַגונגען, װער איך מרה שחורהדיק און עס װילט זיך מיר אױפהערן צו שרײַבן. אונדזער פּאַטערלאַנד האָט ניט קײן באַדערפעניש אין דיכטער און דיכטונג, זײ באַגײען זיך גאַנץ גוט אָן דעם. זײ באַנוגענען זיך מיט דער „לוטעראַנער װאָכנשריפט״ און דעם „סטאָרטינג־טאַגבלאַט״, דערצו האָבן זײ פּאַרטײ־צײַטונגען. איך האָב ניט דעם קלענסטן פּונק פון טאַלאַנט, װאָס עס פאָדערט זיך פון אַ בירגער פון שטאַט, אָדער אָנהענגער פון דער אָרטאָדאָקסישער קירכע. איך נעם זיך ניט צו דעם צו װאָס איך טױג ניט. פרײַהײט איז אין מײַנע אױגן די העכסטע און װיכטיקסטע לעבנס־פאָדערונג. אין נאָרװעגיע אינטערעסירט מען זיך װײניק מיט דער פרײַהײט״...

אָבער ניט נאָר נאָרװעגיע נױטיקט זיך ניט אין פרײַהײט? פאַר גרױסע מאַסן איז די פרײַהײט געװאָרן אַן איבריקע זאַך. און גענעראַלן, פּאַסטערס און פּאָליטיקאַנטן נױטיקן זיך גאָר ניט אין פּאָעזיע. די דורכשניטלעכקײט נױטיקט זיך ניט אין דיכטערס און די געלט־זעק אַװדאי ניט. אפילו דאָרט װוּ עס הערשן ניט קײן דיקטאַטאָרן הערשט ניט זעלטן די דיספּאָטיע פון נאַראָנים, װאָס האָבן פײַנט אָדער זענען פױל אױפצונעמען גרױסע און

געוואַגטע געדאַנקען. זיי האָבן פיינט טאַלאַנט און אידעאַלן. אַזעלכע גייסטיקע ריזן ווי איבסען געפינען ניט קיין אָרט אין דער דעמאָ־קראַטיע פון מענטשלעכן שטויב, וואָס האָט ניט די מוט זיך צו דערהייבן נאָר זינקען אַלץ טיפער אין דער „פראַקטישקייט״, ווייל מייז קענען קיינמאָל ניט פליען. די דאָזיקע „פראַקטישקייט״ פון לעבן איז די גרויסע טראַגעדיע פון גרויסע דיכטערס.

ליטעראַטור און הומאַניזם

דאָס ערשטע גרויסע הומאַניש געשטאַלט, אין דער ליטע־ראַטור, איז אומבאַדינגט געווען אייכילעסעס „דער געפאַנגענער פּראָמעטעאוס", געשריבן געוואָרן בערך מיט 250 יאָר פאַר קר.געב. פּראָמעטעאוס דער זון פון געטער קען ניט צוזעען, ווי די מענטשן מאַטערן זיך און ער גנבעט צו ביי די געטער דאָס פייער און שענקט עס די מענטשן. ער לערנט זיי אויך אויס פאַרשידענע מלאכות, אויך די קונסט פון שרייבן. דאָס רופט אָבער אַרויס אַ צאָרן ביים גרעסטן פון די געטער, צעאוסן, וועלכער באַפעלט פאַר אַ שטראָף פּראָמעטעוסן צוצוקאָוועז צו אַ פעלדז, די אָדלערס זאָלן פּיקען זיין לייב. דער שטאָלצער פּראָמעטעאוס זוכט ניט ביי קיינעם קיין רחמנות און ביי זיינע גרעסטע ליידן וויל ער בעסער בלייבן צוגעשמידט צום פעלדז איידער צו זיין אַ קנעכט צום גרויסן דעס־פּאָטישן גאָט. ער זאָגט אָפּ אַלע פאַרשלאָגן צעוס זאָל אים מוחל זיין און ער זאָגט אָן, אַז די דעספּאָטיע פון צעאוסן וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן. איז טאַקע די פּראָמעטעאוס־לעגענדע דער סימבאָל פון מענטשלעכן בונט קעגן די געטער, אַ הערא־איש געשטאַלט, וואָס די ליטעראַטור האָט אויספּאַנטאַזירט.

אָבער פון דער צווייטער זייט זעט די ליטעראַטור אין דעם

מענטש אַ קאָמיש באַשעפעניש, וואָס איז ניט מער. ווי אַ טוריסט אויף דער ערד מיט אַ צייטווייליקע וויזע, וואָס קען אפשר ניט מוחל זיין גאָט, וואָס ער האָט אים אויסגעקנעטן, ניט פון איידעלע מע־טאַלן, נאָר פון ליים און בלאָטע און אים פאַרשקלאָפט צו די נידריקסטע אינסטינקטן, אַ נידריק באַשעפעניש, וועלכע גאָט האָט מעגלעך באַשאַפן אין מינוטן פון גרויסן לאַנגווייל אָדער אין זיין איינזאַמקייט אין די גרויסע הימלען, ווי ער האָט געגוויטיקט זיך אין וועמען, וואָס זאָל אים זינגען הלל און אָפּלאָדירן זיין ווערק. דאָס „קאָמישע באַשעפעניש, ווי עס זאָגט שעקספּיר, געקנאָטן פון פלייש און בלאָטע, וואָס בויט זיינע שלעסער אין די הימלען אָבער די בלאָטע שלעפּט אים צוריק צו דער ערד. ער גרויסט זיך אַלס האַר פון דער וועלט, ווען אין דער אמתן איז ער ניט מער, ווי אַ מאַריאָנעטקע אין די הענט פונעם גורל, וואָס פירט אים ביי דער נאָז. אומזיסט זיינע טעאָריעס און פילאָזאָפיעס, דער גורל לאַכט פון אים אין די פויסטן. איין קליינטשיקע באַקטעריעלע קאָן אַ סוף מאַכן צום גרעסטן חכם, צום גרעסטן העלד און צום מעכטיקסטן הערשער און מאַכן אים פאַר אַ געשמאַקן מאָלצייט פאַר די ווערעם".

מעגלעך אַז ווען גאָט האָט דערזען זיין ניט־געגראָטען ווערק, האָט ער גלייך חרטה באַקומען און באַשטראָפט אדמען און חוהן פאַרן עסן פון עץ הדעת און זיי פאַרטריבן פון גן עדן, דערנאָך האָט ער דעם מענטש בכלל געוואָלט דערטרינקען אין אַ מבול. ער האָט אָבער חרטה באַקומען און געראַטעוועט נחן און אים צוגעזאָגט מער קיינמאָל די מענטשן ניט אומברענגען. צי וועט ער האַלטן וואָרט ?

איז אָבער דאָס קאָמישע באַשעפעניש געוואָרן גאָר גרויס ביי זיך און עראָגאַנט און זיך גענומען גריבלען אין די סודות פון עקזיסטענץ, פאַרמאָסטן זיך קעגן דער נאַטור און רעוואָלטירט קעגן גאָט אַליין, אים באַשולדיקט, אַז מיט אַ ביסל מער אָנשטרענגונג וואָלט ער געקענט שאַפן אַ מער לייטישע וועלט.

דאָס קליינע און שוואַכע באַשעפעניש — דער מענטש, פאַר־

מאָגט אָבער אַ גרויסע פאַנטאַזיע, אפשר אַ גרעסערע פון שע־פער אַליין, דאָס איז זיין ליטעראַטור און קונסט. די ליטע־ראַטור איז געוואָרן גאָטס גרעסטער קאָנקורענט. כאָטש אירע געשטאַלטן זענען ניט מער, ווי אויספאַנטאַזירטע פיקציעס, ווייל דער שרייבער קען דאָך ניט, ווי דער באַשעפער, אַריינבלאָזן אין זיינע געשטאַלטן קיין רוח החיים. כאָטש די געשטאַלטן בלאָנדזשען אַרום אין די דמיונות, לעבן זיי אָפט איבער גאָטס לעבעדיקע געשטאַלטן, פון וועלכע עס בלייבט זעלטן אַ נאָמען, זיי שטאַרבן און ווערן פאַרגעסן, ווען די העלדן פון דראַמעס, ראָמאַנען און טראַגעדיעס לעבן אָפט איבער גאַנצע דורות. שוין איבער צוויי טויזנט יאָר איז נאָך אַלץ פּראָמעטעאוס צוגעבונדן צו אַ פעלדז, שוין הונ־דערטער יאָרן ליבן זיך אַלץ ראָמעאָ און דזשוליאַ, דאָן קיכאָט שלאָגט זיך נאָך אַלץ מיט די ווינטמילן, האַמלעט האָט נאָך אַלץ ניט באַשטימט צו „זיין אָדער ניט זיין" און אונדזער אייגע־נער מנחם מענדל פּירט דורך זיין „געלוגענעם" שידוך צווישן צוויי כלות. די ליטעראַרישע געשטאַלטן פוילן קיינמאָל ניט אין די קברים.

אַוודאי זענען דאָ שרייבערס וואָס טראָגן צו דעם לייענער פּרעכע רכילות און שעפּן זייערע טעמעס פון אוממאָראַלישע זומפּן. מען קען זיי אָבער דאָס ניט פאַרווערן ווייל אויך אויף גאָטס וועלק איז ניטאָ קיין צענזאָר און זי איז אָנגעפּיקעוועט מיט שונד, זינד און פאַרברעכן. זיכער וואָלט גאָטס אַן אַדוואָקאַט אָפּגעוואָרפן די באַשולדיקונגען קעגן אים און באַטראַכט זיי אַלס איינזייטיק, ווייל האָט דען גאָט ניט געשאַפן פּאָזיטיווע געשטאַלטן, וואָס האָבן געדיינט דער מענטשהייט מיט זייער ערלעכקייט. ער וואָלט געטענות אַז גאָט האָט געגעבן דעם מענטש אַ פרייען ווילן זיך אויסצוקלויבן צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס. איז דען גאָט שולדיק וואָס מענטש ווילן דווקא זיך באָדן אין זינד?

צום גליק האָט דער מענטש זיך באַשאַפן אַ ליטעראַטור, וואָס בונטעט קעגן אַלץ וואָס איז שלעכט און ניט־יושרדיק, וואָס באַגלייט די מענטשלעכע נשמה אין אַלע אירע ראַנגלענישן און ספקות. זי

באַזינגט די פרייהייט אין פייערדיקע פערזן און רופט דעם מענטש צו זיין דער זיגער איבער זיינע אייגענע טונקעלע יצורים. ווען מען הערט זיך צו ווי אַן אמתער פּאָעט באַזינגט דעם מענטשלעכן גורל, באַזינגט זיין איידלקייט און טאַדלט יעדע געמיינקייט, בייגן מיר די קעפּ פאַר יענע גרויסע דיכטערס, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן צו זיין די שעפערס פון אַ שיינער און ליכטיקער וועלט, וואָס לערנט זיך צו באַפרייען פון די קייטן פון אייגענער נישטיקייט און אַנטועז אויף זיך אַדלערישע פליגלען.

דאָס קריסטנטום איז פון איר אָנהייב געווען דער מלאך המוות פון דער קונסט, אַ טויט-פיינט פון דער שיינקייט צוזאַמען מיט דעם גאַנצן ערדישן זיין. ווי יעדער גענוס ווערט באַטראַכט פאַר אַ זינד. האָט טאַקע דאָס קריסטנטום, צוזאַמען מיט די גריכישע און רוימישע געטער, באַגראָבן די שענסטע סטאַטועז און פאַרניכטעט די לייכטנדיקע שיינקייט פון דער גריכישער קונסט און פּאָעזיע און אויף איר אָרט געברענגט דעם לאַנגווייל פון דער סכאָלאַסטיק צוזאַמען מיט בלוטלאָזע הייליקע, וואָס האָבן געהאַסט דאָס לעבן, דעם מענטש און זיך אַליין און אַלע ערדישע פאַרגעניגנס. זיי האָבן געשטעלט דעם מענטש אויף די קני פאַר דעם אַסקעטישן גאָט. דער פרייער גריכישער מענטש איז פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט די פריילעך-שטיפערישע גריכישע געטער.

דער טונקעלער פעריאָד פון מיטלאַלטער האָט אַריינגעשליידערט דעם מענטש אין אַ פינצטערער אומוויסן. ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפט זענען פאַרזונקען געוואָרן אין אַ רעליגיעזן פאַנאַטיזם. אָבער נאָך דער לאַנגער ווינטער נאַכט פון מיטלאַלטער איז געקומען דער פרילינג פון רענעסאַנס, וועלכער האָט אויפגעוועקט די פרייהייט-געפילן, עס האָט צוריק אויפגעבליט די קונסט, וויסנשאַפט און פּאָעזיע. אַפילו דער קאַטוילישער קלויסטער האָט קאַפּיטולירט פאַר דער נייער קונסט און אירע מאַדאָנעס האָבן מיט זייער שיינקייט און נאַקעטקייט געקענט קאָנקורירן מיט דער געטין ווענוס. די לאַנג טיראַניזירטע פרייהייט האָט אָנגעהויבן צו צערייסן די קייטן און אָנגעהויבן איר קאַמף פאַר דער רעכט פונעם

מענטש. איטאַליע איז געוואָרן אַ רעפּובליק און אירע פרייע שטעט האָט געגומען בליען דער האַנדל, האַנטווערק און קונסט. עס האָבן זיך באַוויזן אין דער ליטעראַטור דאַנטע דער מחבר פון דער „געטלעכער קאָמעדיע" געשריבן מיט זיין פייערדיקער פעדער, באָקאַטשי מיט זיין פרייל‏עכע אידיליש־עראָטישע דערציילונגען, פּעט־ראַרך דער גרויסער פרייהייט־קעמפער און שפּעטער די אומשטערב־לעכע פּאָעטן — אַריאָסטאָ און טאַסטאָ, וועמענס לידער ווערן נאָך היינט געזונגען דורך די ווענעציאַנישע פישער אויף זייערע שיפלעך. אין רעזולטאַט פון פּעטראַרקאָס טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע מין סטודיעס, וועלכע האָבן זיך גערופן „הומאַניסטישע לימו־דים", וואָס האָט אַרומגענומען רעטאָריק, גראַמאַטיק, געשיכטע, געזאַנג, פילאָזאָפיע און עטיק. עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן פון 15 י.ה. אַ וויסנשאַפטלעכע רעוואָלוציע. עס איז באַנייט געוואָרן די פרייע קלאַסישע בילדונג און עס האָט געזיגט דער אינדיווי־דואַליזם, די רעכט און כבוד פונעם יחיד. צוזאַמען מיט באַנייטן קולט צו שיינקייט האָט אין דער וויסנשאַפט געקומען צום וואָרט אויך גאַלילייאי און קאָפּערניק, וואָס האָבן איבערגעקערט די גאַנצע אָרדענונג אין די הימלען און די דריי אומשטערבלעכע נעמען: לעאָנאַרדאָ דע ווינטשי, ראַפאַעלאָ און מיכאל אַנדזשעלאָ האָבן צוריק געשטעלט די קונסט אויף די פיס. די גאַנצע קונסט און ליטע־ראַטור האָט גענומען זויגן פון די וואָרצלען פון אַלטן גריכנלאַנד פאַר וועמען שיינקייט איז געווען דער הויפּט ציל, אָבער אין צענטער פון גאַנצן טראַכטן איז ווידער געשטעלט געוואָרן — דער מענטש.

די הומאַנע ליטעראַטור האָט אַסך געלערנט פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, ווי פון איר קלאַסישע ליטעראַטור און פּאָעזיע. אויב ליטעראַטור דאָס איז דער מענטשלכער חלום טאָר איר שפּראַך ניט זיין פון קאַלטן פאַרשטאַנד, נאָר פון וואַרעמע געפילן, זי דאַרף זיין דער געזאַנג פון פרייד, אָדער דער וויי־געשריי פון האַרץ, באַגלייט מיט בענקשאַפט, מיט שטילן אומעט איבער דעם טרויעריקן גורל פון מענטש. זי דאַרף זיין פול מיט ליידנשאַפט, ליבע, ווי אויך מיט קאַמף און צאָרן; מיט שטימונגען און געפילן,

מיט התפעלות, מיסטעריע און באוווּנדערונג. די נייע קלאַסישע ליטעראַטור האָט פון דער גריכיש־רוימישער ליטעראַטור געשעפּט דעם רעאַליזם און פון מיטלאַלטער געירשנט דאָס ראָמאַנטישע און דער רענעסאַנס איז געוואָרן דער איבערגאַנג פון מיטלאַלטער צו דער מאָדערנער וועלט.

ליידער האָט די היינטיקע ליטעראַטור פאַרלוירן יענע הומאַנע אידעאַלן און זיך אַריינגעלאָזט אין אַזאַ רעאַליזם, וואָס פאָטאָגראַ־פירט דיווירקלעכקייט גענוי, מיט אַלע פּיטשיווקעס, וואָס עס טוט זיך אין די שלאָף־צימערן פון די רייכע דאַמעס און דעם שמוץ פון אַלע מיסטקאַסטנס. וועןּ הומאַנע ליטעראַטור דאַרף זיך פאַרנעמען מיט די געדאַנקען, שטרעבן און איבערלעבענישן פון די פעלקער און יחידים, זי דאַרף זיך אויך פאַרנעמען מיט די אייביקע פּראָבלעמען ווי: גערעכטקייט, שלום, פרייהייט און מיט די באַציונגען צווישן די געשלעכטער, מיט די פּראָבלעמען פון ליבע און טויט. גרויסע דיכטער און שרייבערס האָבן קיינמאָל ניט פאַרטיידיקט דאָס עק־זיסטירנדיקע שלעכטס, נייערט זיי האָבן אַרונטערגעריסן די יסודות פון יעדער דעספּאָטיע, פון דעם עראָגענץ און דאָס קרעמערישע גראָשנדיקייט פון פיליסטערישן מאָראַל. זי האָט אַראָפּגעריסן די פאַלשע מלבושים פון זעלבסט־שווינדל, פון יעדע געמיינקייט, צביעות און ליגן. זיי האָבן דערפאַר שווער באַצאָלט פאַר זייערע געוואַגטע געדאַנקען. שעלי און בייראָן האָבן געמוזט אַנטלויפן פון ענגלאַנד. איבסען און הוגאָ האָבן געפּראַוועט גלות אין פרעמדע לענדער. פּושקין און לערמאָנטאָוו זענען געטריבן געוואָרן צום טויט. (דורך דועלן) די ביאָגראַפיעס פון די גרעסטע דיכטערס דערציילן זעלטן פון פערזענלעכן דערפאָלג: זיי האָבן ביים לעבן ניט געטראָגן קיין לאָבער־קרענץ, ניט געהאַט קיין אַנערקענונג. זיי זענען אָבער פונקט ווי די פילאָזאָפן געווען דער טרייבקראַפט פון מענטשלעכן געדאַנק, זיי האָבן גייסטיק צוגעגרייט דעם מענטש־לעכן פּראָגרעס און די גייסטיקע רעוואָלוציעס. די הומאַנע ליטע־ראַטור איז אַרויסגעטרעטן קעגן די מיסברויכן פון די הערשנדיקע קליקעס און זי איז געוואָרן די ליכט פאַר דער מענטשהייט. זי האָט

געשעפּט איר כּוח־יצירה פון די טיפּעניש פון פאָלקס־לעבן און גייסטיק אינספּירירט געוואָרן פון יחידישע פּערזענלעכקייטן. זי האָט געלערנט פון אַ לאָאָ־צע אַז „דאָרטן ווי עס זענען געשטאַנען מיליטער־לייט וואַקסן אויס דערנער" און אָסקאַר ווײַלד האָט גוט געוווּסט אַז „פון דערנער קען מען קיין ווײַנטרויבן ניט רײַסן". די דײַטשע דיכטער זשאַן פּאול און העלדעריין האָבן געשליידערט אין פּנים פון דײַטשישן פיליסטער די זינד פון זײַן קולט צו מאַכט און כּוח.

ווי אַ שפּיגל און רעפלעקטאָר האָט די הומאַנע ליטעראַטור זיך אָפּגערופן אויף די גייסטיקע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פון זייער צײַט. זי האָט באַלויכטן דאָס העראָישע, וואָס לייכט אַרויס פון די פינצטערנישן. אין די הומאַנע ווערק ליגן באַהאַלטן די שענסטע מאָראַלישע און פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס מיר געפינען בײַ שעקספּירן און וואָלטערן, בײַ דאַנטען און לוקרעציושן, בײַ געטען און בײַ היינען, בײַ אונדזער י. ל. פּרצן און בײַ אַנאַטאָל פראַנסן. אַזוי אַז מען קאָן דרייסט פעסטשטעלן, אַז גרויסע קינסטלער זענען אויך געווען גרויסע דענקערס.

ס'זענען אָבער דאָ צײַטן פון גייסטיקער ירידה אין וועלכע עס בליצן אויף שרײַבער און ווערק, וואָס ווערן די אויסדריקער פון גייסטיקן באַנקראָט פון דעם זיג פון דער פאַרדאָרבנקייט, ווי די נידערטרעכטיקייט געפינט זיך ווי בײַ זיך אין דער היים; ווען דער עגאָאיזם האַלט אָפּ איר גרעסטן נצחון און שפּרייט אויס אירע הענט איבער דער בערזע, פּאָליטיק און פּראָסטיטוציע, ווען הערשנדיקע און עקספּלאָטירנדיקע שיכטן פּראַווען זייער גרעסטע געפאַלנקייט און ציען אַרײַן אויך פאַרדאָרבענע שרײַבער אין דעם קאַרנאַוואַל פון געמיינקייט. אָבער הומאַנע שרײַבערס זענען קיינמאָל ניט געווען קיין „הויף־זינגערס", נאָר געווען באַהערשט מיט אַ ליידנשאַפט־לעכן ווילן צו ענדערן די וועלט און איבערצואַנדערשן דעם מענטש.

מיט איבער הונדערט יאָר צוריק האָט דער געניאַלער שעקספּיר, אין זײַן היסטאָרישער דראַמע „יוליוס צעזאַר" געוויזן אונדז דעם מעכאַניזם פון אינטריגעס און פון ראַפינירטע ליגנס פון דער פּאָלי־

טיק און אירע פּאָליטיקאַנטן און מלוכה-לייט. זיינע טיפֿן זענען אוניווערסאַלע פֿאַר אַלע פֿעלקער, פֿאַר אַלע צייטן און פֿאַר אַלע פּאָליטישע רעזשימען. אומעטום גייט אָן דער העסלעכער קאַמף פֿאַר מאַכט, וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ פֿאַר מאָרד און פֿאַרברעכנס. שעקספּיר האָט געוווּסט, נאָך פֿאַר אַלפֿרעד אַדלערן מיט זיין קאָמפּענסאַציע-טעאָריע און טעאָריע פֿון מינדערווערטיקייט, אַז אונטער „גרויסע היסטאָרישע נעמען" באַהאַלטן זיך אָפֿט גאָר נישטיקע ברואים. און נאָך האָט ער געוווּסט אַז „אויב צעזאַר איז געווען גרויס איז דאָס דערפֿאַר, ווייל ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט קאַרליקעס", אָדער „פֿאַרוואָס זאָל צעזאַר ניט זיין אַ טיראַן? / אַ עלנטער, ער וואָלט קיין וואָלף געווען ווען ס'וואָלטן די רוימער ניט זיין קיין שאָף / קיין לייב, ווען זיי זאָלן ניט זיין קיין לעמער".

דאָס האָט שעקספּיר אונדז דערציילט, אַז דאָס בילן פֿון אַ הונט אויף אַ קבצן, דאָס איז דער סימבאָל פֿון דער הערשאַפֿט.

דערפֿאַר, מער ווי שטענדיק נויטיקן מיר זיך, אין דער היינטיקער פֿאַרצווייפֿלטער פֿאַרדאַרבענער צייט, אין גרויסע ליטעראַטור-מייסטערס, וואָס זאָלן אָנצינדן אונדזער פֿאַנטאַזיע מיט אַ נייע האָפֿענונג און נייעם גלויבן, וואָס זאָל אין דער געפֿאַלנקייט פֿון אונדזער צייט צוטראָגן אונדז אַ נייע באַגייסטערונג פֿאַר שיינקייט און דערהויבנקייט פֿונעם גייסט. מיר זענען גאָר ניט ביי דער מיינונג אַז ליטעראַטור דאַרף זיך פֿאַרנעמען אויסשליסלעך מיט די סאָציאַלעליידן פֿון אונדזער צייט און דינען, ווי אַ שטיפֿקינד צו די באַשטימטע קלייזל-אינטערעסן. די ליטעראַטור האָט גאָר אַנדערע גרויסע און באַדייטנדיקע אויפֿגאַבן. זי דאַרף זיך אויך פֿאַרנעמען מיט די געפֿילן און געדאַנקען וואָס פּייניקן אונדז, און געבן אַ קינסטלערישע אויסדרוק די שטרעבונגען און אידעאַלן פֿאַר אַ בעסערע און גערעכטע וועלט. זי דאַרף אונדז אויך ווייזן די בלוטיקע וווּנדן פֿון אונדזער קראַנקער געזעלשאַפֿט; זי דאַרף זיין דער פּראָטעסט קעגן די פֿאַרברעכנס, בלוטפֿאַרגיסונגען און מלחמות און אין דער זעלבער צייט, זיין פֿאַר אונדז דער לייכטורעם פֿאַר שיינקייט און דערהויבענע געפֿילן; זי דאַרף זיין דער אויסדריקער פֿון די ליידן, האָפֿענונגען און

שטרעבונגין פון די מאַסן און פון דעם חלום און איידלסטע געפילן פונעם יחיד.

איז טאַקע דער שטאַלץ פון דער ליטעראַטור, וואָס זי האָט גע־האָט אַזעלכע גרויסע הומאַנע גייסטער ווי שעקספיר און אַזעלכע ווי: וואָלטער, מאַנטען, טאָלסטאָי, איבסען, וואָס האָבן רעוואָלוציאָניזירט דעם געדאַנק. אָדער ווי באַרביס, רעמאַרק מיט זייערע גרויסע אַנטי־מלחמה אויסגעשרייען קעגן דעם אָרגאַניזירטן מאַסן־מאָרד, אָדער ווי קאַפקאַ, וואָס האָט אונדז געוויזן די פאַרלוירנקייט פון מענטש, דעם אייביק פאַרמשפּעטן, אַ פאַרפּלאָנטערטער אין דער מלוכה־מאַשין ווי אין אַ שפּיץ־נעץ. דער טשעכישער שרייבער מאַניאַטשקאַ אין זיין בוך „דער טעם פון הערשאַפט" ווייזט אונדז, ווי די הערשער ווערן געפאַנגען אין די נעצן פון גרויסע אַמביציעס. און די וואָס רויבן צו די פרייהייט ביי מיליאָנען זענען אַליין ניט פריי. זיי ציטערן פאַר יעדן פרייען געדאַנק, פאַר יעדע ענדערונג און זענען, ווי נזירים אין די ענגע קאַמערן פון זייערע טורמע־רעזשימען.

וועגן שייכות פון קונסט און הומאַניזם האָט שוין די מאַדאַם דע סטאַל גערופן צו שאַפן אַ גייסטיקן צענטער פאַרן פרייען גע־דאַנק, וואָס זאָל זיין גינסטיק פאַר דער אינדיווידועלער אַנטוויקלונג און קינסטלערישע גענוס פאַרן שעפער. צווישן וועלכע די בולעטסטע זענען געווען: „דער פרינץ פון דער פאָעזיע" פּיורסי ביש שעלי, דער דיכטער פון דעם „באַפרייטן פראָמאַטעוס". דאָס ווערק איז אַ מין קאַרנאַוואַל פון גייסט, אַ געטלעכע סימפאָניע. צווישן די גרויסע גייסטער, וואָס שיינען אַרויס פון דער ליטעראַטור מיט אַזעלכע נעמען, ווי טאָלסטוי און הענריק איבסען און מיט אַזעלכע גרויסע הומאַנע שעפערס, ווי ראָמען ראָלאַן, אַנאַטאָל פראַנס און אויך אונדזער אייגענער י. ל. פרץ, שלום אַש און צענדליקע אַנדערע גרויסע שרייבערס, וואָס עס וואָלט צופיל אָרט פאַרנומען זיי אַלע אויסצורעכענען, זיי אַלע האָבן געדינט מיט זייער טאַלאַנט דער מענטשהייט און ניט דעם טייוול.

דער ענגלישער היסטאָריקער אַ. טוינבי האָט געשאַפן אַ טעאָריע וועגן געשיכטלעכע אונטערגאַנג און ווידעראויפבליאונג פון קול־

טור־פּעריאָדן. לויט אים קען דער רענעסאַנס־פּעריאָד זיך ווידער איבערחזרן. אויב מיר זאָלן גלויבן אין דער טעאָריע האָבן מיר האָפענונג, אויב די וועלט וועט נאָך ביז דאַן עקזיסטירן, צו דער־גרייכן אַ נייעם רענעסאַנס פון דער ליטעראַטור און קולטור בכלל.

און אפשר איז גערעכט דער גרויסער ענגלישער דיכטער וויליאַם מאָריס, וואָס האָט געזאָגט: „עס איז מעגלעך, אַז די קונסט זאָל פאַרשווינדן און פאַרגיין, עס איז אָבער אומגלויבלעך אַ זי זאָל קענען לעבן קריכנדיק אויף אַלע פיר פאַרן רייכן מענטש, פאַר־געסנדיק אין דעם אָרעמען מאַן”. צו דעם קען מען צוגעבן, אַז קיין שום אמתע ליטעראַטור אָדער קונסט קען ניט בליען אָדער עקזיסטירן שטייענדיק אויף די קני פאַר די הערשער.

פראַנץ קאַפקאַ

קאַפקאַס ווערק רופן אַרויס די פאַרשידנסטע קעגנזועצלעכע מיינונגען. יעדעס זיין בוך אָדער דערציילונג. אפילו יעדער זאַץ איז אַן אַליגאָריע, וואָס שפיגלט אָפּ דעם מענטשלעכן גורל. דער מענטש ראַנגלט זיך אין זיין איינזאַמקייט, ווי אין אַ מדבר, וואָס ער קען ניט דורכברעכן. ער ראַנגלט זיך קעגן דער וועלט. וואָס עקזיסטירט בלויז צו פּאַראַליזירן און זיך קעגנשטעלן די מענטשלעכע דער־גרייכונגען. דער יחיד אין דער געזעלשאַפט איז אַ קרבן פון די פּאָליטישע רעזשימען און אירע אַנשטאַלטן; אַ שטענדיק באַשול־דיקטער און אייביק פאַרמשפּעטער, וואָס געפינט ניט קיין אויס־וועג, קיין האָפענונגען צו אַנטלויפן פון זיין גורל, ווייל אַלע וועגן פירן צום גיהנום.

אין 1922 איז געשטאָרבן מאַרסעל פּרוסט און פראַנץ קאַפקאַ איז געשטאָרבן מיט צוויי יאָר שפּעטער (1924) דאָך ליגט צווישן ביידן אַ גרויסער מהלך. פּרוסט איז געווען דער ליטעראַרישער וואָרטזאָגער פון 18 י.ה.. ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין דעם פסיכאָלאָגישן גן־עדן פון די טיפסטע איבערלעבונגען, מיט גייסטי־קער רייכקייט. זיינע העלדן זענען, ווי אַ ים פון צעשטורמטע ליידנ־שאַפטן, זיינע באַטראַכטונגען זענען רייך מיט פסיכאָלאָגישער חריי־

פּות און מיט אַבסטראַקט פילאָזאָפישן טראַכטן. לויט פּרוסטן האָט דער מענטש פון 19 י.ה. נאָר פאַרמאָגט דעם געפיל, וואָס איז אַמבעסטן אויסגעדריקט אין גאָרקיס לאַקאָנישן זאָג: „מענטש דאָס קלינגט אַזוי שטאָלץ". מיט אָט דעם שטאָלץ האָט פּרוסט אַפּגעזעגנט דאָס 19 י.ה.

דאַקעגן איז קאַפקאַ דער בוילעטסטער אויסדריקער פון די געפילן פון 20 י.ה. דאָס יאָרהונדערט פון מלחמות און רעוואָ־לוציעס, פון פאַרברעכן און אַנטווישונגען. קאַפקאַ האָט מיט זיין טיפסטער אינטואיציע פאָרגעפילט די תקופה פון היטלער און סטאַ־לין; די תקופה פון דער אוישוויץ און גולאַג־ציוויליזאַציע; די עפּאָכע פון פּחד און אַבסורד. אויב ביי פּרוסטן געפינט זיך די וועלט אינערלעך אין דעם מענטש איז ביי קאַפקאַן שטייט דער מענטש אין אַ פּערמאַנענטן קאַמף קעגן דער וועלט. זי צווימט דעם מענטשלעכן ווילן די מענטשלעכע פרייהייט און זיין אַנאָפּהעניקייט. דער מענטש דעצידירט מער ניט איבער זיין אייגענעם גורל. זענען טאַקע זיינע ווערק ניט קיין הימן צום לעבן נאָר אַ שווערע באַשולדיקונג.

קאַפקאַ האָט פון זיין פריער קינדהייט שטאַרק געליטן פון דער דיספּאָטיע פון זיין אייגענעם פאָטער און פון דאַן איז אים געבליבן אַ ווידערווילן צו יעדער דיספּאָטיע, צו יעדער הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש. סיי אין זיינע בריוו צו מילאַן, סיי אין זיין טאָג־בוך דערמאָנט ער, און אין אַלע זיינע ווערק קומט צום אויסדרוק דער ווידערווילן צו יעדן צוואַנג, וואָס איז אויך זיין פילאָזאָפיע.

קאַפקאַ האָט יאָרן־לאַנג געאַרבעט אין אַ פאַרזיכערונג־געזעל־שאַפט און געהאַט די געלעגנהייט צו אָבסערווירן און באַקאַנט זיך מיטן גאַנצן סיסטעם פון דער ביוראָקראַטיע. זיין ביוראָ האָט ער אָנגערופן „די נעסט פון דער פינצטערער ביוראָקראַטיע". אין אַ שמועס מיט זיין נאָענטן חבר יאַנוש האָט ער זיך אויסגעדריקט אַז: „די פּאַפּירן פון די ביוראָען דאָס זענען די שטריק אויפן האַלדז פון דער מענטשהייט".

גרויסע שרייבער זענען שטענדיק בונטאַריש קעגן די פאַר־עלטערטע פאָרמען, פאַרהייליקטע געזעצן און קאָנווענציאָנעלע

ליגנס. זיי געהערן צו די גייסטיקע רעוואָלוציאָנערן. און קאַפקאַס ווערק זענען טאַקע אַ מאָראַליש און נביאישער־יצירה קעגן דער וועלט פון גזרות און נגישות, קעגן ברוטאַלקייט אין יוסטיץ־מאָרד, פאַר סאָציאַלן יושר און שלום צווישן פעלקער.

קאַפקאַס ווערק האָבן ניט געהאַט קיין מזל ביי זיין לעבן. אויך נאָך זיין טויט האָט מען אין היטלער־דייטשלאַנד פאַרברענט זיינע ביכער. אין די קאָמוניסטישע לענדער ווערט ער בויקאָטירט און ער אַליין האָט אויך באַפוילן מען זאָל נאָך זיין טויט פאַרניכטן זיינע ווערק. און דאָך זענען מיר עדות פון אַ קאַפקאַ־קולט, ווייל ער איז געווען דער גייסטיקער בונטאַר קעגן פאַרטעמפּטן, האַרצלאָזן אַפּאַראַטיזם, וואָס באַהערשט היינט די וועלט, ווי דער נביא פון דער פאַרבלאָנדזשעטער מענטשהייט. נאָר אַ דאַנק מאַקס בראָדן, וואָס האָט ניט אויסגעפירט קאַפקאַס צוואה, איז אונדז געבליבן זיין גייסטיקער אוצר פון ראָמאַנען, דערציילונגען, זיין טאָג־בוך און בריוו, וואָס גיבן אונדז אַ קלאָר בילד וועגן זיין לעבן און געדאַנקען.

קאַפקאַ האָט געלעבט ערב דער היטלער און סטאַלין־עפּאָכע און ערב דער תקופה פון אַטאָמישן געוועך, וואָס הענגט, ווי אַ דעמאָקלאָס שווערד איבער די קעפּ פון דער מענטשהייט. קאַפקאַ האָט נביאיש פאַרויסגעזען דאָס אַנקום פון דער אוישוויץ ציוויליזאַציע, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף דער מענטשהייט און דערפון טאַקע עטעמט פון זיינע ווערק און פון זיינע נאָוועלן מיט אַנגס און פחד. קאַפקאַס פאָרם פון שרייבן איז אַ מין אַפּלייקענונג דערפון אַז ליטעראַטור קען זיך איינשליסן אין די ענגע ראַמען פון קליינלעכע דערשיינונגען. דער גרויסער קינסטלער, וואָס טוט זיין אַרבעט בשלימות און ערנסט איז אייגנטלעך דער וואָס שענקט אונדז דעם וועלט־שפּיגל פון זיין תקופה. פּרודאָן האָט אין זיין צייט דעפינירט **קונסט**, ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון דער שיינקייט פון יעדער תקופה, אָבער וואָס פאַראַ שיינקייט האָט געקענט געפינען קאַפקאַ אין דער תקופה פון ערב־אוישוויץ? און דאָך האָט קאַפקאַ גאָר ניט אויפגעהערט צו חלומען פון אַ וועלט פון פרייהייט, שלום און גליק פאַרן יחיד. ער האָט געטראָגן דעם פלאַמיקן גלויבן אין

אַ גערעכטער וועלט־סדר און דערמיט אויך דעראָבערט זיין חשובן פּלאַץ אין דעם פּאַנטעאָן פון די חשובסטע הומאַניטאַרע דיכטער און דענקער.

ווי שוין געזאָגט האָט קאַפקאַ געפילט אַ טיפן ווידערווילן צו די ביוראָען און ביוראָקראַטיע, צו אַט דער „פינצטערע נעסט" ווי ער האָט דאָס גערופן און ער האָט דערקלערט: „ווי אונטערטעניק זענען מענטשן, זיי קומען צו אונדז (די זיכערהייט־געזעלשאַפט) מיט תחנונים; אַנשטאָט צו באַפאַלן און חרוב מאַכן די ביוראָ קומען זיי און בעטן רחמים". אָט ווי שאַרף קאַפקאַ דריקט אויס זיינע אַנאַרכיסטישע מיינונגען. צי איז זיין אַנאַרכיזם געווען בלויז אַ יינגלשע דערשיינונג אין קאַפקאַס לעבן און זיך באַגרעעצט ווי טייל האַלטן, נאָר צו די יאָרן 1989—1912 ? פון קאַפקאַס שמועסן מיט זיין פריינד ג. יאַנוש אין 1920, ווען קאַפקאַ האָט שוין אַרויס־געוויזן אַ שטאַרקן אינטערעס צו יידישע פּראָבלעמען און זיך פּאַר־בונדן מיט ציוניסטישע קרייזן, ווייסט זיך אַרויס אַז קאַפקאַ איז אַלץ געבליבן געטריי זיינע אַנאַרכיסטישע איבערצייגונגען. אָט נעמען מיר זיין זאָג וועגן די פּראַגער אַנאַרכיסטן: „זייער ליבליכע און פריינטלעכע מענטשן, אַזוי ליבלעך און פריינטלעך אז ממש מיט געוואָלט גלויבן מיר אין וואָרט זייערס". עס דערציילט יאַנוש אַז נאָך זיין באַמערקונג וועגן דעם, אַז פּלאַטאָן האָט ניט געוואָלט אַריינעמען די פּאָעטן אין זיין „אידעאַלער מדינה", האָט אים קאַפקאַ באַשטעטיקט, אַז די פּאָעטן זענען ווירקלעך אַ געפערלעכער עלי־מענט פאַר דער מדינה, ווייל זיי ווילן **ענדערן** ווען דער מדינהס איינ־ציקער ווונטש איז צו **בלייבן**. און קאַפקאַ האָט געקוקט אויף זיך ווי איינער פון די פּאָעטן, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר אַ סכנה פאַר דער המשכדיקייט פונעם שטאַט.

אויך קאַפקאַס אומצוטרוי צו די פּאָליטישע פּאַרטייען און זייערע מנהיגים איז אַ רעזולטאַט פון קאַפקאַס אַנאַרכיסטישן אַרט דענקען. ער האָט איינמאָל אין פּראַג אָנגעטראָפן אויף אַן אַרבעטער־מאַני־פעסטאַציע, וואָס האָט מאַרשירט מיט פּלאַקאַטן און פענער, האָט קאַפקאַ דאַן געזאָגט צו זיין פריינט יאַנושן, אַז „די דאָזיקע מענטשן

זענען אַזוי זעלבסטזיכער אַז זיי הערשן איבער דער גאַס און גלויבן אַז זיי זענען די מאַכטהאָבער איבער דער וועלט, ווען אין דער ווירק־לעכקייט זענען זיי זיך טועה. הינטער זיי שטייען די סעקרעטאַרן, די פּאַרטיי־עסקנים, די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקערס, די דאָזיקע מאָ־דערנע סולטאַנען, פאַר וועמען די מאַסן גרייטן צו די מאַכט...״ ווייטער האָט ער געזאָגט: „די איבערקערעניש וועבט זיך אויס עס בלייבט בלויז די בלאָטע פאַר אַ נייער ביוראָקראַטיע״. אָט ווי ענדלער זענען דאָס צו די געדאַנקען וואָס קראָפּאָטקין האָט געשריבן אין זיין מאָנומענטאַלן ווערק וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. לויט יאַנושעס מיינונג איז קאַפקאַ געבליבן, זיין גאַנץ לעבן נאָענט צום אַנאַרכיסטישן גלויבן מיט אַ גייסטיקער בענקשאַפט און סימ־פּאַטישן צוגאַנג צו די אַנטיאויטאָריטיוון דענקען פון באַקונינען, קראָפּאָטקינען און די אַנדערע אַנאַרכיסטישע דענקערס.

אַז דאָס איז אַזוי קענען אַמבעסטן באַשטעטיקן זיינע ווערק, באַזונדער זיינע קורצע דערציילונגען און משלים. פון זיינע דריי באַרימטע ראָמאַנען איז „אַמעריקע״ אַמווינציקסטן באַאיינפלוסט פון זיינע ליבעראַטאָרישע געדאַנקען. אָבער אויך דאָ געפינט מען געוויסע שטעלן ,וואָס באַשטעטיקן דאָס אויבן געזאָגטע. אויך דאָ רעדט ער וועגן „די ליידן פון די אָרעמע ,וואָס ווערן אונטער־געדריקט פון די רייכע״, אויך דאָ קומט צום אויסדרוק זיין אַנאַר־כיסטישן אומצוטרוי צו דער וואַל־שיטה ,ווען ער באַשרייבט מיט איראָניע דעם פּליכעוואַטן קאַנדידאַט, וואָס הייבט זיינע אָרעמס ניט איבערן קליינעם וואַל־קעסטעלע ,נאָר איבער די פּלייצעס פון אַ מאַן אַ ריז, וואָס איז סימבאָליש פאַרן אַנאַרכיסטישן קוק אויף די סענאַטאָרן און פּאָליטיקער, ווי פּאַראַזיטן „וואָס זיצן אויף די פּלייצעס פון פאָלק״. דער ריזן מאַן סימבאָליזירט עס דאָס פאָלק.

אין זיין ראָמאַן „דער משפּט״ פאַרנעמט זיך שוין קאַפקאַ מיטן פּראָבלעם פון דער אויטאָראַטיווער ביוראָקראַטיע, באַזונדער מיט דער געריכטלעכער זייט פון דער מלוכה־מאַשין. מען דאַרף גע־דענקען, אַז קאַפקאַ איז פון באַרוף געווען אַ יוריסט און אַליין גע־ווען אַ יורידישער ביוראָקראַט, וואָס זיין אייגענע אַרבעט האָט ביי

אים אַרויסגערופֿן עקל, ווייל ער האָט גוט געקענט דעם פֿאַלש און צביעות וואָס זענען געלעגן אונטער די מלוכישע געזעצן. אין דאָזיקן ראָמאַן גרייפֿט ער טאַקע אָן די דאָזיקע געזעצן, וואָס שטעלן זיך אַפֿילו ניט אָפּ פֿאַר יוסטיץ־מאָרד. קאַפֿקאַ באַשרייבט וועגן דעם פֿאָלק וואָס איז באַהערשט פֿון אַן עליטה אַריסטאָקראַטן. וועלכע נוצן אויס די געזעצן פֿאַרן ציל פֿון פֿאַרפֿעסטיקן זייער הערשאַפֿט און קאַפֿקאַ וואַרפֿט דאָרט אַזאַ באַמערקונג: „ווען עס זאָל אויפֿשטיין אַ פּאַרטיי, וואָס זאָל אַרויסוואַרפֿן פֿון איר פּראָגראַם ניט נאָר יעדע אמונה אין געזעץ, נאָר אויך די אַריסטאָקראַטיע — וועט אַ גאַנץ פֿאָלק זיך שטעלן הינטער איר". און דער העלד פֿון „דער משפּט" יוסף ק. טאָלדט מיט אַזעלכע ווערטער די מעכטיקע ירודישע מלוכה־מאַשין: „אַן אָרגאַניזאַציע וואָס ניט נאָר זי באַנוצט זיך מיט פֿאַרדאָרבענע אָנגעשטעלטע, נאַרישע אינספּעקטאָרן און ריכטער־אויספֿאַרשערס, וואָס אין בעסטן פֿאַל זענען זיי באַשיידן — נאָר אַפֿילו דער העכס־טער שעף פֿון דער יורידישער היעראַרכיע באַנוצט זיך מיט אַ גאַנצע באַפֿטע פֿון דינערס, אָנגעשטעלטע, פּאָליציאַנטן און די איבריקע גע־הילפֿן און איר וועל זיך ניט אָפּהאַלטן פֿון זאָגן — תליינים! און וואָס באַדייט מיינע הערן וואָס מענטשן געזעצלעך אומשולדיקע ווערן אַרעסטירט, און עס ווערן קעגן זיי אָנגעוואָנדן זינלאָזע אונ־טערזוכונגען..."

אין זיין „שלאָס" באַשעפֿטיקט זיך קאַפֿקאַ מיטן פּראָבלעם — ביוראָקראַטיע און מלוכה, ווי מיטן מעכטיקן היעראַרכיע־אַפּאַראַט, מיט איר אַבסאָלוטער פּרעמדקייט־באַציונג צום פֿאָלק. די מאַכט איז דאָרט עפּעס אַ מיסטיש קאַפּריזנע קראַפֿט, אַ לאַבירינט פֿון אַ הע־ראַרכישע ביוראָקראַטיע, וועלכע פֿירט זיך אויף אַבסורדיש און גע־שמאַקלאָז. קאַפֿקאַ מאָלט אונדז די ביוראָקראַטישע וועלט ווי אַ טראַ־גיש־קאָמישע פּאַראָדיע, ווי אַ לעבערלעכע ווירקלעכקייט. ער מאָלט אונדז די ביוראָקראַטישע שיטה מיט איר אוממענטשלעכן אינהאַלט. דער אָפּפֿרעמדקייט־פּראָצעס צווישן דעם „דאָרף או שלאָס" (פֿאָלק און מאַכט) ווי צווישן צוויי פֿיינטלעכע־כוחות. אין די מעכטיקע פֿאַר־שטייער פֿון שלאָס, זעט ער ווי אַ פֿאַרשטיינערטער אָביעקט פֿון אַ

בלינדער מאַשין. ווען קאַפקאַ זעט דעם דאָזיקן פאַרשטייער פון דער מעכטיקער הערשונגס־מאַשין, דורך דעם שליסל־לאָך פון טיר, זעט ער אים אויס ווי יעדער ביוראָקראַט: פעט, מיט אַ שפּיציקע וואָנצע, רויכערט אַ ציגאַר, טרינקט ביר. פאַר אַט דעם געשמאַקלאָזן ביוראָקראַטישן הכל־יכולדיק־אַפּאַראַט, פון טייוולאַנישן באַטרוג און שווינדל איז דאָס דאָרף (דאָס פאָלק) מאַכטלאָז און ווערט אומ־ברחמנותדיק צעריבן אונטער די רעדער פון דער „מאַשין" פון הערשאַפט.

צווישן קאַפקאַס קורצע דערציילונגען איז „אין דער שטראָף־קאָלאָניע" אַ נביאישע פאַרויסזאָגן פון די נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערס. די דערציילונג איז אַ פּראָטעסט קעגן דער רציחישער אויטאָ־ריטעט פון דער אַכזריותדיקער „גערעכטיקייט". די צענטראַלע פיגור איז דאָ ניט דער אויספאָרשער, ניט דער אַרעסטאַנט, ניט דער קאָמענדאַנט מיט זיינע אָפיצירן, נאָר די „מאַשין" פון דעם צוואַנג־אַפּאַראַט פון דער מדינה. וואָס אַנשטאָט דינען דעם מענטש און אים העלפן איז ער דער הערשער און צעשטערער. און דער מענטש איז פאַרן „אַפּאַראַט" דער אייביק באַשולדיקטער און פון פאָרויס אַ פאַרמשפּטער.

טייל קריטיקערס האָבן פאַרגלייכט קאַפקאַן צו דאָסטאָיעווסקין. דאָס איז ניט קיין געלונגענער פאַרגלייך, ווייל אויב ביי דאָסטאָ־יעווסקין האָט אין מענטש זיך אינערלעך געראַנגלט אַ גאָט און טייוול, ראַנגלט זיך דער מענטש, ביי קאַפקאַן, מיט דער אויסער־לעכער וועלט. קאַפקאַ האָט נביאיש פאַרגעזען אַ וועלט, וואָס זינקט אין פינצטערע אָפּגרונטן און טאַנצט אויף אַ ברויזנדיקן ווולקאַן און אויף אים האָבן געדריקט שווערע געדאַנקען, ער האָט געפילט ווי עפּעס פינצטערע כוחות וואַרפן אָן אַ גרויזאַמע שרעק אויף דער וועלט און אויף דעם גורל פון מענטש. ערגער איז וואָס דער מענטש פון אונדזער צייט האָט פאַרלוירן דעם ווילן צו רעוואָל־טירן קעגן דער פינצטערער מאַכט פון דעם „שלאָס". דערפאַר האָט ער ניט געקענט מאָלן אַזוי פאַרבנרייך דאָס לעבן ווי דאָס האָט געטאָן מאַרסעל פּרוסט.

דאָך שרייט אַרויס אויך פון קאַפקאַס ווערק, די ליידן און בענק־שאַפטן, די האָפענונגען און די שרעק פון דער צייט. ער איז דער נביא פון דער היינטיקער פיינלעכער ווירקלעכקייט, די ווירקלעכקייט פון אוישוויץ און פון דער היטלער־ און סטאַלין־עפּאָכע, ווען מענטשן גישפּענסט עס פּלאַטערט נאָך אַלץ איבער אונדזערע קעפּ. ער איז אָבער ניט בלויז דער נביא פון יאוש נאָר אויך דער וועקער וואָס רופט צו רעוואָלט קעגן דער ווירקלעכקייט. ער ווייזט אונדז דעם וועג ניט צו אונטערטעניקייט. נאָר צו צעשמעטערן די מאַכט פון די פּאַרטעמפּטע „ביוראָען" און פּאַרטעמפּטער מאַכט פון דער ביוראָקראַטיע, וואָס פירט די פעלקער ביי דער נאָז אויפן וועג צום אומקום און קאַטאַסטראָפע.

קאַפקאַ איז געשטאָרבן אין עלטער פון 41 יאָר, פון שווינדזוכט. ער איז אַריין פאַנטעאָן פון די מאָדערנע הומאַניסטישע שריי־בערס אין דער וועלט־ליטעראַטור. זיין סטיל וואָלט מען אפשר ניט באַדאַרפט קיינעם פון די שרייבערס רעקאָמאַנדירן, ווייל זי איז פול מיט אומקלאָרקייט, מיט אַבסורדאַלע חלומות, מיסטיק און גראָטעסק. ער האָט אָבער אַנדערש ניט געקאָנט שרייבן, ווייל ער האָט געפילט די שוואַרצע מיסטישע כוחות, וואָס רוקן זיך אָן אויף דעם גורל פון מענטש. ער האָט געזען ווי אומלאָגיש און אַבסורדיש ס'איז די וועלט, און מיט זיין געניי געשאָנקען אונדז דעם שפּיגל פון דער אַבסורדאַלער ווירקלעכקייט פון אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן.

וועגן קאַפקאַס רייכער און קאָמפּליצירטער וועלט איז אַ סך געשריבן געוואָרן, פּאַר מיליאָנען לייענער איז קאַפקאַס נאָמען דער סינאָנים, וואָס טאַדלט דעם הערשנדיקן ביוראָקראַטישן קאָשמאַר. אָבער וועגן קאַפקאַס אַנאַרכיסטישן אַרט־דענקען און אפילו וועגן זיין דירעקטן אָנטייל אין דער אַנאַרכיסטישער טעטיקייט ווערט פון די מערסטע זיינע ביאָגראַפן, ווי פאַרשוויגן. לויט די אָנגעגעבענע פאַקטן פון מיכאל קאַשאַ, איינער פון די גרינדער פון דער פּראַגער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג און מיכאל מאַרעס, דעמאָלט נאָך אַ יונגער אַנאַרכיסט — האָט קאַפקאַ אָנטייל גענומען אין אַנאַרכיסטישע

פאַרזאַמלונגען פון דעם „מלודיץ־קלוב" (יוגנט־קלוב) ווי פון דער אַנטי־מיליטאַריסטישער און אַנטי־קלעריקאַלער אָרגאַניזאַציע „ווי־לעס קערבער"; ער האָט אויך אָנטייל גענומען אין דער טשעכישער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישער באַוועגונג און ביידע עדות זענען איינ־שטימיק אַז קאַפקאַ האָט נאָכגעפאָלגט אַלע רעדעס מיט אַ סך אינטערעס. מיכאל מאַרעס דערציילט, אַז קאַפקאַ האָט אָנטייל גענומען אין אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן טויט־אורטייל איבער דעם שפּאַנישן אַנאַרכיסטישן פּעדאַגאָג פראַנציסקאָ פערער. די פאַרזאַמלונג איז פונאַנדערגעטריבן געוואָרן דורך דער פּאָליציי. ער איז אויך געקומען אויף פאַרזאַמלונגען געווידמעט די טעמעס: „די פרייע ליבע" (1911) און „קעגן מלחמה" (1911). לסוף אין יאָר 1912 האָט קאַפקאַ אָנטיילגענומען אין אַ מאַניפעסטאַציע קעגן דורכפירן דעם טויט־אורטייל אויף דעם אַנאַרכיסט ליאַבעף אין פּאַריז. די מאַניפעסטאַציע איז ברוטאַל פונאַנדערגעטריבן געוואָרן דורך דער פּאָליציי, וואָס האָט אַרעסטירט אַ טייל פון די אָנטייל־נעמער און צווישן זיי אויך קאַפקאַן. אין דער פּאָליציי־סטאַציע איז ער געשטעלט געוואָרן פאַר דער ברירה אָדער אַ גילדן קנס אָדער 24 שעה אַרעסט. האָט קאַפקאַ באַצאָלט דעם קנס און באַ־פרייט געוואָרן. לויט דעם עדות זאָגן פון מאַרעסן האָט קאַפקאַ געלייענט מיט גרויס אינטערעס די פאַרשידענע אַנאַרכיסטישע שרייבער ווי דעמעלא ניווענהויז, די ברידער רעקליס, וויעראַ פינגער, באַקונין, זשאַן גראַוו, קראָפּאָטקין, עמאַ גאָלדמאַן און אַנד. אייניקע פון זיי דערמאָנט ער אין זיין טאָג־בוך, ווי למשל: באַקונין און קראָפּאָטקין. אמת אַז נאָכן יאָר 1912 האָט קאַפקאַ אויפגע־הערט אָנטיילצונעמען אין די אַקטיווע טעטיקייטן פון דער פּראַגער אַנאַרכיסטן און אַרויסגעוויזן אַ טיפן אינטערעס צו יידישע פּראָ־בלעמען און צו די ציוניסטישע קרייזן. אָבער ווי עס ווייזן זיינע שמועסן מיט ג. יאַנושן אין בערך 1920, אַז ער איז אַלץ געווען באַהערשט פון די אַנאַרכיסטישע געדאַנקען, ווי דאָס באַווייזן אַמבעסטן זיינע ווערק. די אַלע וואָס באַמיען זיך אַראָפּצונעמען דעם חרם, פון דעם קאָמוניסטישן לאַגער, אויף קאַפקאַן באַמיען זיך צו פאַרשווייגן

קאַפקס אַנאַרכיזם. אָדער שטעלן דאָס פּאָר בלויז ווי אַן עפּיזאָד אין קאַפקאַס לעבן. גענוג אָבער זיך צו באַקענען מיט דער גענויער פאַרשונג פון ד״ר מ. לוי, וואָס שטיצט זיך אויף אַ סך קוועלן, וואָס איז אויך געווען פאַרעפנטלעכט אין דער העברעישער צייטשריפט „בעיות בינלאומיות״ אונטער דער רעדאַקציע פון פּראָפ. מ. מושקאַט, קאָן מען זיך איבערצייגן אַז דער וואָס האָט דערקלערט אַ מלחמה קעגן דער ביוראָקראַטיע און געפירט דעם קאַמף קעגן באַגרענעצן די רעכט און פרייהייט פונעם יחיד איז געווען באַהערשט פון דער אַנאַרכיסטישער פילאָזאָפיע. אָט דער פאַקט גיט אונדז בעסער צו פאַרשטיין זיינע ווערק.

דער היינטצייטיקער ראָמאַן

דער נאָמען — ראָמאַן האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם באַגריף פון ראָמאַנטישקייט, נאָר ווייל פּאָעזיע און וויסנשאַפט איז אַמאָל געשריבן געוואָרן אויף לאַטיין נאָר די גרויסע דערציילונג דער ראָ־מאַן וואָס איז געשריבן געוואָרן פאַרן פּשוטן המון (ניט פאַרן אַדל, וואָס האָט ליב געהאַט פּאָעזיע) אין רוימיש. און פון דאַנען דער נאָמען — ראָמאַן, וואָס איז געוואָרן די פאַרשפּרייטסטע און דעמאָקראַטיסטע מוזע, וואָס זי איז ביזן היינטיקן טאָג.

אויב די גריכישע דיכטונג, ווי די רוימישע האָבן געשעפּט זייערע לידער און דערציילונגען פון זייער רייכן פאָלקס־שאַפן, פון זייער פאָלקלאָר, וואָס זענען דורות לאַנג אַבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל און געלייענט געוואָרן אויף גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען. פון אָט דער העלענישער מיטאָלאָגיע האָט האָמער געשאַפן זיין וואונדערלעכע אָפּוס — „איליאַדאַ" און „אָדיסעאַ". אַלע גריכישע און רוימישע דיכטונגען האָבן דאַן געדינט צו ווילן און אונטער־האַלטן דעם המון.

די מאַסן פון די דאַזיקע צוויי קולטורן האָבן ניט געקענט לייענען דערפאַר האָט ביי זיי זיך אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט דאָס טעאַטער און סקולפּטור אַלס וויזועלע מוזעס. דאָס גריכישע טעאַטער איז אויך

אַרויסגעוואַקסן פון דעם רעליגיעזן קולט צו זייערע געטער. דער היידאַנישער מענטש האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט קיין שטאַרקן פאַרשטעלונגס־קראַפט און ניט געקענט שאַפן זיך אַ רעליגיע פון אַן אומזעעוודיקן גאָט (ווי די יידן) זיי האָבן געמוזט זעען זייערע געטער, האָבן טאַקע די סקולפּטורס געשאַפן פאַר זיי די געטער און דאָס טעאַטער האָט אין אירע דראַמעס און טראַגעדיעס גע־ברענגט צום אויסדרוק די ליידן און קאַמפן פון פאָלק. זיי האָבן דערציילט וועגן דעם כוח פון גורל אויף דעם מענטשלעכן לעבן. אַזעלכע דראַמאַטורגן, ווי איסכילס, סופאָקלעס, אוריפּידעס, און אַנדערע באַרימטע דראַמאַטורגן, האָבן געשאַפן ווערק, וואָס אַ טייל זענען פאַרגעסן געוואָרן און אַנדערע זענען פאַראייביקט געוואָרן. נעמען מיר איסכילעסעס טראַגעדיע „דער געפאַנגענער פּראָמאַ־טעאוס״. אַ זון פון די געטער און גרויסער בונטאַר, וואָס האָט ביי די געטער צוגעגנבט דאָס פייער און עס געשאָנקען די מענטשן און איז דערפאַר דורך צעאוסן צוגעקאָוועט געוואָרן צו אַ פעלדז די אָדלערס זעלן פּיקען זיין קערפּער. און אָט דער בונטאַר, ביי זיינע גרעסטע ליידן, דריקט זיך אויס צו צעאוסעס זון: „איך וואָלט מיין שטראָף פון פיין ניט אויסגעטוישט אויף דיין שקלאַפן דינסט, עס איז פיל חשובער צו זיין צוגעקאָוועט צום פעלדז איידער צו זיין אַ קנעכט ביי צעאוסן דיין טאַטן״. אַזעלכע בונטאַרע און מאָ־ראַלישע געדאַנקען קען מען ניט ווייניק געפינען און אין סאָפאָקלעס דראַמעס און טראַגעדיעס ווי „אַנטיגאָנאַ״, „דער קעניג אדיפּוס״ „מעדעאַ״ און אַנדערע. זיי האָבן אויך געשאַפן אַנטי־מלחמה־דראַמעס, ווי זיי דריקן אויס זייער פּראָטעסט קעגן די בסדרדיקע מלחמות צווישן אַנטענאַ און ספּאַרטאַ. צו די דאָזיקע שאַרפע אַנטי־מלחמה ווערק געהערן אַריסטאָפאַנעסעס „לוזיסטראַטאַ״.

די פאַרניכטונג פון די היידאַנישע רעליגיעס און זייערע געטער איז געווען אַ טויט־קלאַפּ פאַר דער קונסט. די גריכישע און רוי־מישע טעמפּלען זענען צעשטערט געוואָרן די געטער־סטאַטועס זענען זיך צעפאַלן. טונקעלע שאָטנס האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער ליכטיקער קולטור פון פאַרבן, סקולפּטורן, טענער, פּאָעזיע און פאַנ־

טאַזיע. עס זענען אַנטלאָפן, פון די טייכן און היילן, די פריילעכע און שטיפעריש עלפן און אַלרוינען. עס זענען פאַרשוווּנדן די געטער אַפּאָלינאַ און אַדאָניס צוזאַמען מיט דער היפּאָקרענע, דער ווּנדער־לעכער קוואַל, פון וואַנען עס האָבן געטרונקען די מוזעס. דאָס קריסטנטום איז געוואָרן דער טויט־פיינט פאַר דער קונסט, ווי פאַר דער פרייהייט, פון פרייען געדאַנק און פרייער פאַנטאַזיע. זי איז געוואָרן ווי אַן עראָזיע. וואָס האָט אָפּגעשוואַנקען די גאַנצע העלע־נישט קולטור און די שיינקייט פון לעבן. דאָך האָט אויך דאָס קריסטנ־טום ניט געקענט די ליטעראַטור אין גאַנצן אומברענגען.

כאָטש דער ראָמאַן האָט גאָרניט צו טאָן מיטן באַגריף ראָמאַנ־טישקייט האָט דאָס פּראָבלעם פון ליבע ברייט באַהערשט די מוחות פונעם מיטלאַלטער און זי איז געוואָרן דער וויכטיקסטער יש פון יעדער מוזע און באַזונדער פון דער גרויסער דערציילונג, דעם ראָמאַן. גראָד אין דער פינצטערע ווירקלעכקייט האָט דער ראָמאַן אַנגעהויבן באַלויכטן די מענטשלעכע פאַנטאַזיע און אָנגעפילט די קאַלט־פאַרלאָשענע הערצער מיטן פייער פון גלויבן. זי האָט, שילדערנדיק די מענטשלעכע שטימונגען, ליידנשאַפטן און בענק־שאַפטן פאַר אַ בעסערן מאָרגן געהאָלפן דעם מענטש צו אַנטלויפן פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט.

עס איז ניט בלויז געשאַפן געוואָרן אַ ראָמאַנטישע שולע נאָר די ראָמאַנטישקייט איז אַריינגעדרינגען אין אַלע אַנדערע שולן, אין דער קלאַסישער, ווי אין די אַלע רעאַליסטישע ליטעראַטורן. די גייסטיקע אַריסטאָקראַטיע האָט מער פון אַלץ ליב געהאַט דאָס מיסטעריעזע, דאָס טונקעלע און דאָס פאַנטאַסטישע, וואָס האָט באַפרוכטערט דער ליטעראַטור מיט איר סודותדיקייט. דער ראָמאַנ־טיזם וואָס איז געבוירן געוואָרן אין מיטלאַלטער, אַרויסגעוואַקסן אויך פון קאַטאָליציזם און האָט געשעפּט איר פילאָזאָפיע פון יעדער פּאָליטישע רעאַקציע האָט אָבער שפּעטער געטראָגן אין זיך דעם קערן פון פּראָגרעסיוון געדאַנק און אירע שעפער זענען געוואָרן די אַפּאָסטאָלן פון דער „אויפקלערונגס־עפּאָכע" אין דייטשלאַנד.

דער ראָמאַנטיזם אין ענגלאַנד ווי אין דייטשלאַנד האָט געפאַנ־

געגן די גרעסטע טאַלאַנטן. כאָטש זי האָט ווייטער געשעפּט פון די קוואַלן פון מיטלאַלטער, וואָס האָט געהויעט מיט פאַנטאַסטיש און אַבסורדישע צויבער־מעשהלעך פון גייסטער, שיידעם, רוחות, מיט גלגולים פון „יענער־וועלט", וואָס האָט באַרייכערט די שרייבערישע פאַנטאַזיע. אַ צווייט אָבער שטאַרק כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ראָמאַנטישער ליטעראַטור איז געווען דאָס פאַרהערלעכן די פרוי! „די „האַרץ־דאַמע", ווי דאָס איז געווען אין די צייטן פון ריטערטום. אָבער ניט נאָר ביים ריטערטום. דאָס איז באַקאַנט אין דער ליטעראַטור פון אַלע צייטן: באַזונדער אין דער פּאָעזיע אָבער אויך אַלע דראַמאַטישע ווערק, די קלאַסישע, די ראָמאַנטישע, ווי די נאַטוראַליסטישע, דאָס פּראָבלעם פון ליבע דרינגט אַריין אין דער מאַסן־פּראָדוקציע פון ראָמאַנען מיט טיילווייזע באַשרייבונגען פון געשלעכטלעכבער תאווה. די סאָנעטן פון פּעטראַרקאַ צו לאַוראַן. שעקספּיס ראָמעאָ און יוליאַ. אַזעלכע ראָמאַנען ווי „די נייע עלאיזע", „די ליידן פון יונגן ווערטער", „דאָן קאַרלוס". „וואַלענשטיין", „די כלה פון מעסינאַ" און נאָך און נאָך. מיט אַזעלכע ליבע־ווערק איז פאַרפּלייצט די ליטעראַטור. ערשט שפּעטער איז צום באַגריף פון ליבע צוגעקומען אין דער באַגריף — „געמיט", וואָס איז געוואָרן דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר דער ראָמאַנטישער שולע...
דאָך האָבן די ראָמאַנטישע שרייבערס און פּאָעטן געהאַט זייערע (ניט אַלע די זעלבע) פילאָזאָפישע בליקן און האָבן זיך אויסגע־צייכנט מיט ברייטע פילאָזאָפישע געדאַנקען, כאָטש אַרומגעוועבט מיט מיסטיק, פאָלקלאָר און לעגענדעס. די ראָמאַנטישע עפּאָכע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן דעם גאַנצן 18 י.ה. האָט נאָך אַלץ געבליט אויף די שוועלן פון 19 י.ה. אין דער פּאָעזיע זענען די ראָמאַנטישע פּאָר־מען געווען די באַלאַדן, פאָלקס־לידער און לעגענדעס. צו די בוילעטסטע ראָמאַנטיקער האָבן געהערט: בייראָן, געטע און שילער. די ראָמאַנטישע שולע האָט זיך אויך צעבליט אין פראַנקרייך, רוסלאַנד, פּוילן און די סקאַנדינאַווישע לענדער.

די טעאָרעטיקערס פון דייטשן ראָמאַנטיזם זענען געווען די ברידער שלעגעל. זיי זענען געקומען מיט אַזעלכע ווערטער צו

באַרעכטיקן דעם ראָמאַנטיזם: — „אונדזער מוזע איז אַן אַלטע פרוי מיט אַ שפּינדל; אונדזער אַמאָר איז ניט קיין בלאָנד יונגל, נאָר אַן איינגעשרומפּטער קאַרליק מיט גרויע האָר; אונדזערע געפילן זענען פאַרוועלקט; אונדזער פאַנטאַזיע איז פאַראַטן. מיר מוזן זיך דערפרישן. מיר מוזן ווידער אויפזוכן די פאַרשאָטענע קוואַלן פון דער נאַיווער, איינפאַכער פּאָעזיע פון מיטלאַלטער, פון דאָרט שפּראָדלט אונדז אַנטקעגן דער טרונק פון אייביקער יוגנט."

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן ראַדי־קאַלע גייסטיקע, סאָציאַלע און קולטורעלע ענדערונג אין גאַנץ אייראָפּע, ווי אויך אין דער וויסנשאַפט, טעכניק און אינדוסטריע. די פעאָדאַלע וועלט איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט און פייער. פון די קעלערס און דאַך־שטיבן איז אַרויס אַ נייער שיכט מענטשן, מיט הונגעריקע מאָגנס אָבער מיט גרויסע שטרעבונגען. מיט די פּראָטעסט־געזאַנגען אויף די ליפּן האָבן זיי געשטורעמט די באַס־טיליע פון קאָנסערוואַטיזם און אָפּגעמעקט דעם רעספּעקט צו דער הייליקייט פון די טראַדיציעס. די מענטשהייט האָט מיט איינמאָל, אין יענעם פעריאָד, דורכגעמאַכט אַ גרעסערע גייסטיקע אַנטוויקלונג, מער ווי אין גאַנצע יאָרהונדערטער. ביי די מאַסן האָט געפּלאַצט דער שקלאַפּערישער געדולד און דער רוף צו פרייהייט האָט פאַר־הילכט גאַנץ אייראָפּע וואָס האָט געמאַכט ציטערן די הערשערישע טראָנען.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט קאָנפיסקירט די פּריצישע און קירכע ערד, זי האָט אָפּגעשאַפן די אַלטע פּריווילעגיעס און די מאַכט פונעם יחוס. אָבער אויפן אָרט פון יחוס האָט די מאַכט פאַרכאַפּט דאָס רייכטום און פאַרנומען אַלץ מער איר פּריווילי־גירטן אָרט אין דער געזעלשאַפט. אויפן אָרט פונעם גאָט פון שכל, וואָס די רעוואָלוציע האָט אַוועקגעשטעלט, איז געקומען דער גאָט פון געלט. די רעוועסטאַוראַציע האָט געמאַכט דאָס געלט פאַרן נייעם הערשער איבערן מענטשלעכן לעבן און מענטשלעכן גייסט. איז אויך געלט געוואָרן דער הויפּט־העלד פון באַלזאַקס, זאָלאַס, פלאָווערס, סטאַנדהאַלס ראָמאַנען. זיי האָבן עס געשאַפן די נאַטור־

ראַליסטישע ריכטונג, וואָס האָט אָראָפּגעריסן דעם ראָמאַנטיש-אידעאַליסטישן שלייער פון די פּאָליטישע אינסטיטוציעס און געשיל-דערט די פאַרדאָרבנקייט, וואָס די הערשאַפט פון געלט האָט גע-ברענגט מיט זיך, די גייסטיקע קאָרופּציע און מאָראַלישע פּראָסטי-טוציע און זיי האָבן (זאָלאָ אין „זשערמינאַל") געשילדערט דער שווערן קאַמף פאַר סאָציאַלן יושר. דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען מיטן וווקס פון דער וויסנשאַפט, האָט דער מענטש אויפגעהויבן זיין קאָפּ קעגן דער נאַטור; ווען פאַגט ווערט דער אַפּאָסטאָל פון דער נייער דערקענטעניש און ד"ר ביכנערס בוך „קראַפט און שטאָף" פאַרנעמט דאָס אָרט פון דער ביבל. דאַן צעבליט זיך ברייט דער מאַטעריאַליזם און צוזאַמען אויך דער נאַטוראַליסטישער ראָמאַן. די וואָרטזאָגער פון דער דאָזיקער ליטעראַטור זענען געווען דורכ-געדרונגען מיט הומאַניסטישן גייסט פון 18 י.ה. וואָס האָט שטאַלצירט מיטן פרייען געדאַנק, מיט טאָלעראַנץ און קריטיק צו דער רעליגיע און מיט קריטיק איבער די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן ווי איבער דער הערשאַפט פונעם געלט. דאָס האָט געשאַפן די גייסטיקע אַטמאָספער פאַר יענער פראַנצויזישער ליטעראַטור מיט אירע מאָ-ראַלישע פערזענלעכקייט, ווי אַ וויקטאָר הוגאָ, און זאָלאָ די מאַנער און קעמפער פאַר יושר. דאָס זעלבע קומט פאָר אין דער איטאַל-יענישער ליטעראַטור, וואָס האָט פונעם רענעסאַנס געירשנט דאָס מענטשלעכע און שיינע.

ביי די ענגלענדער איז דער נאַטוראַליזם באַשטאַנען דער עיקר פון דעם געדאַנק און שטרעבונג צו פרייהייט און זי האָט זיך אַנטקעגנ-געשטעלט דעם געזעלשאַפטלעכן סדר, מיט פאַראַכטונג צום פיליס-טערישן מאָראַל. לאָרד בייראָנס רעדע אין ענגלישן פּאַרלאַמענט קעגן די טויט-שטראָפן פאַר די טשאַרטעריסטן איז דער שענסטער דאָקומענט פאַר דער ענגלישער פּאָעזיע, און מען טאָר דאָ ניט פאַרגעסן שעליס רעוואָלוציאָנערע פּאָעמעס, וואָס האָבן אויפגע-הויבן דעם מענטשלעכן קאַמף קעגן אונטערדריקונג און פאַר סאָציאַלן יושר.

אין צווישנצייט, אין די יאָרן 1825—1828, האָט די רעאַקציע

געמאַכט פּרוּוון גייסטיק זיך צוריקצוקערן זיך צום מיטלאַלטער. האָבן אויך טייל פילאָזאָפן און פּאָעטן גענומען פאַרטיידיקן די הייליקייט פון אַבסאָלוטיזם און דער נויטווענדיקייט פון הענקערס, ווייל די בורזשואַזיע האָט אין איר מורא פאַרן פערטן שטאַנד זיך צוריקגעקערט צום קלויסטער, געזוכט שוץ אין דער רעליגיע, ווי אַ מקלט קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק פון דער צייט, וואָס האָט ניט געלאָזט זיך דערשטיקן. אַזאַ צייט איז טאַקע געווען האָפנונגלאָז פאַר אַ פרייער ליטעראַטור. דאָן האָט זיך טאַקע באַזונדער אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד אַנטוויקלט אַ ליטעראַטור פון מרה־שחורהדיקן פּאַטריאָטיזם. די צייט לאָזט זיך אָבער ניט טרייבן אויף צוריק. די גייסטיקע און אינדוסטריעלע רעוואָלוציע דערוועקט נייע געדאַנקען אויך אין דער ליטעראַטור, וואָס דערפירט צום באַנקראָט פון דער נאַציאָנאַלער פּראָזע. די נייע ליטעראַטור דרינגט אַריין מיט איר גרויסער ווירקונג אויך אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, ווי עס אַנטוויקלט זיך אַ קאַמפּס־ליטעראַטור, אויך פאַר דער באַפרייאונג פון דער פרוי. איר בולעטסטער פאַרשטייער ווערט דער געניאַלער דראַמאַטורג הענריק איבסען.

אויך די רוסישע ליטעראַטור, וואָס איז געווען אַ ליטעראַטור פון אַריסטאָקראַטן פון אָפּשטאַם אין אַריסטאָקראַטן פון גייסט, האָט צום מוזשיק אַרויסגעוויזן ניט מער ווי אַ זיפץ און באַוואונדערט זיין מאַרטירערישע אונטערטעניקייט און שקלאַפערישן געדולד, האָט דאָך אַריינגעגאָסן אַ גרויס ליכט און בונטאַרישקייט אין רוסישן לעבן. טשעכאָוו ווי גאָגאָל האָבן אונטערגעריסן די יסודות פון דער זעלבסטהערשאַפט. דערצו זענען אויסגעוואַקסן שרייבערס דירעקט פונעם פאָלק ווי: לאַמאַנאָסעוו, קאָלצעוו, ניקיטין און מאַקסים גאָרקי. אין פאָלק האָבן אויך געלעבט די לעגענדעס פון די פאָלקסבונטאַרן פּוגאַטשאָוו און סטיענקא ראַזין. עס זענען אויך אויסגעוואַקסן אַזעלכע מוטיקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זעלטן אַן אַנדער לאַנד האָט פאַרמאָגט, ווי די דעקאַבריסטן און שפּעטער די העלדן פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" די זשעלאַבאָוו, סאָפיאַ פּעראָסקאַיאַ, לאַווראָוו, הערמאַן לאָפּאַטין און שפּעטער באַקונין און

קראַפּאַטקין. דאָס זענען געווען מוטיקע מענער וועמען עס האָבן ניט געשראָקן קיין תליות. זיי האָבן אָבער מער געווירקט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי אין דער ליטעראַטור.

די עפּאָכע פון נאַטוראַליזם האָט לאַנג ניט געקענט אָנהאַלטן. זי איז גיכער געווען אַן איבערגאַנג צו דער יחידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס אַלגעמיינע און געשטעלט אין צענטער דעם יחיד מיט זיינע איבערלעבענישן. אָט די ריכטונג האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער פילאָזאָפיע פון ניטשען ווי אין די דראַמעס פון איבסענען. דאָס איז אַ ריכטונג, וואָס האָט געשטרעבט אַריינצודרינגען אין די סודות פון דער מענטשלעכער נשמה און זיך באַשעפטיקט מיט דער אינערלעכער וועלט פונעם מענטש. די יחידישע ליטעראַטור האָט צוגעגרייט די האָריזאָנטן פאַרן פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן, פון 19 י.ה., וועמענס הויפּט-וואָרט-זאָגער איז געוואָרן מאַרסעל פּרוסט, ווען איבסען און ניטשע זענען אויך געווען דער פּראָטעסט קעגן דער וואולגאַר מאַטעריאַליזירטער דעמאָקראַטיע. מיט איר הערשאַפט פון דער דורכשניטלעכקייט. אין זיי האָט דער אינדיווידואַליזם באַקומען זיינע גרעסטע נביאים.

דער חסרון פון נאַטוראַליסטישן ראָמאַן איז געווען, וואָס דער מחבר אַנשטאָט צו שטיין אונטער די פּלייצעס פון זיין העלד איז ער געוואָרן דער שופט פון זיינע אויפירונגען. דער צווייטער חסרון איז דאָס געגנוי באַשרייבן דעם העלד מיט אַלע פּיטשיוועס, זיין אויסזעען, אַפילו זיינע קליידער און דערמיט פאַרגוואַלדיקט דעם לייענערס פאַנטאַזיע און פאַרשטעלונגס-קראַפט. כדי זיך צו באַ-קענען מיט אַ ליטעראַרישן העלד איז גאָר ניט נויטיק צו וויסן ווי לאַנג איז זיין נאָז.

יעדע ליטעראַרישע ריכטונג איז די אָפּשפּיגלונג פון דער גע-געבענער תקופה. דער ראָמאַן אויב ער וויל צוטראָגן דעם מענטש אַ נייע האָפענונג און אַזאַ מוטיקייט ער זאָל ניט מורא האָבן צו קלעטערן אויף די באַרג-שפּיצן פון געדאַנק, קען ניט זיין פאַרוויי-לעריש נאָר פילאָזאָפיש, רייך מיט געדאַנקען. מיר לעבן אָבער אין אַ צייט פון דער הערשאַפט פון דער אָרגאַניזירטער מיטלמעסיקייט.

כאָטש עס זענען היינט דאָ וויניקער אַנאַלפאַבעטן האָבן אָבער די פיליסטערס, מיט זייער קאָנווענציאָנעלן טראַכטן און שאַבלאָנישקייט, זיך באַזעצט אין די אוניווערסיטעטן, באַקומען דעם מאָנאָפּאָל אויף דער דערציונג, זיי זיצן אין די רעדאַקציעס און האַלטן זיך פאַר די פאַרשטייער פון דער קולטור. אין דער אמתן זענען זיי די פּראָדוצירער פון דער עפנטלעכער מיינונג, וואָס איז דער אויסדרוק פון באַגרענעצטקייט, כאַראַקטערלאָזיקייט און די טיראַניע פון דער מערהייט. די פיליסטערס זיי שאַפן עס דעם שעדלעכן זומפּ אין וועלכע עס טאַפּטשעט היינט די מענטשלעכע קולטור. באַזונדער אין אונדזער צוואַנציקסטן י.ה. די תקופה פון דער גרויסער קללה פון פּחד פאַרן מאָרגן. דאָס קען מען מיט שיינע ווערטער ניט פאַרהוילן. דער פאַרלוירענער מענטש, דער קרבן פון מלחמות און סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס, זוכט אַ טעאָריע, אַ פילאָזאָפיע, וואָס זאָל באַרעכטיקן זיין בידנע עקזיסטענץ אויף אָט דעם אומגליקלעכן פּלאַנעט, ווי ער איז גאָר ניט קיין געוווּנטשענער גאַסט נאָר אַ פרעמדער פּאַסאַזשיר. דאַרף דאָך די ליטעראַטור קומען צו אים, ניט מיט קאַלטע ווערטער, נאָר מיט עפּעס אַ נייע האָפענונג.

אויב דער פרימיטיווער מענטש האָט געציטערט פאַר די נאַטור־דערשיינונגען, ווי פאַרן דונער, ערדציטערנישן און פאַרפלייצונגען שטייט דער מאָדערנער מענטש פאַרציטערט פאַר די איסטיטוציעס, וואָס ער אַליין האָט אויפגעשעלט. פאַרציטערט פאַר מלחמות, פאַר קאַזאַרמעס און טורמעס און פאַרציטערט פאַרן אייגענעם שכל, וואָס רויבט צו זיין רו. אויב דער פרימיטיווער מענטש האָט געפונען אַ טרייסט אין דער רעליגיע, קלויסטער און אין גאָט, שטייט דער מאָדערנער מענטש, וואָס האָט ביי גאָט צוגעגנבט דעם דונער און באַלייכט דערמיט זיינע אומצייליקע שטעט און פאַבריקן, שטייט ער אויך מאַכטלאָז פאַר דער צעשטערערישער קראַפט פון זיין שכל. פון אָנהייב האָט דער מענטש זיך געגרויסט מיט זיין נצחון איבער דער נאַטור, מיטן חלום וואָס ער האָט פאַרווירקלעכט. אָבער וואָס גרעסער זיין נצחון אַלץ מער שטייט ער פאַר דער אייזערנער וואַנט פון פּראַגע־צייכנס, וואָס ער קען ניט און וועט אפשר קיינמאָל ניט

קענען פאַרענטפערן. זיין נשמה איז פאַרציטערט פאַר דעם גרויסן וווּנדער פון דער נאַטור, פון דעם גרויסן סוד פון דעם קאָסמאָס ביזן קלענסטן טייל פון אַ געשפּאָלטענעם אַטאָם און ער ווערט אַלץ מער באַשיידן מיט זיין שטאָלץ. דער מענטש וואָס האָט פאַרלוירן זיין גאָט האָט אויך פאַרלוירן זיין גייסטיקן קאָמפּאַס. ער איז שוין צו ווייט אַוועק ער זאָל קענען געפינען אַ טרייסט אין דער רעליגיע. אויך די וויסנשאַפט ברענגט ניט בלויז דערגרייכונגען נאָר אויך סכנות. זי פאַרמעסט זיך צו פליען צו דער לבנה און פלאַנעטן און שענקט אונדז גלייכצייטיק די צעשטערונגס־קראַפט פון דער אַטאָם. אין דעם פּיצעלע אַטאָמעלע ליגט די גרעסטע סכנה פאַר דער צו־קונפט פון דער מענטשהייט. די וויסנשאַפט מאַכט ניט בעסער דעם מענטש און העלפט ניט אים איינשטעלן אַ יושרדיקע אָרדענונג, נאָר זי העלפט דעם מענטשלעכן משוגעת פון קעגנזייטיקער זיך אויסמאָרדן. מיט זיין גרויסן וויסן בלייבט דער מענטש אַלץ אַ „ציוויליזירטע בהמה", וואָס מיט זיין געניאַלן שכל געטריבן צו זיין אייגענער טאָטאַלער פאַרניכטונג.

דאָס גאַנצע צוואַנציקסטע י.ה. די תקופה פון מעכטיקע דער־גרייכונגען פון געדאַנק איז אויך די עקלדיקסטע תקופה פון מלחמות און בלוט פאַרגיסונגען; פון היטלעריזם און סטאַליניזם און פון דער אושוויץ־ציוויליזאַציע, ווען אַלע מענטשלעכע שטרעבונגען זענען שאַנדלאָז פאַרשוועכט געוואָרן. די וועלט־הערשערס פוןביידע מלוכישן בלאָקן טוען אַלץ צו פאַרבעסערן זייערע טאַנקן און טוען גאָר ניט צו פאַרבעסערן דאָס מענטשלעכע לעבן.

איז דען אַ וווּנדער, וואָס די ליטעראַטור קען היינט ניט מאָלן אַזוי פאַרבנרייך דאָס לעבן? אויף דעם היינטיקן שרייבער דריקן שווערע געדאַנקען. ער פילט די מעכטיקע כוחות, וואָס וואַרפן אָן אַ גרויזאַמע שרעק אויפן מענטש. עס קלינגט אין זיינע אויערן די וואָרנדיקע ווערטער פון גואי מאַפּאַסאַן — „ווי איז צו אונדז, ווי צו די מענטשן!" דאָס איז די שרעק פאַרן אונטערגאַנג, דאָס געשריי פון מענטש וואָס שטייט אויף דער שוועל פון די קברים פון אַלע האָפענונגען און שטרעבונגען. דאָס איז די שרעק פאַר די גרוילעכע

טויטן. אָבער נאָך קיינמאָל האָט אַזאַ פינצטערער געפיל ניט אַרומ־געכאַפּט דער ליטעראַטור מיט אירע געניאַלע שעפערס, וואָס האָט אַרויסגעשריגן פון דאָסטאָיעווסקיס, מאָפּאַסאַנס, אָסקאַר ווײַלדס, באָדלערס, עדגאַר פּאָס ווערק. שוין היינע האָט אונדז געוואָרנט אַז „אַ ווילד פינצטערע צייט רוקט זיך אָן, און אויב אַ נביא וואָלט געפּרוּווט אַ נייעם אַפּאָקאַליפּסוס אָנשרייבן, וואָלט ער געמוזט נייע בעסטיעס דערפינדן, אַזעלכע שרעקוואָרפנדיקע, וואָס די אַמאָליקע יאָהאַנישע חיה־סימבאָל וואָלט קעגן זיי געוועזן, ווי מילדע טייבעלער.״

אָבער דער וואָס האָט נביאיש פאָרגעזעען דעם היטלעריזם און די אוישוויץ־ציוויליזאַציע איז געווען פראַנץ קאַפקאַ, ווען קאַמי, סאַרטער און דזשאָרדזש אָרוועל האָבן שוין מיט אייגענע אויגן געזען דעם געשפּענסט פון דעם יאָר ״1984״; די היטלער און סטאַלין ווירקלעכקייט, די ווירקלעכקייט פון „גרויסן ברודער״. זיי האָבן געזען די מגיפה פון שינאה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די פעלקער. איז אויך אין דער ליטעראַטור געבראָכן געוואָרן דער אינדיווידואַליזם דורך דעם מאָדערניזם, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן פּעסי־מיזם, מיט אַן עקל צום לעבן. דער מאָדערניזם ,וואָס איז געבוירן געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען סיי רעוואָ־לוציאָנער און סיי רעאַקציאָנער. זי האָט געזאָלט זיין דער פּראָטעסט קעגן דעם אַבסורד פון דער צייט און זי איז אַליין געוואָרן אַבסורדיש.

מיר האָבן אין דאָזיקן מאמר פּרובירט צו מאַכן אַן איבערפלעכ־לעכן איבערבליק איבער דער ליטעראַטור פון די פאַרשידנסטע צייטן, כדי צו באַווייזן אַז אַלע ליטעראַרישע שולן : דער קלאַסיציזם, ראָמאַנ־טיזם, נאַטוראַליזם און דער פּסיכאָלאָגישער ראָמאַן האָבן געהאַט צו טאָן מיטן מענטש, ערשט דער מאָדערניזם אַנטלויפט פון דעם מענטש. דער נייער ראָמאַן פאַרמאָגט מער ניט קיין העלד, האָט ניט קיין באַשטימטן אינהאַלט, קיין אידעאַל, ניט קיין מאָראַל. עס קומט דאָרט פאָר אַ מין אַנטלויפן פון זיך אַליין, אַן אַנטלויפן פון טראַכטן און דאָס פאַרטושן דעם געדאַנק. אַלץ וואָס שמעקט מיט קלאַסיציזם האָבן זיי פאַרמישפּעט צום אונטערגאַנג, ווען פון קלאַסיציזם וואָלט מען דאָך געקענט ירשענען די הומאַניטאַרסטע און ליבעראַלסטע

גערדאַנקען פון טאָלעראַנץ, שיינקייט און ליבע. דער מאָדערניזם וואָס האָט געזאָלט זיין דער בונט פון נייעם דור קעגן דעם אַלטן, קעגן די אַלטע אַבסורדאַלישע אָרדענונג און אירע אינסטיטוציעס איז געוואָרן דער אויסדרוק פון יאוש און פון פאַרלוירענע האָפענונגען; אַן אויסדרוק פון קולט צום אומזיניקן, צו פעלשן אפילו די געזעצן פון דער נאַטור דורך האָמאָסעקסואַליזם און לעסבישע ליבע, ווי אַ פראָטעסט קעגן נאָרמאַלן סעקסועלן לעבן. און וואָס איז געוואָרן פון דער מאָדערנער מאָלעריי. גענוג צו פאַרגלייכן דאָס בילד פון ריעפינס „די בורלאַקן איבער דער וואָלגאַ" פון וועמענס פנימער פון הייסע יונגן עס שרייט אַרויס דער פראָטעסט און דער צאָרן פון באַליידיקטן מענטש, מיט אַ היינטיק אַבסטראַקטן בילד, ווי עס איז ניטאָ קיין מענטשלעך פנים. אמת, אַז מאָלעריי דאַרף ניט זיין קיין פאָטאָגראַפיע, זי טאָר אָבער אויך ניט קאָנקורירן מיט טאַפּעטן. אויב סוראַליזם איז חלום איז פאַנטאַזיע, איז אַבסטראַקט, דאָס אַנטלויפן פון געדאַנק און געפילן. אויך די מאָדערנע מוזיק אַנט־לויפט פון דער מעלאָדיע און פון האַרמאָניע און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ דזשונגל־געשריי, וואָס פאַרטויבט די אויערן און די געפילן. אין דער מאָדערנער פּאָעזיע ווערט סקאַסירט דער געדאַנק און פאַרמשפּעט אויף באַניציע. עס ווערט אָפּגעהוזקט פון יעדער לאָגיק, פון לייִדנשאַפטלעכע געפילן, ליבע ווערט פאַרוואַנדלט אין פּאָרנאָ־גראַפיע. דער מאָדערניזם שעפּט פון די פאַרשידנסטע עקסטראַוואַ־גאַנטישע קולטן, פון טעאָזאָפיע, אָקולטיזם, סאַמבאָליזם און פון די אַלט־אינדישע לערעס פון יוגאַ באַגלייט מיט אַ קרענקלעכן מיסט־טיציזם און פרימיטיוון עקסטאַז, און רעליגיעזן פאַנאַטיזם. דער עיקר פון דער קונסט ווערט דער טאַלאַנט גאָר ניט צו זאָגן. זיין לאָזונג — פּאָעזיע דאַרף מען ניט פאַרשטיין! דער מענטש ווי די קונסט ווערט פאַרסמט פון די פאַרשידענע נאַרקאָטיקס, מאָרפין, העראָין און קאָקאַין, אין דער צייט ווען די פּאָליטיק ווערט באַגלייט מיט טעראָר פון די „רויטע בריגאַדעס" מיט „מאַרקסיסטיש־לעניניס־טישער" ברוטאַלקייט און גלייכגילטיקייט צו בלוט־פאַרגיסונג.

אַוודאי בענקט זיך נאָך אַן אַנדערע ליטעראַטור, נאָך אַן אַנדערן

ראָמאַן ,וואָס זאָל אין איר צענטער צוריק ברענגען דעם מענטש, מיט זיינע האָפענונגען און שטרעבונגען און בענקענישן, מיט איר פּראָטעסט קעגן יעדן בייז, קעגן ברוטאַלקייט, געמיינקייט און מלחמות. עס בענקט זיך נאָך דעם הומאַניזם פון אַ ראָמאַן ראָלאַן, צו דער חכמה פון אַנאַטאָל פראַנס, צום רויען אָבער עכטן מענטש פון גאַרקיס העלדן; צו די העלדן פון וויקטאָר הוגאָ און טאָלסטוי און צו אַלע גרויסע שרייבערישע מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געשטרעבט פריי און גליקלעך צו מאַכן דעם מענטש.

דאָס פּנים פון דער ליטעראַטור איז אָבער ענג פאַרבונדן מיטן גורל פון דער מענטשלעכער ראַסע, וואָס שמאַכט היינט אונטער די שטיוול פון די געלט-זעק און קאָרומפּירטער פּאָליטיק. מוזן דאָך די היינטיקע שרייבערס אונדז אויסמאָלן דעם מאַרטירער-וועג פון מאָדערנעם מענטש, וואָס ווערט געטריבן צו די שלאַכט-פעלדער און טראַנשעען, צו מאָרד און טויט. דער שרייבער מוז דאָך זעען דעם היינטיקן מענטש אין זיין פּחדנות, ווי אַ שפּילצייג אין די הענט פון פינצטערע כוחות, אַ ניט פעיקער צו קעמפן פאַר זיין לעבן, פאַר דער רעכט צו זיין פריי, רעכט צו ליבן, צו פרייד.

צי קען די היינטיקע ליטעראַטור צוריקגיין צו די פריילעכע צייטן פון רענעסאַנס אָדער צו דער שיינקייט פון ראָמאַנטיזם? ניין! ווייל דאָס לעבן אין וועלכע מיר האָבן אַריינגעשפּאַנט איז ניט בלויז ברוטאַל נאָר אויך אָרעם און לאַנגווייליק. און אפשר וועט אין מיטן דער אומבאַשרייבלעכער ניט-זיכערקייט, ווי פון אַלע טיפע בענקענישן, ווידער אויפבליען אַ מענטשלעכע ליטעראַטור, מיט פאַנטאַזיע און שיינקייט, פון גייסט און יושר?

אַוודאי זענען דאָ שרייבער, וואָס מיינען אַז עס איז גאָר ניט זייער פליכט בעסער צו מאַכן די וועלט, זייער ציל איז נאָר די וועלט צו באַשרייבן. זיי פאַרזיכערן אַז אויך דעם מענטש קען מען ניט איבערבייטן, ניט איבעראַנדערשן; ניט באַפרייען אים פון זיין צוויי-פּנימדיקייט ,פון האַלב-מענטש האַלב-טייוול; דאָס באַשעפעניש פון אַגרעסיע און רחמנות, וואָס קען אַלעמען איבערכיטרעווען חוץ דעם טויט, וואָס איז אַן צווייפל די אַבסאָלוטע גערעכטיקייט, צו

וועלכע קיין שום רעוואָלוציע קען ניט דערגרייכן. ווייל דעם מלאך המוות קען מען ניט אונטערקויפן, ניט מיט כאַבאַר, ניטאָ ביי אים קיין פּראָטעקציע, פאַרן טויט זענען אַלע גלייך. ליטעראַטור דינט אָבער ניט דעם טויט נאָר דאָס לעבן, דעריבער איז זי דער פּראָטעסט קעגן אומזיניקן גויעג נאָך גאָלד, געלט, נאָך כבוד און רום. זי איז דער פּראָטעסט קעגן פאַרפירערישן גענוס צו וועלכע עס רופט די מאָדערנע ציוויליזאַציע, די ליטעראַטור פאַרגעסט אָבער ניט אַז דער סוף פון אַלע מענטשלעכע דערגרייכונגען איז דער טויט. דעריבער שעפּט די ליטעראַטור פון צוויי קעגנזעצלעכע קוואַלן — פון פעסימיזם און אָפּטימיזם. אַלע מענטשלעכע געדאַנקען, שטימונגען און פאַנטאַזיעס, ראַנגלען זיך צווישן אָט די צוויי וועלט־אויפאַסונגען; צווישן גרויסע האָפענונגען און זעלבסט־דעסטרוקציע, ווי דער מענטש שטעלט אַליין זיך אויף מאָנסטערס, וואָס זאָלן אים פאַרשקלאַפן, ער בויט זיך אויף כוחות וואָס זאָלן אים אַליין אומברענגען. דער ציל פון דער ליטעראַטור איז אָבער דעם מענטש צו באַפרייען פון אַלע בייזע כוחות.

די גריכיש טראַגעדיעס

יעדעס געשריבענע קונסט־ווערק איז אייגנטלעך אַ טראַגעדיע, ווייל אונדזער ווירקלעכקייט איז אַ טראַגישע. זי איז טראַגיש ווייל זי איז פול מיט פעלערן און דורכפאַלן. אונדזער גורל איז אַ געראַנגל סיי מיט דער נאַטור סיי מיט דער פאַרקריפּלטער און צעקאַלעטשעטער ווירקלעכקייט פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן. די טראַגעדיע איז אַ רעזולטאַט פון דעם טיפן תהום צווישן אונדזערע צו גרויסע אַספּיראַציעס, אומבאַגרענעצטע האָפענונגען און די שטאַרק באַגרענעצטע דערגרייכונגען. אַפילו די העכסטע דערגריי־כונגען קאָנען ניט באַפרידיקן אונדזערע אַספּיראַציעס. אַ קינסט־לערישע טראַגעדיע מוז אָבער ניט שטענדיק זיין פעסעמיסטיש און ניט שטענדיק זיך ענדיקן מיט אַ דורכפאַל. זיי מוזן אָבער יאָ זיין די מאַניפעסטאַציע פונעם ווירקלעכן לעבן.

די גריכישע טעאַטער טראַגעדיעס זענען אויסגעוואַקסן פון דעם געטער־קולט. גרויסע פאָלקס־פייערונגען פלעגן אין גריכנלאַנד פאָר־קומען אין דער צייט פון שניט, באַגלייט מיט כאָרן־געזאַנגען און פאָלקס־טענץ. די געזאַנגען פון דעם באַרימטן גריכישן דיכטער ארזיוס זענען באַשטאַנען פון הימנען צו די געטער, באַזונדער צום גאָט פון וויין און לעבנס־פרייד באַקכוס. אין די דאָזיקע פייערונגען

איז געקומען צום אויסדרוק די בענקשאַפט פונעם פאָלק נאָך פריילעכקייט און גליק. עס האָט געדינט אויך פאַר אַ געלעגנהייט איבערצורבעטן די געטער פאַר די מענטשלעכע זינד און בעטן זיי זאָלן פאַרלייכטערן דעם מענטשלעכן גורל. באַזונדער געוואָנדן צום גאָט טראַגוס, דערפון טאַקע שטאַמט דאָס וואָרט — טראַגעדיע.

אַזוי ווי זייער ווייניק מענטשן האָבן דאַן געקענט לייענען און שרייבן האָבן די פּאָעטן געזעדט צום האַרץ און דער נשמה פונעם פאָלק דורך דער בינע. דאָס טעאַטער איז געוואָרן דער וויכטיקסטער פלאַץ פאַר געדאַנקען, רעליגיעזע התלהבות, פאַר קונסט און פאַרוויילונג. אין טעאַטער איז געקומען צום אויסדרוק דער ווילן פון מענטש זיך צו אַסאַציירן מיט דער דראַמאַטישער אילוזיע און, ווי לויט בובערן, איז טעאַטער אַ מין „דו־שיח" צווישן דעם קהל און די בינע־אַרטיסטן.

עס זענען געווען נאָך פאַר איסכילעסן, גריכישע דיכטער, אָבער מיטן באַווייזן זיך פון איסכילעסן זענען זיי פאַרגעסן געוואָרן. איסכילעס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויף דער גריכישער בינע אויסגעפירט טראַגישע, דראַמאַטישע און סימבאָלישע געשטאַלטן און דערמיט געוואָרן דער פאָטער פון דער אייראָפּעישער דראַמע. (געבוירן אין יאָר 525 פאַר קריס. געב.).

איסכילעס איז געווען אַ לירישער דיכטער מיט אַ שטאַרק רעליגיעזן געפיל, און מיט אַ גלויבן אַז די הערשאַפט פון די געטער האָט אַ מאָראַלישן ציל און צו דינען דער גערעכטיקייט. און דאָך האָט ער געשאַפן אַזאַ טיטאַניש־דראַמאַטיש געשטאַלט, ווי פּראָמעטעאוס, וואָס האָט זיך צעבונטעוועט קעגן דעספּאָטישן און אכזריותדיקן זעאוסן, וועלכער האָט געוואָלט אומברענגען די מענטשן און ער פּראָמעטעאוס האָט זיי געראַטעוועט. ער האָט צוגעגנבעט ביי צעאוסן דאָס פייער און געשאָנקען די מענטשן. ער האָט זיי אויך אויסגעלערנט נוצלעכע מלאכה׳ס, ווי אויך די שריפט. ער ווערט דערפאַר באַשטראָפט פון צעאוסן, וועלכער באַפעלט מען זאָל אים צוקאָוועז צו אַ פעלדז און די אָדלערס זאָלן פּיקען זיין לייב. אָבער דער גרויסער בונטאַר און מענטשן־פריינט האָט גאָר ניט קיין

חרטה און אויף אַלע ווענדונגען פון צעאוסעס זון ער זאָל איבער־בעטן צעאוסן ענטפערט אים פּראָמאָטעאוס: „איך וואָלט מיין שטראָף פון פיין קיינמאָל ניט אויסגעטוישט אויף דיין שקלאַפן־דינסט. עס איז מיר פיל ליבער צו זיין צוגעקאָוועט צום דאָזיקן פעלדז איידער צו זיין אַ קנעכט ביי דיין טאַטן צעאוסן".

איסכילעס „דער געפאַנגענער פּראָמאָטעאוס" איז די ערשטע גרויסע טראַגעדיע, געשריבן מיט איבער 500 יאָר פאַר דער צייט־רעכנונג, וואָס שילדערט דעם מענטשלעכן בונט קעגן דער געט־לעכער דיספּאָטיע, דאָס מיינט קעגן מענטשלעכן גורל. איז גאָר ניט קיין װוּנדער וואָס כאָטש זיין „אנגאמאן" איז קינסטלעריש פיל שטאַרקער האָט דאָך זיין „געפאַנגענער פּראָמאָטעאוס" געהאַט די גרעסטע השפעה אויף דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. אין די פאַרשידנסטע צייטן און פאַרשידנסטע לענדער, וואָס איז אָן ספק די באַקאַנטסטע גריכישע טראַגעדיע. דער מיטאָס פון פּראָמאָטעאוס האָט געדינט די גרעסטע פּאָעטן. געננג צו דערמאָנען אַזעלכע ווי: מילטאָן און קאַלדראָן („די סקולפּטור פון פּראָמאָטעאוס"). אין 1773 האָט געטהע אָנגעשריבן זיין דראַמע „פּראָמאָטעאוס", וואָס איז פול מיט גלויבן אין מענטש, אין זיין זיג איבער דער נאַטור. צעאוס איז ביי אים מער ניט דער מעכטיקער דעספּאָט נאָר דער לעבערלעכער גאָט, ביי וועמען עפּעס אַן אַמעריקאַנער קווייקער, בנימין פרענקלין, האָט מיט דער הילף פון אַ לופט־שלאַנג (לאַטאַ־וויעץ) צוגעגנבעט ביי אים דעם דונער. אין יאָר 1818 שרייבט אָן. „דער פרינץ פון דער ענגלישער פּאָעזיע" סוירסי ביש שעלי, זיין רעוואָלוציאָנערע דראַמע: „דער באַפרייטער פּראָמאָטעאוס": די השפעה פון דעם מיטאָס פּראָמאָטעאוס געפינען מיר אויך אין בייראָנס „מאנפריד" און אין מיצקעוויטשעס דריטן טייל פון זיין „דזשאַדי", ווי ביי קאַמי אין זיין „פּראָמאָטעאוס אין גיהנום".

אויב ביי איסכילעסן האָט דער דעספּאָט געקאָוועט די גרויסע מענטשלעכע שטרעבונג צו ליכט און פרייהייט האָט געטהע געזען אין זיין „פּראָמאָטעאוס" דעם מענטש, וואָס פאַרווירקלעכט זיינע העכסטע שטרעבונגען. ווי אויך ביי שעלין איז פּראָמאָטעאוס

דער סימבאָל פון מענטשלעכע אספּיראַציעס און שטרעבונגען וואָס זענען אומבאַגרענצט און ער וועט באַהערשן זיין געשיכטע מיט שכל, מיט גלייכהייט, פרייהייט און ברידערלעכקייט. אָבער קאַמי זעט שוין ווי די געשיכטע האָט אַנשטאָט צו פאַרווירקלעכן די מענטש־לעכע שטרעבונגען, זיי פאַרשוועכט. און ווידער טרעפן מיר זיין פּראָמעטעאוס, פּונקט ווי אין דער גריכישער טראַגעדיע, אַ געקאָ־וועטן דורך די שוואַרצע כוחות. אויב דער קלאַסישער „פּראָמאָ־טעאוס" צעבונטעוועט זיך קעגן דער קאָסמישע עוולה, איז דער מאָדערנער, אָדער קאַמיס „פּראָמאָטעאוס", דער בונט קעגן דער געשיכטלעכער עוולה. אויב ביי אַכילעסן איז דער מענטשלעכער ווילן באַגרענעצט דורך די מיסטישע כוחות פון דער נאַטור, איז ביי קאַמין די גרענעץ פון דעם מענטשלעכן ווילן דער חושך פון דעם אַבסורד. דאָס איז אַ מין גלגול פון גריכישן מיטאָס פון גורל אין דער וועלט אָן געטער.

לויט קאַמין אין זיין „פּראָמאָטעאוס אין גיהנום" האָט „פּראָמאָ־טעאוס" געשאָנקען דעם מענטש צוויי מתנות: דאָס פייער, וואָס דער מענטש האָט ליידער באַנוצט מער, ווי דאָס איז אים נויטיק און דאָס ליכט, אָדער די שיינקייט פון פרייהייט און גייסט. דער מענטש וואָס האָט באַפרייט זיך פון דעם גוטן גאָט, האָט זיך אָבער פאַרשקלאַפט צו דער מאַשין.

איסכילעס האָט אָנגעשריבן צענדליקע טראַגעדיעס, אָבער נאָר זיבן פון זיי זענען צו אונדז דערגאַנגען. אויך פון זיין „פּראָמאָ־טעאוס" זענען פון צוויי טיילן געבליבן נאָר איינציקע פראַגמענטן. אין זיין דראַמע „די פערסיער" שילדערט ער דעם זיג פון די גריכן איבער די פערסיער און די השפעה וואָס דאָס האָט אויפן גריכישן פאָלק. ער האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע רייע אַקטועלע דראַמעס פון וועלכע נאָר זיין טריאַלאָגיע „ארסיי" איז אַ גאַנצע צו אונדז דערגאַנגען.

די וואָס האָבן פאַרגעזעצט איסכילעס וועג אין טעאַטער זענען געווען: סאָפאָקלעס, אוראַפּידעס און אַריסטאָפאַנעס. צו די שטאַרקסטע טראַגעדיע וואָס סאָפאָקלעס האָט געשריבן געהערט

זיין „אַנטאַגאָנאַ״, וואָס איז מקריב איר לעבן, כדי צו ברענגען צו קבורה איר באַליבטן ברודער, וועמען דער הערשער האָט אים, אַלס שונא פון פאָלק אומגעבראַכט און פאַרווערט אים צו באַגראָבן. אַנטאַגאָנע האָט גוט געוווסט אַז פאַר איר אַנטקעגנשטעלן זיך דעם באַפעל פון דעם הערשער וועט זי באַצאָלן מיט איר לעבן. איר געטריישאַפט און ליבע צום ברודער איז אָבער געווען שטאַרקער, ווי איר אייגן לעבן און זי באַגראָבט איר ברודער באַצאָלנדיק דערפאַר מיט איר לעבן. מיט גרויס אומץ לב דערקלערט זי פאַרן טויט, אַז די באַפעלן פון גאָט זענען פיל שטאַרקער ווי די גזרות פון אַ מענטשלעכן הערשער און איר געוויסן האָט איר ניט דערלויבט צו קומען צו גאָט מיט דעם חטא פון פחד פאַר מענטשלעכע באַפעלן. אָבער אויך דעם מושל שילדערט סאָפאָקלעס ניט, ווי אַ רשע גמור, נאָר ווי אַ הערשער, וואָס שטעלט העכער זיין מלוכהשע פליכטן פאַר דעם אייגענעם געוויסן און פאַר די אייגענע געפילן. אין די אינטערעסן פון דער מדינה לאָזט ער זיך ניט אונטערקויפן מיט געלט, געלט זאָגט ער, איז דאָס גרעסטע שלעכטס אויף דער וועלט. ער בלייבט אָבער געטריי זיין הערשערישן פליכט און די וואָס בונטעווען זיך קעגן זיין דעספאָטיזם ווערן אומגעברענגט לויט זיין באַפעל.

פול קלוגע געדאַנקען זענען דורכגעוואָרפן אין די דראַמעס פון אוראַפּידוס. דאָס וויכטיקסטע פון זיי איז זיין „מעדיאַ״, וואָס איז רייך מיט פּראָבלעמען פון ליבע, געטריישאַפט, רצח און תאווה פון נקמה. אַלע גריכישע דיכטערס האָבן געשעפּט זייערע טעמעס פון דעם רייכן קוואַל פון די אַלט גריכישע לעגענדעס און מיטאָס, ווי פון דער אַלט גריכישע פאָלקס־חכמה. זיי האָבן אויך ניט ווייניק פון זייערע אידעען און געדאַנקען, וועגן מאָראַל און גערעכטיקייט, אַריינגעפלאָכטן אין זיינע דראַמעס און טראַגעדיעס.

אַ באַזונדער אָרט צווישן זיי פאַרנעמען אַריסטאָפאַנעס קאָמישע טראַגעדיעס. ער האָט אָפט זיך באַנוצט מיטן מעטאָד פון פאַרשטעלן חיות, וואָס רעדן און פירן זיך אויף ווי מענטשן. דאָס איז אים געווען נויטיק צוליב דער סאַטירישער שאַרפקייט פון זיינע קאָמע־דיעס און צו אַנטבלויזן זיין טיפזיניקע וועלט פון געדאַנקען. אין

זיינע דראַמעס „פויגל" און „פּרעש" שטעלט ער פאַר די מענטשליכע משוגעתן. זיינע פייגל (מענטשן) שטרעבן צו בויען זייערע שלעסער אין דער לופטן. און ער שילדערט זייערע פרייד פון איינגערעדטע נצחונות. ער לאַכט אויס די מענטשלעכע נאַרישקייטן פון זייער אייביקע מלחמות, וואָס ברענגט זיי נאָר אומגליקן. אין זיינע סאַטירעס פייערט די נאַרישקייט איר נצחון. איז דען דאָ נאָך אַ גרעסערע טראַגעדיע, ווי דער נצחון פון דער נאַרישקייט? אַריסטאָפאַנעס איז טאָקע דערמיט גרויס, וואָס זיינע אידעען זענען גרויסע און וואָס ער האָט געוואָגט צו באַהאַנדלען, אין זיינע דראַמעס, די פּאָליטישע און רעליגעזע פּראָבלעמען פון זיין צייט, באַנוצנדיק זיך מיט זיין שאַרפן געווער פון סאַטירע, אין זיין דראַמע „דער פאַרשטענדלעכער בירגער" האָבן מיר זיין העלד, אַן אַנטווישטער אין דער אַטענער דעמאָקראַטיע, וואָס ברענגט ניט קיין שום האָפענונג פון אַ שלום און ער שליסט אַליין אַ פּריוואַטן שלום מיטן שונא. די זקני הכפר ווילן אים דערפאַר באַשטראָפן אָבער אים געלונגט זיי איבערצוצייגן אַז די מלחמות זענען צעשטעריש און אָן אַ זין ,ווען זיין שלום ברענגט אַלעמען נאָר נוצן.

זיין קאָמעדיע „די רייטער" איז אַ בייסיקע סאַטירע איבער דער פּאָליטיק פון די דעמאָקראַטישע מנהיגים וועלכע פירן דאָס פאָלק (דעמאָס) ביי דער נאָז. ער קריטיקירט אָבער אויך דאָס פאָלק. צום סוף דערקענט דאָס פאָלק די פאַלשקייט פון דעם מנהיג און זיי פאַרטרייבן אים. אַזוי זענען אַלע זיינע קאָמעדיעס געוואָנדן קעגן דער מענטשלעכער נאַרישקייט. אָבער מיט דער גרעסטער סאַטירישער קראַפט טרעט ער אַרויס קעגן די מלחמות. (זיין דראַמע „שלום"). זיין שטאַרקסטע אַנטי־מלחמה קאָמעדיע איז „לוזיסטראַטאַ". די העלדין אַ קעמפערישע פרוי, וואָס אָרגאַניזירט אַלע אַטענער פרויען אין אַ אָרגינעלן סטרייק קעגן זייערע מענער, וואָס ווערן ניט מיד פון פירן אייביקע מלחמות. צום סוף זיגן די פרויען. ווייל די מענער זענען ניט גרייט אויף לאַנג זיך אָפּצוזאָגן פון זייער פאַרגעניגנס און עס ווערט געשלאָסן אַ בכבודיקער שלום מיט ספּאַרטאַ.

וועגן די סיבות פון מלחמות האָבן פילאָזאָפן געשאַפן אַ סך

טעאָריעס. די מאַרקסיסטן האָבן געזען די סיבות אין די קלאַסן־אינטערעסן און אין אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן, אַנדערע האָבן געזען אין דעם נאַציאָנאַלע אינטערעסן אָבער סאָפאָקלעס האָט די סיבה פון די מלחמות געזען אין דער מענטשלעכער נאַרישקייט. שוין שפּינאָזאָ האָט דעם באַגריף שלום פאַרשטאַנען ניט ווי די „אָפּוועזנהייט פון מלחמה", נאָר פאַר „אַ מעלה וואָס טויגט אַרויס פון גייסטיקער גבורה". דאָ האַנדלט זיך ניט אייגענטלעך אין דערקלערן קריג אָדער שליסן שלום, נאָר שאַפן אַ שאַרפן אָפּטייל־ליניע צווישן דעם הויך גייסטיקן און די פאַרסמטע געפאַלנקייט, דערנידריקונג פון מענטשלעכן גייסט. אין דעם זין האָט דאָס אויך פאַרשטאַנען סאָפאָקלעס. אינטערעסאַנט איז אַז מיט צוויי טויזנט יאָר שפּעטער האָבן הונדערטער טויזנטער מענטשן אין אַמעריקע, אין די דרייסיקער יאָרן, בשעת דער וויעטנאַמען מלחמה, דעמאָנסטרירט אין וואַסטאָק, שיקאַגאָ און סאַן־פראַנציסקאָ קעגן דער מלחמה מיט דער זעלבער לאָזונג וואָס די ווייבער אין אַטען, אין סאָפאָקלעס „ליזיסטראַטאַ — סעקס אַנשטאָט מלחמה! ליבע אַנשטאָט מאָרד! און ווער גלויבט עס אַז גרויסע ווערק האָבן ניט זייער גרויסע השפעה אויף דער געשיכטע.

אַריסטאָפאַנעס אין אַלע זיינע סאַטירישע ווערק, דראַמעס און קאָמעדיעס האָט געהאַט פאַר זיך דעם הויכן ציל צו דערציען דאָס פאָלק צו שלום און פריינדשאַפט, ווי אויך צו סאָציאַלן יושר. און אפשר איז דאָס אויך די סיבה וואָס אַלע זיינע ווערק זענען דערגאַנגען צו אונדז גאַנצערהייט.

פרידריך ניטשע

פרידריך ניטשע (1844—1900) געהערט צו די גרויסע געשטאַלטן פון 19־טן י. ה. פאַר דער פילאָזאָפיע ווי פאַר דער ליטעראַטור. ער האָט דורכגעפירט אַ שאַרפע קריטיק איבער דער פילאָזאָפיע, רעליגיע, מאָראַל, געשיכטע און איבער די קאָנווענציאָנעלער ליגנט פון אונדזער טראַכטן. לויט ניטשען האָבן די אינסטינקטן דערפירט צו דער נויטווענדיקייט צו פעלשן דער ווירקלעכקייט. דער דראַנג צו אַנטדעקן דעם אמת איז דער ווילן צו דערגרייכן צו זיך אַליין. אָבער יעדער אמת איז סוביעקטיוו. קיין אַלגעמיינער אָביעקטיווער אמת איז ניט מעגלעך. זיין קריטיק איבער דער אָביעקטיווקייט פונעם שכל פירט אים מוותר צו זיין פון דער טראַדיציאָנעלען פילאָזאָפיע און ער באַצייכנט זיין לערע ווי — פסיכאָלאָגיע. זיינע געדאַנקען האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער לערע פון פרוידן ווי אויף דער עקזיסטענציאַליסטישע פילאָזאָפיע. ניטשע האָט נאָך פאַר איינשטיינס טעאָריע און פאַר פלאַנקס קוואַנטן־טעאָריע אָפּגעוואָרפן דעם דעטערמיניזם און ער האָט אָפּגעוואָרפן העגעלס סיסטעם, וואָס דעגנערירט דעם מענטש צו דער ראָלע פון אַ שרייפעלע. פאַרקערט דער מענטש האָט אַ גרויסע אויפגאַבע און ער קען דערגרייכן צו ווערן אַן „אָבערמענטש" און ער זאָגט: „איך באַשווער אייך ברידער, בלייבט געטריי דער

ערד! גלויבט ניט די רייד פון די וואָס טרייסטן אייך מיט איבערערדישע האָפענונגען. זיי זענען גיפטמישערס. באַוווּסטזיניקע אָדער ניט־באַוווּסטזיניקע פאַרעטערס פון לעבן; אָפּשטאַרבנדיקע ווערזנס, זעלבסטפאַרגיפטערס, וועמען די וועלט איז לאַנגווייליק געוואָרן, זאָלן זיי אונטערגיין! אַמאָל איז די גרעסטע, זינד געווען צו זינדיקן קעגן גאָט, אָבער גאָט איז געשטאָרבן און מיט אים אַלע זינד". אויף אַ צווייט אָרט זאָגט ער, אַז גאָט איז געשטאָרבן פון געלעכטער. אָבער אויב גאָט איז געשטאָרבן איז דאָך געשטאָרבן יעדער אויטאָריטעט און איבערן מענטש איז גאָר ניטאָ. בלייבט אים אָנצוטאָן גייסטיקע פליגלען און דערפליען צו די העכסטע הייכן פון געדאַנק, איבערלאָזנדיק די „חכמים וואָס גאַפּיען אויף די געדאַנקען, וואָס אַנדערע האָבן געטראַכט". וועלכע: „ווען זיי געבן אַרויס זייערע חכמות פיל איך אַ שווינדער, הערנדיק זייערע גלייכוווערטער און זייערע קליינע אמתן." ניטשע האָט געפילט אַז ער שטייט העכער, איבער די קעפּ פון אָט די דאָזיקע חכמים. און ער זאָגט „איך האָב ליב די פרייהייט און די ריינע לופט, וועלכע וויינען איבער פרישע לענדער. ליבער וויל איך שלאָפן אויף אָקסן־פעל איידער אויף זייערע טיטולן און זייער אָנשטענדיקייט. איך בין צו הייס און פאַרברענט פון מיינע אייגענע געדאַנקען און אָפט פאַרכאַפּט מיר דער אָטעם פון דעם אינערלעכן פייער".

דער ערשטער וואָס האָט אַנטדעקט ניטשען, אַלס געניאַלן דענקער, איז געווען דער יידיש־דענישער ליטעראַטור־קריטיקער דזשאָרדזש בראַנדעס, וועלכער איז אויך געשטאַנען אין אַ בריוו־ווי אין אַ גרויסע פריינדשאַפט־פאַרבינדונג מיט פּיאָטר קראָ־פּאָטקינען. ניטשע האָט זיך באַצויגן מיט אַ ווידערווילן צום סאָציאַליזם, וואָס איז געזונקען אין דער בלאָטע פון פּאָליטיק און פּאַרלאַמענטאַרישע און פּאַרטייאישע אינטריגעס. האָט אים בראַנדעס פאַרגעשטעלט אַן אַנדער סאָציאַליזם פון קראָפּאָטקינען און אים דערציילט וועגן קראָפּאָטקינען און טאָלסטויען אַלס די צוויי גרעסטע רוסן. ניטשע האָט דאַן גאָרניט געוווּסט, ווי זיינע געדאַנקען וועגן מלוכה און הערשאַפט זענען אַזוי נאָענט צו די אַנאַרכיסטישע.

ווי אַנדערע גרויסע דענקערס איז ניטשע, אין זיין צייט, ניט

פאַרשטאַנען געוואָרן. באַזונדער ווייל אים טאָר מען ניט, אויך אַלס פּאָעט, כאַפּן ביי יעדן וואָרט. מען דאַרף אים גוט לערנען כדי צו פאַרשטיין. דערפאַר איז אויך באַקוועם געווען אים צו פעלשן. פאַר היטלערן איז געווען וויניק, וואָס ער האָט געהאַט פיכטען פאַר זיין נביא, ער האָט זיך גענויטיקט אין דער אויטאָריטעט פון ניטשען, אַלס דעם גרויסן פילאָזאָף פון 19־טן י. ה. באַזונדער האָט ער געוואָלט ניטשעס געדאַנק וועגן „אָבערמענטש" זאָל דינען זיין טעאָריע פון אַ „אָבערראַסע". דערצו האָט זיך אָבער גענויטיקט, אַ ראַסיסט און אַנטיסעמיט. ניטשע איז אָבער געווען הימל ווייט פון ראַסיזם, שאָוועניזם און אַנטיסעמיטיזם. דאָס פעלשן זיינע בריוו איז ניט געלונגען. זיינע ווערק זענען דאָך די גרעסטע אָפּלייקענונג פון דער נאַציאָנאַלער גאווה. ער איז דאָך געווען אַ שונא פון דייטשישן אין יעדן מיליטאַריזם. עס איז דאָך אויך באַקאַנט אַז צוליב וואַגנערס בוך „יידן אין דער מוזיק" האָט ער איבערגעריסן מיט זיין בעסטן פריינד וואַגנערן. אין זיינע ווערק טרעפט מען קיינמאָל ניט דאָס וואָרט — דייטש, פראַנצויז, ייד אָדער וועלכע באַצייכענונג פון אַ אַנדער פאָלק. ער רעדט נאָר וועגן מענטש. יעדע פאָלקס־שינאה איז אים געווען פרעמד. אויך זיין „אָבער־מענטש" איז ניט קיין באַשעפעניש וואָס שטייט איבער אַנדערע מענטשן, נאָר ווי אַ שטרעבונג צו דערהייבן דעם מענטש צו אַ העכערער קולטור און מאָראַל, צו אַ העכערער ציוויליזאַציע. ווי עס איז ניטאָ קיין הערשאַפט פון אַ מענטש איבער אַנדערע.

ווי שוין געזאָגט איז ניטשעס נעגאַציע צו דער מלוכה געווען די זעלבע וואָס די אַנאַרכיסטישע. אַנטי־מלוכישע געדאַנקען געפינט מען גענוג אין זיינע ווערק. נעמען מיר אַזעלעכע ווערטער: „די מלוכה איז די קאַלטסטע פאַרזעעניש און דער־פאַר איז שקר, וואָס קריכט פון זיין מויל — „איך, די מלוכה, בין דאָס פאָלק!" ווייטער זאָגט ער: „פאַלש איז אַלץ אין איר (מלוכה). צום טראָן שטרעבן זיי אַלע, דאָס איז זייער משוגעת, אַקוראַט ווי אויפן טראָן וואָלט געזעסן דאָס גליק! אָפט זיצט קויט אויפן טראָן און אָפט דער טראָן אויף דעם קויט". און ניטשע זאָגט ווייטער: „די שטאָט רוף איך אַלע זיינע גיפט־טרינקערס, די גוטע

און שלעכטע שטאַט, ווי אַלעמענס לאַנגזאַמער זעלבסט־מאָרד רופט זיך — דאָס לעבן". ניטשע איז פול מיט סאַרקאַסטישן שפּאָט אין זיינע מיינונגען וועגן אויטאָריטעט און פּאָליטיקערס. מען קען וועגן דעם ברענגען צענדליקער פון אים ציטאַטן. אָט איז אַ ביישפּיל: „אין דער וועלט האָבן די בעסטע זאַכן ניט קיין ווערט, ווען זיי געפינען ניט מענטשן, וועלכע מען זאָל אונדז ניט פאָרשטעלן אַלס ,גרויסע מענער'. אַזוי רופט דאָס פאָלק די דאָזיקע אַקטיאָרן. דאָס פאָלק האָט אַ קליינעם באַגריף פון דעם אמתן גרויסן פון דעם שאַפנדיקן! ער באַגרייפט נאָר זיינע אַקטיאָרן, די שוישפּילער פון גרויסע זאַכן". אָדער ער זאָגט: „די גאַנצע וועלט דרייט זיך אַרום די דערפינדונגען פון נייע ווערטן, אָבער דאָס פאָלק דרייט זיך אַרום די שוישפּילער". ווי אַקטועל דאָס קלינגט ווען ער רעדט וועגן די „גרויסע מענטשן": „זייערע געדאַנקען זענען פאַרענדערלער, ווי פאַרענדערלעך איז דאָס וועטער. אומוואָרפן — הייסט ביי אים באַווייזן, משוגע מאַכן די אַנדערע — הייסט ביי אים איבערצייגן, זיין בעסטער יסוד איז בלוט". און ווייטער זאָגט ער: „אַן אמת קריכט אַריין אין פיינע אויערן, אָבער ער רופט דאָס — ליגנס. באמת מיינע ברידער, ער גלויבט נאָר אין געטער, וואָס מאַכן אַ גרויסן ליאַרעם אין דער וועלט. דער מאַרק איז פול מיט אַזעלכע פּאַיאַצן. נאָר דאָס פאָלק רימט זיך מיט זייערע „גרויסע מענער". אין אָט דעם שונא פון הערשאַפט און מאַכט, האָבן שווינדלערס געוואָלט קרוינען פאַרן נביא פון היטלעריזם. פאַר ניטשען איז אָבער גאָט געשטאָרבן און צוזאַמען מיט אים אַלע מענטשלעכע פירערס און דערליזערס.

וועגן ניטשען איז געשאַפן געוואָרן אַ ריזיקע ליטעראַטור. צענדליקע דענקערס, שרייבערס און פּאָעטן האָבן זיך געפונען אונטער זיין השפעה. צווישן זיי אויך אונדזער י. ל. פּרץ. מיר ווילן דאָ ברענגען אַ פּאָר אויסצוגן פון דעם אינטערעסאַנטן ווערק פון ד"ר אייגן היינריך שמיד וועגן ניטשען: — „עס איז אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, וואָס גרויסע שטרעבנדיקע גייסטערס, מענטשן וואָס גרייטן צו נייע קולטורן אין דער געשיכטע, ווערן אין זייער צייט ניט פאַרשטאַנען און פאַלש אויסגעטייטשט. איינער פון אָט די

גרויסע וועג־ברעכערס און פּראָפעטן, וועלכער פירט אונדז אַריין אין נייע אומבאַקאַנטע לענדער, צו אַ נייע וועלט־אויפפאַסונג איז פרידריך ניטשע. ער זעגלט ווי קאָלאָמבוס דורך אומבאַקאַנטע ימען, איבער ענדלאָזע וויסטעניש צווישן הימל און וואַסער, איז גאָר ניט קיין וווּנדער וואָס זיינע שיף־חברים וועלכע באַזיצן ניט זיין פּראָפעטישן מוט, ציטערן אין אַנגס און פּחד אויף דעם מוראַדיקן וועג, אָן זיכערע האַפנס, אָן באַקוועמע סטאַציעס, ווי זייערע עלטער־זיידעס זענען זיכער געפאָרן, לויט די אַלטע דערפאַרונגען און געוווינהייטן. די מערסטע שרעקט אָפּ אַזאַ רייזע פון געדאַנק, אָן פעסטע איבערצייגונגען, אָן אַבסאָלוטע געזעצן פון מאָראַל, זיטן און אָנשויאונגען, וואָס זענען גענצלעך פאַרשוווּנדן געוואָרן. דערפאַר רופט ניטשע זיך אַליין דער „אַנטדעקער פון דעם אידעאַל", ווי אָן אַנטדעקט לאַנד, וועמענס גרענעצן זענען נאָך פון קיינעם ניט געזען געוואָרן. נאָר מיט דער דאָזיקער מאָס קען ניטשע געמאָסטן ווערן".

ניטשע האָט, זעט אויס, גאָר ניט שטאַרק געהאַלטן פון די „לאָגיש טראַכטנדיקע" און געזאָגט: „ווען זיי גיבן אַרויס זייערע חכמות פיל איך אַ שווינדער, הערנדיק זייערע גלייכוווערטלעך און זייערע קליינע אמתן. באמת מיינע ברידער, אָפט הערט זיך פון זייער חכמה אַ געררוך, ווי פון אַ זומפּ און מיינע אויערן הערן דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס". און ערגעץ זאָגט ער: „פון די חכמים בין איך ביז איצט שלעכט פאַרשטאַנען געוואָרן". אַזאַ ריזן־גייסט איז פאַרשטענדלעך גאָר ניט פאַר דער מאָס פון די פּיליסטערס. זיי קענען גאָר ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי דערלויבט זיך אַזאַ ניטשע צו פאַרלאָזן אַלע הייליקייטן פון דער פאַרגאַנגענהייט און די אַלטע שוין אָפּגעלעבטע געדאַנקען און אידעען.

די וואָס קלאַמערן זיך אין די אַלטע באַגריפן און קאָנווענ־ציאָנעלע געדאַנקען האָבן ניטשע געשטעמפּלט פאַר אַ משוגענעם פילאָזאָף. אָבער אין דער וועלט אין וועלכער מיר לעבן היינט, אין דער וועלט פון אַבסורד און פּחד ווערן ניטשעס געדאַנקען אַלץ מער פאַרשטענדלעך, ניטשע האָט פאָרויסגעזען דעם אָפּשטאַרבנדיקן פּראָצעס און די מאָראַלישע צעפוילטקייט פון אונדזער ציוויליזאַציע. די ציוויליזאַציע פון אוישוויץ און פון אַטאָמישן טויט, ווען די

הערשער פון דער וועלט האָבן שוין ווייניק די מלחמות אויף דער ערד. זיי גרייטן שוין אַ נייע תקופה פון מלחמות צווישן די שטערן און פּלאַנעטן.

אָבער ניטשע האָט פיינט געהאַט די חכמים מיט זייערע „קברים־אידעען" די אַפּאָסטאָלן פון טויט און ער זאָגט: „יאָ כ'האָב מיך אַרויסגעצויגן פון דעם הויז פון די חכמים און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר, וואָס זיי האָבן צוגעמאַכט אונטער מיר".

ניטשעס „חטא" איז וואָס ער האָט מיט זיין סאַרקאַזם לעבער־לעך געמאַכט די אָפּגעשטאָרבענע אידעאַלן און די פאַרפוילטע הייליקטימער, וואָס מען דאַרף וואָס גיכער באַגראָבן, כדי צו שפּאַנען צו אַ נייער ציוויליזאַציע; פון אַ נייעם באַפרייטן און הויך קולטורעלן „איבערמענטש" צו אַ גליקלעכער צוקונפט. און ד"ר היינריך שמידט זאָגט ווייטער:

„ניטשעס קעגנער האָבן אים באַשולדיקט, וואָס ער פאַרלאָזט די פעסטע יסודות פון דער אַלגעמיינער דערקענטעניש און אַז ער וויל אונדז אַריינפירן אין די אינטעלעקטועלע מאָראַלישע אָפּגרונטן. די דאָזיקע קריטיקערס קען מען פאַרגלייכן צו יענע ים־פאָרערס פון קאָלומבוסעס מאַנשאַפט, וואָס האָבן געשטיצט זיך אויף דער גרויסער דערפאַרונג פון זייערע זיידעס. דאָס זענען געווען לייט אָן טרוימען, אָן פאַנטאַזיע און ווען קאָלאָמבוס וואָלט זיך צוגעהערט צו זייערע „קלוגע רייד" און צו די מאַפּעס, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר זייערע אויגן, וואָלט די נייע וועלט קיינמאָל ניט אַנטדעקט געוואָרן.

„ווען מען זאָל אָנווענדן די דאָזיקע מעטאָדן פון קריטיק פון יענע ,קלוגע און לאָגיש־טראַכטנדיקע', וועלכע גייען תמיד אויף פעסטע, אויסגעטראָטענע וועגן, וואָס אין אַלע צייטן האָבן זיי די זעלבע אומגעלומפּערטע אַרגומענטן קעגן די קאָלאָמבוסעס פון דער מענטשהייט, די טרוימער און אַנטדעקער פון נייע וועלטן. זיי האָבן שטענדיק פאַראורטיילט די וואָס זעען ווייטער פון זיי און וואָגן צו דרייסטע געדאַנקען און דרייסטע טאָטן".

מיר האָבן דאָ געבראַנגט אַזעלכע גרויסע ציטאַטן צו באַווייזן אַז נאָך דעם שטאַנדפּונקט פון די „לאָגיש טראַכטנדיקע" מענטשן קען

מען ניטשעס געדאַנקען נאָר אָפּוואַרפן, זיין גרויסער חטא איז וואָס ער איז צופרי אפשר געבוירן געוואָרן. און ניטשע זאָגט טאַקע ערגעץ, אַז אַ מענטש דאַרף וויסן ווען געבוירן צו ווערן און ווען צו שטאַרבן. אַזאַ ריזן־גייסט איז פאַרשטענדלעך גאַרניט פאַר דער מאַס פון די פיליסטערס, וואָס קענען גאַרניט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט זיך אַזאַ ניטשע דערלויבט אָפּצוּוואַרפן אַלע אַלטע וועלט־אַנשויאונגען, אַלע הייליקייטן פון דער פאַרגאַנגענהייט צוזאַמען מיט אַלע געפעלשטע אמתן, אַלע קאָנווענציאָנעלע אָבערגלויבנס און זיי האָבן אים געשטעמפּלט פאַר אַ משוגענעם פילאָזאָף, נאָך איידער ער איז גייסטיק קראַנק געוואָרן.

דאָך איז דאָ ניטשען אַ סך וואָס פאַרצוּוואַרפן, ווייל צוזאַמען מיטן אָפּוואַרפן דעם גאַנצן קריסטלעכן מאָראַל, די קריסטלעכע ציוויליזאַציע און דאָס גאַנצע קריסטנטום, וואַרפט ער צוזאַמען דערמיט אויך אָפּ די גאַנצע מאָראַל. מען קען אָפּוואַרפן די צביעות פון קריסטלעכן מאָראַל און אויך די צביעות פון דעם דעמאָק־ראַטישן אידעאַל, אָבער ניטשע וואַרפט אויך אָפּ דעם געפיל פון סאָלידאַריטעט און רחמנות. צוזאַמען מיט דער סטאַדע־גלייכהייט, וואַרפט ניטשע אָפּ די גלייכהייט בכלל. אַזוי אַז מען דאַרף פון דעם ניטשע־קוואַל אַרויסציען דאָס הומאַניטאַרע און וויזיאָנערישע. דעם פּאָעטישן נשמה־געזאַנג נאָך ליבע און מען דאַרף איבערלאָזן דאָס גיפטיקע, ווייל ניטשע האָט אָפּט געמיסברויכט מיט ווערטער, וועלכע זענען ניט געווען אין איינקלאַנג מיט זיינע געדאַנקען. צו זיין לויב דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין יידן־פיינט נאָך פאַרקערט אַ פאַרערער פון יידן, פון תנ״ך, אַ שאַרפער קעגנער פון ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם. דער ציל פון זיינע ווערק זענען געווען צו טרייבן דעם מענטש ער זאָל קלעטערן אויף די העכסטע שפּיצן פון געוואַגטן געדאַנק, צו אַ העכערע קולטור און העכערע ציוויליזאַציע.

ווען מיר פרעגן זיך, וואָס פאַראַ באַדייטונג האָט היינט פאַר אונדז ניטשעס פילאָזאָפיע, קענען מיר דרייסט זאָגן, אַז גראָד היינט, נאָך די בלוטיקע מלחמות, נאָך דער היטלעריסטישער און סטאַליניסטישע משוגעתן, צוזאַמען מיט די גרויסע דערגרייכונגען פון

דער וויסנשאַפט און טעכניק, קענען מיר פון ניטשע לערנען, אַז דער מענטש האָט גאָר ניט מיט וואָס צו שטאָלצירן. יאָ, ער האָט געקענט אַלע שוואַכקייטן פון דער מענטשלעכער קולטור און היינטיקער ציוויליזאַציע און ער האָט צום מענטש געזאָגט: „ווען איר אמתדיק פאַרמאַסקירן אייערע פּנימער, איר מענטשן היינטיקע, וואָלט איר קיין בעסערע מאַסקע ניט געקענט אויסקלייבן, ווי אייערע אייגענע פּנימער! ווער קען אייך דען דערקענען!

די מענטשן האָבן אָבער ניט געוואָלט אים הערן און פאַר־שטאָפּט זייערע אויערן. אָבער ווי צו די פעלקער, וואָס בלייבן טויט צו די רייך פון די נביאים.

ערשט היינט, אין דער וועלט פון פּחד און אַבסורד, איז לייכטער ניטשען צו פאַרשטיין, ווייל ער האָט פאָרויסגעזען דעם פּראָצעס פון דעם אָפּשטאַרבנדיקער קולטור, פון דער מאָראַלישער פאַר־פוילטקייט און פאַרברעכערישקייט פון דער היינטיקער „אַטאָמישער תקופה". זיין חטא איז וואָס ער האָט אָפּגעלאַכט פון געשטאָרבענע געטער און אָפּשטאַרבנדיקע אידעאַלן, פון די פאַרפוילטע הייליקטי־מער, וואָס מען דאַרף וואָס גיכער באַגראָבן, כדי צו קענען שפּאַנען צו אַ נייער ציוויליזאַציע פון דעם פרייען „אָבערמענטש" צו אַ הויכער קולטור פון אַ באַפרייטן מענטש. אויב וועט די מענטשהייט אַמאָל צו אַזאַ הויכע קולטור ווען ס'איז דערגרייכן וועט ניטשעס נאָמען דאָרט לויכטן ווי אַ גליענדיקער שטערן.

וועגן קריזיס אין דער ליטעראַטור

אין דער לעצטער צייט איז געוואָרן זייער מאָדיש צו רעדן וועגן אַ קריזיס אין דער ליטעראַטור. דער פראַנצויזישער קריטיקער גיאָרדאַנאָ האָט אפילו פאַרזיכערט אַז די טעג פון דער גרויסער דערציילונג זענען געציילטע. מען ווייזט אָן סיבות, אַז דער פילם און טעלעוויזיע זענען געוואָרן די געפערלעכסטע קאָנקורענטן צום ראָמאַן און צום לייענען בכלל. עס איז אָבער שווער זיך פאָר־צושטעלן אַז גראָד מיטן פאַרשווינדן פון אַנאַלפאַבעטיזם זאָל דאָס געדרוקטע וואָרט שטיין פאַר אַ סכנה פון אונטערגאַנג. ווייל וואָס מער ביי אַ מענטש איז אַנטוויקלט דער אינטעלעקט אַלס אַ גרעסערן פאַרגעניגן געפינט ער אין זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט וואָס קומט מיטן פראָצעס פון לייענען. אין אַלטערטום ווען דאָס פאָלק האָט ניט געקענט לייענען האָט אַמשטאַרקסטן געבליט דאָס טעאַטער. כאָטש אויך היינט ווירקן טעאַטער און פילם שטאַרק סוגעסטיוו און זיי זענען אומשעצבאַרע אינסטרומענטן פאַר פראָ־פאַגאַנדע, בלייבט אָבער די ליטעראַטור דער גייסטיקער כוח, וואָס דערמעגלעכט דעם לייענער, אַ דאַנק זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט, צו זיין אַ מיטשעפער און שותף צום שרייבער.

די גרעסטע טייל מוזעס ווירקן דורך אונדזערע חושים. די מוזיק דורך אונדזער געהער, די פלאַסטישע קונסט דורך אונדזער זעען,

אָבער נאָר די ליטעראַטור ווירקט דירעקט אויף אונדזער מוח און איז מסוגל, מיט דער הילף פון אונדזער פאַנטאַזיע און פאָרשטעלונגס־קראַפט, יעדן לייענער צו פאַרוואַנדלען אין אַ שעפער, וואָס מוז פון די קליינע אותיות זיך שאַפן די שענסטע אימאַזשן און רייכסטע געדאַנקען דעריבער איז גאָר ניט לאָגיש צו זוכן די סיבה אין אַ כלומרשטער קאָנקורענץ וואָס די ליטעראַטור טרעפט אָן פון דעם קינאָ אָדער טעלעוויזיע. די סיבות זענען גאָר אַנדערע. און אויך ניט דווקא דער קריזיס אָדער קריזיסן, וואָס עס לעבט דורך די געזעלשאַפט, ווייל אין אַלע געזעלשאַפטלעכע סיטואַציעס, אין די צייט פון גרעסטע רעאַקציעס, איז ניט פאַרמאַכט געוואָרן דאָס מויל פון דער ליטעראַטור. און אויב איצט זינקט טיף די ליטעראַטור, אויב זי זוכט נייע וועגן און זי קען ניט געפינען איז דאָס אויסשליסלעך איר אייגענער שולד.

ווייל אין וואָס איז באַשטאַנען די גרויסקייט און אייביקייט פון שעקספּירן, פאַר וואָס האָט ער געפונען אַנערקענונג אַלס אַ גאון אין אַלע דורות? ווייל שעקספּיר באַשטייט ניט פון שיין שרייבערייַ נאָר פון די טיפסטע געדאַנקען. ווייל ער האָט געשעפּט פון די אייביקע פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער טראַגעדיע, די טראַגעדיע פון מענטשלעכן זיין אויף דער וועלט, און די טראַגעדיע פון דעם מענטשלעכן גורל. נישט די שיינקייט דעצידירט אין זיינע ווערק, ער קניט ניט פאַר דער עסטעטיק. זיין הויפּט־טעמע, וואָס שרייט אַרויס פון אַלע זיינע ווערק דאָס איז די מענטשלעכע ליידנשאַפטן אין אַלע זייערע פאַרמען. דאָס איז דער געשריי פון אַ האַמלעט, פון אַ קעניג ליר צו פון אַ יוליוס צעזאַר, דער געשריי פון אמת און פון ווייטיק. ווייל שעקספּיר איז דער גרויסער קינסטלער, וואָס שטייט מיטביידע פיס אויפן באָדן פון מענטש.

אויף אָט דעם באָדן פון מענטש זענען געשטאַנען טאָלסטוי און דאָסטאָיעווסקי. טשעכאָוו און גאָרקי. און ווי געפינט איר אין די היינטיקע ליטעראַטור אַזעלכע שטאַלצן מענטשן ווי ראַלאַנדס אַנעטקע אָדער זשאַן קזשישטאָף, אָדער ווי ביי אונדזער פּרצן אָדער שלום עליכם? ווי געפינט איר אַזוי פיל חכמה ווי אין די ווערק פון אַנאַטאָל

פראַנס? די היינטיקע ליטעראַטור איז אַנטלאָפן פון מענטש דערפאַר איז זי געבליבן פוסט און אָן באַדייטונג. די היינטיקע פּאָעטן פרע־דיקן, אַז פּאָעזיע דאַרפט מען גאָר ניט פאַרשטיין דערפאַר וויל מען זי ניט לייענען.

דער פאַרגלייך פון געוויסע „פּאָעטן”, אַז אויך די וויסנשאַפט איז ניט פאַר יעדן פאַרשטענדלעך, איז דאָס אַן אומגעלומפּערטער פאַרגלייך, ווייל גראָד איז דער ציל פון דער וויסנשאַפט קלאָר און פאַרשטענדלעך צו מאַכן אונדז די סודות פון דער עקזיסטענץ. דער אַרגומענט, אַז די גרעסטע פּאָעטן זענען אין זייער צייט ניט פאַר־שטאַנען געוואָרן שטימט אויך ניט מיט דער ווירקלעכקייט. זיי זענען גוט פאַרשטאַנען געוואָרן אָבער זיי זענען פאַרהאַסט געוואָרן, ווייל זייערע געדאַנקען האָבן איבערגעשטיגן די געדאַנקען פון זייער דור. שעלי און בייראָן זענען פאַרהאַסט געוואָרן ווייל זיי האָבן געדינט דער פרייהייט און ניט דעם ענגליש קאָנסערוואַטיוון פּראָטעסטאַנט. דאָס ענלעכע איז געשען מיט אַנדערע גרויסע פּאָעטן. נאָך היינט וויל מען אין דייטשלאַנד ניט שטעלן היינען קיין דענקמאָל, ווייל ער האָט מיט הונדערט קעפּ איבערגעשטיגן און שטייגט היינט איבער דעם דייטשישן פיליסטער, וועלכע וועלן אים קיינמאָל ניט מוחל זיין דאָס נביאשע ווערק „דייטשלאַנד אַ ווינטער מעשהלע”. ניט די אָפּגעשטאַנענקייט פונעם לייענער נאָר דאָס קאָקעטירן פון גע־וויסע היינטיקע שרייבערס מיטן פאַרקריפּלען די ווירקלעכקייט, מיט אַראָפּלאָזן זיך צו די נידריקסטע אינסטינקטן, מיט זוכן זייערע טע־מעס ניט אין דער ווירקלעכקייט נאָר אין די מיסטקאַסטנס פון לעבן. און די פּאָעזיע וואָס זוכט מיט דער ניט־פאַרשטענדלעכקייט, אין די שפּראַך־פאַרדרייעניש און שפּראַך־אַקראָבאַטיק, צו פאַרמאַס־קירן זייער אָרעמקייט פון געדאַנק. יעדע מיסברויך פון דער שפּראַך פאַרדאַרבט דעם סטיל און דערוווייטערט דעם מענטש פון דער פּאָעזיע. און דערפאַר ווערן אָפּט נייע מאָדעס אין דער ליטעראַטור און פּאָעזיע פאַרשווינדן אין דער פאַרגעסנ־קייט. ווען דאַנטע, שעקספּיר, טאָלסטוי און אַנדערע גרויסע דיכטערס און שרייבערס לויכטן אין דער מענטשלעכער אייביקייט.

קונסט און ליטעראַטור זענען די אייביקע באַגלייטערס פון געזעל־שאַפטלעכן לעבן. כאָטש די היינטיקע מרה שחורהדיקע וועלט בענקט אפשר גאָר ניט נאָך פּאָעזיע, וועט דער אמתער פּאָעט דערפאַר ניט אַנטלויפן פון די פּראָבלעמען פון לעבן, נאָר נאָך דרייסטער טראָגן דעם פאַקל פון אידעישן און הומאַנישן וואָרט. דאָס אַנטלויפן פון די פּראָבלעמען הייסט אויך דאָס אַנטלויפן פון דער פּאָעזיע און ליטעראַטור. די היינטיקע ליטעראַטור טוט זיך וואָס מער אויס פון מענטשלעכקייט און זי בלייבט שטיין אין איר נאַקעטער פּוסטקייט. דער א.ג. מאָדערניזם אין דער ליטעראַטור און פּאָעזיע האָט בלויז געשטעלט אַ וואַנט צווישן שרייבער און לייענער, אמתע געניאַלע שעפער האָבן זייערע העכסטע געדאַנקען און שענסטע געפילן אויס־געדרוקט אין פשוטסטע ווערטער. דער שרייבער דאַרף זיין פילבאַר פאַר די געדאַנקען פון דער צייט, פאַר דעם גייסט פון דער צייט, אויפנעמען די נייע שטרעבונגען פון דער יוגנט, אָבער דאָס אַלץ מיינט ניט אַ נייעם מין־צו להכעיס צו די איינגעשטעלטע און באַ־שטימטע פאָרמען פון שרייבן. מיטן בלויזן ענדערן דעם פאָרם פון שרייבן ווערט קיין ווערק ניט מאָדערן. וואָלטער האָט איבערגעקערט אַלע טראַדיציעס אין דער ליטעראַטור, געקומען מיט די דרייסטע געדאַנקען ער האָט אָבער ניט איבערגעקערט די טראַדיציעלע פאָר־מען פון שרייבן, ניט די אָנגענומענע פאָרמען פון ליד. ניט וויניק וואָס האָבן זיך צוגעאייגנט בייראָנס רעוואָלוציאָנערן סטיל, זיין פּאַטאָס און איראָניע, האָט דאָס זיי גאָר ניט געשטערט צו בלייבן קאָנסערוואַטיוו אין געדאַנק און פאַרגליווערט אין זייער אָרטאָדאָק־סישקייט. מיר דאַרפן דעריבער זיך ניט שפּילן אין אָנכאַפּן זיך אין בלוטלאָזן מאָדערניזם נאָר אויסברייטערן די האָריזאָנטן פון אונ־דזער טראַכטן, וועקן צו דרייסטע געדאַנקען, צום טאַט, פאַר אַ גערעכטע און שענערע און בעסערע וועלט. אַ טעטיקייט וואָס גרענצט זיך מיט דער שענסטער פּאָעזיע.

לויט די אָנגענומענע נאָרמעס פון דער היינטיקער מאָדערנע פּאָעזיע זענען די אַמערסטע לידער פון גרעסטע דיכטערס, וואָלט וויטמאַן אָדער קאַרל סאַנדבורג, גאָר קיין פּאָעזיע ניט. אין דער

אמתן זענען זיי מער ווי פּאָעזיע. ווייל זיי געבן אונדז דאָס אמתע בילד פון אַמעריקע מיט איר גיהנומס פון אַרבעט אין הייסע־ווינטנ־דיקע פּרעריעס, פון די אַרבעט אין די קוילן און אייזן־שאַכטעס. זיי געבן אונדז אויך דאָס „אָפיציעלע אַמעריקע" מיט איר גאַסן־זשורנאַליזם, פון דער פּאָליטיק פון אונטער די פּאַרמאַכטע טירן אין די מלוכישע שטאַלן, מיט זייער גאַנגסטעריזם און בלאָף. צי איז דאָס ניט פּאָעזיע? דאָס איז די פּאָעזיע פון דער נאַקעטע ווירקלעכקייט.

פּרץ דער אינדיווידואַליסט

אַז פּרץ איז געווען דער גרעסטער דענקער אין דער יידישער ליטעראַטור, וועט קיינער ניט אָפּלייקענען. כאָטש ס׳זענען אויסגעוואַקסן אַרום אים אַ סך שעפער, יידישע שרייבערס, איז קיין צווייטער דענקער צווישן די יידישע שרייבערס ניט אויסגעוואַקסן, חוץ אפשר לייוויק, וואָס קען פאַררעכנט ווערן פאַר דעם גייסטיקן יורש פון פּרצן. פּרץ איז חוץ אַ גרויסער שרייבער און דיכטער געווען אַ גייסטיק דינאַמיש און הויך מאָראַלישע פּערזענלעכקייט. אויך זיינע העלדן זענען ניט קיין געוויינלעכע מענטשן, נאָר גרויסע כאַראַקטערן, באַהויכט מיט גוטסקייט און רחמנות.

פּרץ איז געווען אַ גרויסער אינדיווידואַליסט, זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון ניטשען. און כאָטש פּרץ איז געווען אַ סאָציאַליסט און סאָציאַלע טעמעס האָבן פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין זיין שאַפונג, איז ער דאָך געווען צו אַלזייטיק ער זאָל זיך קענען גייסטיק באַגרענעצן אין וועלכע עס איז פאַרטייאישע ראַמען. ער האָט זיין סאָציאַליזם ניט גענומען פון מאַרקסן נאָר פון די נביאים. ער איז אויך געווען באַאיינפלוסט פון היינען און פון דער רעוואָלוציאָנערע דיכטער פון „יונג־דייטשלאַנד״. ער איז געווען דורכגענומען פון די איידלסטע הומאַנע אידעען פון 19־טן י. ה. אַלס קעמפער פאַר פרייהייט און יושר האָט פּרץ פיינט געהאַט

יעדע צביעות און שקר וואָס באַהערשט אָפּט דאָס פּאָליטישע לעבן. ווי ער דריקט זיך אויס אין זיינס אַן עסיי: „פּרייהייט מיינט ביי זיי מאַכן מיט די עלנבויגנס זיך אַן אָרט ביים טיש. וואָלן הייסט ביי זיי קויפן שטימען פּאַר געלט און בראָנפן, פּאַרלאַמענטן זענען ביזנעס, ווו פּאַרטייען שווינדלען מיט פּאַלשע פּאַפּירן און דעפּוטאַטן קויפן איינער ביים צווייטם געקויפטע שטימען מיט אַ גרויסן ראַבאַט. די ,פּרייע פּרעסע'. דער שטאַלץ פון 20־טן י. ה. איז אַ רינשטאָק, אַ בלאָטע און שאַנטאַזש". ווי אַקטועל דאָס קלינגט היינט, אפשר נאָך שטאַרקער, ווי מיט אַזוי פיל צענדליקע יאָרן צוריק.

ווי פריער געזאָגט, איז פּרץ געווען אַן אינדיווידואַליסט און ער האָט געהערט צו די, וועגן וועלכע ער זאָגט: „עס זענען פּאַראַן מענטשן, וואָס קענען ניט דאַווענען בציבור. זיי קענען ניט מיטן עלום גיין. דאָס זענען די אייביקע זוכערס פון נייע וועגן. זיי גייען קיינמאָל ניט מיטן טראַקט, זייערע וועגן איבער באַרג־שפּיצן, איבער פעלדזן..." זענען דאָס ניט ענלעך צו דעם וואָס עס זאָגט ניטשע: „דער הויכער באַרג איז אונדזער היימלאַנד, צו הויך ווינען מיר, ווייט פון דעם געזינדל, ווייט פון דעם דורשט פון די אומריינע". אָדער ווי ער זאָגט: „אויף דעם בוים פון דער צוקונפט בויען מיר אונדזערע נעסטן. אָדלערס זאָלן אונדז שפּייזן מיט זייערע שאַרפע שנאָבלען, אונדז די איינזאַמע".

דאָס איז אויך דער גייסטיקער וועג פון פּרץ, וועמענס „ליפּן אַ מלאך מיט ברענעדיקע קויל פון מזבח באַרירט, די נשמה מיט גאָטס ליבע און גאָטס צאָרן אָנגעצונדן". פּרץ איז קיינמאָל ניט געגאַנגען מיטן שטראָם און ער, וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן דער דעספּאָטיע פון מאַכט, האָט אויך ניט אָנערקענט די דעספּאָטיע פון דעם המון איבערן יחיד. דער יחיד האָט רעכט צו אַנדערשקייט, צו טראַכטן מיט אייגענע געדאַנקען און האַנדלען אַפילו קעגן דעם ווילן פון די וואָס רינגלען אים אַרום. אַזוי ווי זיין רב שלמה פון דער „גאָלדענער קייט", וואָס צעבונטעוועט זיך אַפילו קעגן גאָט, און ווען זיינע חסידים ציטערן, אַז די וועלט קען, חלילה, חרוב ווערן, ענטפערט ער „יאָ חרוב זאָל ווערן די וועלט! און מיר וועלן איבער אירע חורבות גיין". און ער רופט „זינגענדיק און טאַנצנדיק" צו גיין

צו גיין צו אים, צום כסא הכבוד. צי האָט ניט באַקוּנין אַמאָל גערופֿן, אויף די חורבות פֿון דער אַלטער וועלט, צו שפּאַנען צו אַ נייער וועלט?

פּרץ האָט קיינמאָל ניט אָנגענומען דעם וווּלגאַרן מאַטעריאַליזם פֿון „אַ בולקע מיט פּוטער" און ער וואָרנט („האָפֿענונג און שרעק"): „עס וועט קיין לערער מאָגן ניט זיין, נאָר נשמות וועלן הונגערן... קיין ווײ־געשריי וועט קיין אויער ניט פֿאַרנעמען, נאָר דער אָדלער — דער מענטשלעכער גייסט, וועט, מיט אָפּגעשניטענע פֿליגל, שטיין ביי דער קאַריטע גלייך מיט דער קו און מיטן אָקס..."

פּרץ וואָס האָט ניט פֿאַרטראָגן דעם טרוקענעם תּלמודיזם און פֿיינט געהאַט די צביעות פֿון קלער (זיין „שטריימל" און „פֿרומע קאַץ"), ווי יעדן רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם, האָט אָבער אין די ריינע קוואַלן פֿון חסידיזם געפֿונען דערהויבענע געדאַנקען. ער האָט פּונקט ווי בובער געזען אין חסידיזם דאָס עטיש מענטשלעכע און גייסטיק העראָישע. ער האָט דאָרט געפֿונען אַזעלכע טיפֿן, ווי דער בערדיטשעווער, דער נעמירעווער און דער ביאַלער רבי און שרה בת טובים, וואָס האָבן דערפֿירט דאָס חסידיזם צו די העכסטע באַרג־שפּיצן פֿון מאָראַלישער דערהויבנקייט.

פּרצעס הומאַנע געדאַנקען האָבן געבונטעוועט זיך קעגן וווּלגאַרן דאַרוויניזם ניט ווייניקער, ווי קראָפּאָטקין, וואָס האָט אָנגעשריבן זיין באַרימט בוך „קעגנזייטיקע הילף". פּרץ האָט ניט געקענט אָננעמען די פֿילאָזאָפֿיע פֿון „כל דאלים גבר". אָט די נאַקעטע דזשונגל־פֿילאָזאָפֿיע פֿון „ווער ס'האָט שאַרפֿערע ציין רייסט אָפּ אַ גרעסערן ביסן", און פּרץ שרייבט: „אין ספּאַרטאַ האָט מען געטויט קראַנקע און פֿעלערהאַפֿטע קינדער מיטן ציל עס זאָלן אַרויס אַ דור פֿון סאַמע גבורים... איצט וויל מען מיט פֿייערדיקן קאָנקורענץ אומברענגען אַלע שלימזלדיקע מענטשן, עס זאָל אַרויס אַ דור פֿון סאַמע דורכגעטריבענע שווינדלערס..." פּרץ האָט געחלומט וועגן אַן אַנדערן סאָרט מענטש — פֿון שטאָלצע און פֿרייע מענטשן און ניט פֿון קיין סטאַדע־מענטש, וואָס טראַכטן מיט אויסגעבאָרגטע סטאַנדאַרטע פֿראַזן. און ער שרייבט („האָפֿענונג און שרעק"): „שטאַרקע גייען פֿאָרויס, האַרציקע פֿילן טיפֿער, שטאָלצע וואַקסן

העכער צי וועט איר ניט אונטערהאַקן די צעדער, זיי זאָלן ניט איבערוואַקסן דאָס גראָז? צי וועט איר ניט אויסשפרייטן אייערע פליגלען איבער דער מיטלמעסיקייט? צי וועט איר ניט פאַרפאַנצערן די גלייכגילטיקייט און באַשיצן נאָר די גרויע, גלייך־געשווירענע סטאַדע?״

פרץ איז געווען דער דיכטער־בונטאר. ס'וועט אפשר שווער זיין צו געפינען אין דער וועלט־ליטעראַטור אַזאַ מעכטיק און ברויזנדיק פּראָטעסט־ליד ווי זיין „מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע״. ער האָט געהערט צו די פּאָעטן וואָס האָבן גוט פאַרשטאַנען דעם אונטערשיד צווישן פאָלק און מאַכט, ריכטיק שרייבט חיים בעז, אַז „שוין מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אַנטוויקלט ער (פרץ) שאַרף די צוויי באַגריפן: „פאָלק און שטאַט. די שטאַט צוליב די אינטערעסן פון די הערשנדיקע קלאסן ציוויליזירט, גלייכט אויס, איין אַרמיי, איין שפּראַך, איין שול, איין פּאָליציי. דאָס ,פאָלק׳ איז ניט די ,שטאַט׳, איז דאָס מאָדערנסטע וואָרט. די נאַציע ניט דאָס פאַטערלאַנד. די שטאַט פעלשט די פעלקער־קולטורן. ער פאַרניכטעט דאָס אייגנאַרטיקע און דעם אינדיווידואַליטעט״. פּרצעס פּראָטעסט קעגן דער דעספּאָטיע פון שטאַט קומט שטאַרק צום אויסדרוק אין זיין „ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ און דעם „טויטן־טאַנץ״. קעגן דעם גרויל, פּחד און אומזין רופט ער אויס: „געבענטשטע הענט / אַלץ וואָס דריקט, / שטיקט / אַלץ וואָס פּינצטער מאַכט / פאַריקט / אַלץ וואָס רויב פאַרהייליקט און פאַרגעטערט / מוז ווערן צעשמעטערט / אויף שטויב״. און מיט די דאָזיקע רייד ווי אַ נביא שרייט ער אויס זיין פּראָטעסט קעגן דער רשעות פון די הערשער: „די פעלקער, ווי שאָף אין די ציין פון פאַרצוקער; די האַרן, די הערשער, צעיושעטע רויבער, באַדריי־קער. דער מולך זוכט נאָר דעם פּרעס און טרונק, נאָר בלוט זוכט ער, לייבער צו פאַרצוקן, דאָס יעלן, דער יאָמער פון געפּייניקטע איז פאַר אים די שענסטע מוזיק״. אָבער פּרצעס מוייק, זיין ניגון איז די פרייהייט און יושר, זיין ניגון הויבט זיך אַלץ העכער און „אויב ניט נאָך העכער״ צו דער שבת־יומטובדיקייט.

צו שבת־יומטובדיק האָט פּרץ גערופן און געהאָפט אַז דער

סאָציאַליזם וועט מיט שטאָלץ פירן צו אַ בעסערע און פרייע וועלט דעריבער האָט ער געזאָגט צו זיי: „מיין האַרץ איז מיט אייך, מיין אויג ווערט ניט זאַט פון אייער פלאַמענדיקער פאָן; מיין אויער ווערט ניט מיד, הערנדיק אייער מעכטיקן געזאַנג״. און דאָך זאָגט ער מיט טרויער ווייטער: „איך האָב פּחד פאַר אייך, איך שרעק מיך פאַר באַצוווּנגענע, וואָס זיגן. עס קען פון זיי באַצווינגער ווערן, און יעדער באַצווינגער זינדיקט קעגן מענטשליכן גייסט...״ און ווייטער זאָגט ער: „די גערעכטיקייט, וואָס האָט אייך באַגלייט אויפן דאָרנדיקן און בלוטיקן וועג צום זיג, וועט אייך פאַרלאָזן, און איר וועט עס ניט מערקן: דערצו זענען זיגער און הערשער בלינד, און איר וועט זיגער און הערשער זיין. און איר וועט זינקען אין אומגערעכטיקייט, און איר וועט ניט פילן דעם זומפּ אונטער אייערע פיס... פעסט פילט זיך יעדער הערשער, כל זמן ער איז ניט געפאַלן...״ ווי נביאיש פּרץ האָט פאַרויסגעזען ווי די נעכטיקע אונטערגעדריקטע, ווי נאָר זיי ווערן הערשער, ווערן ניט נאָר בלינד נאָר דעספּאָטיש. איז אפשר כדאי דאָ דערמאָנען ווי עס האָט געזאָגט וועגן דעם באַקונין, מיט הונדערט יאָר צוריק: „נעכטיקע אַרבעטער, קומענדיק צו דער מאַכט, וועלן קוקן אויף פּשוטע אַרבעטער אַראָפּ פון זייער מלוכישער הויך. זיי וועלן מיט זיך ניט פאַרשטעלן דאָס פאָלק, נאָר וועלן זיין פול מיט פּרעטענסיעס אויף צו קאָמאַנדעווען איבערן פאָלק. ווער עס צווייפלט אין דעם, קען ניט גוט דעם מענטשלעכן כאַראַקטער״.

מען מוז דאָ מודה זיין, אַז דעם דאָזיקן אַנאַרכיסטישן געדאַנק האָט פּרץ אַרויסגעזאָגט אַ סך שאַרפער, קלאָרער און מער איבערצייגנדיק ווי דער גרויסער אַנאַרכיסטישער טעאָרעטיקער באַקונין. און צו האָבן מיר ניט היינט די בעסטע באַשטעטיקונג אין דער ריכטיקייט פון די דאָזיקע פּרצעס נביאישע ווערטער ווען ער זאָגט („האָפענונג און שרעק״): „אין געפענגענישן וועט איר בויען פאַר די, וואָס וועלן אויסשטרעקן די האַנט, צו ווייזן אייך דעם אָפּגרונט, צו וועלכן איר זינקט... און אַרויסרייסן פון מיילער וועט איר צונגער, וואָס וועלן אייך וואָרענען פאַר די, וואָס וועלן נאָך אייך קומען, און אייך און אייער אומגערעכטיקייט צו פאַרניכטן...

צו סוף זאָגט ער: „אייערע פּיינט וועלן זיין פרייע אינדיווידועןֹ, פּראָפּעטן, דערלייזער, דיכטער און קינסטלער". מיר קענען דערצו צוגעבן אַז די פּיינט פון אָט די באַצוווּנגענע וואָס זענען באַצווינגער געוואָרן, איז יעדער פרייער מענטש, יעדער פרייער יחיד. און פּרץ האָט געזאָגט צו די אַרבעטער (לויט רייזענען): „מיר שרעקט ניט דער פרייער געדאַנק, אַפילו ווען ער שטרעקט אויס די האַנט צום טעלערל פון הימל. דער מענטש וואָס בלאָנדזשעט אַרום מיט אַ בלוטיקן פראַגע־צייכן, איז מיין פריינד...".

יאָ פּרץ איז געווען דער גרויסער דענקער און די גרויסקייט פון אַ דענקער באַשטייט אין וואַגן צו צווייפלען, ווען די אַלע וואָס אין נאָמען פון עפּעס אַ דאָגמאַטישן „אמת" זענען גרייט אַ וועלט אין בלוט צו דערטרינקען און אין נאָמען פון זייערע „פּאַרטיי־פּראָגראַמען" זענען גרייט מיליאָנען צו דערמאָרדן. דערפאַר האָט פּרץ געוואָרנט, אַז די וויזיע פון אַ צוקונפטיקער סאָציאַלער געזעל־שאַפט טאָר ניט זיך אָפּגרענעצן און דאַרף שטיין אונטער דער השגחה פון הויך מאָראַלישע ווערטן. און אַז דער תכלית פון סאָציאַליזם איז ניט דאָס דעראָבערן די מאַכט נאָר צו רעאַליזירן דאָס געבן דעם מענטש אַ ווערט און דעם יחיד די רעכט און גלייכהייט.

וועגן די אויפגאַבן פון דער יידישער ליטעראַטור

צי האָט ליטעראַטור וועלכע עס איז אויפגאַבן? מוז דען דער שרייבער, דיכטער אָדער קינסטלער קומען מיט מיינונגען, פּרינציפּן, פילאָזאָפיע און מאָראַלן? יאָ, די גרויסקייט פון אַ שרייבער מעסט זיך קודם־כל לויט דער רייכקייט פון די געדאַנקען אין זיינע ווערק. די שרייבערס זענען שטענדיק געווען די מאָנערס פון גערעכטיקייט און פרייהייט פון וואָרט און געדאַנק. זיי זענען געווען באַהערשט פון דער ליידנשאַפטלעכן ווילן איבערצואַנדערשן די וועלט.

געווען צוויי גרויסע געשעענישן, וואָס האָבן געלייגט דעם שטעמפּל אויף דער ליטעראַטור פון 20סטן י.ה. דאָס איז געווען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און פרוידס פסיכאָאַנאַליז. די רוסישע רעוואָלוציע האָט באַגייסטערט די בעסטע פון די וועלט־שרייבערס, זי האָט אָבער שפּעטער זיי טיף אַנטוישט, ווייל אַנשטאָט פרייהייט האָט זי געבוירן אַ נייע דעספּאָטיע. אָבער די ליטעראַטור איז געבליבן געטריי דעם אידעאַל פון פרייהייט. פרוידס פסיכאָאַנאַליז האָט געשטאַרקט דעם פסיכאָלאָגישן גורם אין דער ליטעראַטור און דערהויבן דער ליטעראַטור צו אַ נייעם שווונג. ליידער האָבן טייל שרייבער וווּלגאַריש איבערגעטריבן דעם גורם פון סעקס און אַריינגעפירט אַ סעקסאָמאַניע, וואָס האָט געברענגט אַ ניט קליינעם. שאָדן דער ליטעראַטור.

מען קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן קיין גוטן שרייבער, ווען ער גרייט צו זיין ווערק, ער זאָל זיך אַליין ניט פרעגן: — וואָס אייגנטלעך. וויל איך מיט מיין ווערק זאָגן די לייענער? און אויב ער שטעלט זיך ניט די דאָזיקע פראַגע האָט ער דאָך במילא זיין איבערצייגונג, זיין גלויבן, זיין אידעע, וואָס מוז דאָך קומען צום אויסדרוק אין זיינע ווערק. צו האָט ניט י. ל. פרץ געשטעלט די פראַגע: מיט וואָס זאָל די יידישע ליטעראַטור אַריין אין דער וועלט־ליטעראַטור, און מיט וואָס זאָל זי דינען איר פאָלק און דעם מענטשלעכן געדאַנק? פרץ האָט מיט זיינע ווערק געזוכט צו דערהייבן די יידישע מאַסן, די אָרעמקייט און אָפּגעשטאַנענקייט, צו ריינקייט, העלדישקייט און אידעאַליזם. און דווקא דאָס האָט ער געפונען צווישן שניידערס און שוסטערס, צווישן פשוטן אָרעמען פאָלק. ווי אַזוי פרץ האָט זיך ערנסט באַצויגן צום יידישן וואָרט קען דינען אַ קליינער פאַקט. דער דיכטער מנחם איז געווען זייער נאָענט צו פרצן און פרץ האָט הויך געשעצט זיינע לידער, נאָר איינמאָל האָט מנחם אָפּגעדרוקט אַ קאַדענטיש ליד אונטערן נאָמען „די שוואַרצע רויז״. איז פרץ, דאָס איבערלייענדיק, געוואָרן אַזוי אויפגעבראַכט אויף מנחמען פאַר אַט דעם ליד און אים באַשולדיקט אין ניט אויפריכטיקייט און ביי אַ געלעגנהייט האָט פרץ ווען אים געזאָגט: „פון דאָזיקן יינגל וועט שוין קיין לייט ניט זיין. ווו האָט ער געזען, שוואַרצע רויזן?״ ער האָט זיי אָדער אויסגעטראַכט אָדער איבערגענומען פון עמעצן, וואָס האָט זיי אויסגעטראַכט, אַ מענטש, וואָס דערלויבט זיך צו פעלשן אין אַ ליד וועט שוין גאָר קיין וואָר וואָרט ניט אָנשרייבן״. מעגלעך אַז פרץ מיינונג האָט געווירקט אויף מנחמען און ער האָט שפּעטער געשריבן גוטע לידער, וואָס זענען געלויבט געוואָרן פון פרצן. וואָס וואָלט פרץ געזאָגט היינט ווען ער לייענט איבער אַזעלכע „קונדייסישע״ לידער, וואָס ניט נאָר דער לייענער ווייסט ניט וואָס דער דיכטער וויל זאָגן, נאָר דער דיכטער אַליין ווייסט דאָס אויך ניט.

עס איז ווייניק זיך צו באַרימען, אַז מיר האָבן ניט „וואָס צו שעמען זיך״ מיט אונדזער יידישער ליטעראַטור, מיר טאָרן ניט

פאַרגעסן אַז די צוקונפט פון אונדזער ליטעראַטור איז אָפּהעניק פון דער מי צו באַרייכערן זי מיט אַ העכערן גייסטיקן און מאָראַלישן אינהאַלט.

פּרצס בענקעניש נאָך גאַנצקייט און האַרמאָניע דרוקן זיך אַמשטאַרקסטן אויס אין זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". אין זיין דערציילונג „ביים גוסס צוקאָפּנס", האַנדלט זיך וועגן צוויי שטאַרבנדיקע יידן איינער אַ „צדיק" און דער צווייטער אַן אַפּיקורס, וועמען דער הימל איז גרייט מוחל צו זיין זיינע קליינע עבירות, בלויז צוליב זיין גוטסקייט צו מענטשן. און עס לאָזט זיך אויס אַז גראָד דער „צדיק" מוז גיין אין גיהנום אַריין, ווייל ער האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געוואַרעמט אויף געלט און באַעוולט אָרעמע מענטשן. אָבער דער אַפּיקורס, ווייל גאָר ניט גיין אין גן־עדן אַריין, ווייל אין גן־עדן נויטיקט זיך קיינער ניט אין זיין הילף און טרייסט און ער קלייבט אויס צו גיין איז גיהנום אַריין. דאָס איז דער מאָראַלישער אונטערגרונט פון אַלע פּרצס פאָלקסטימלעכע און חסידישע דערציילונגען. ניט דער רעליגעזער גלויבן אינטערעסירט פּרצן נאָר די עטישע ריינקייט פון מענטש, זיין ערלעכקייט און גוטסקייט.

פון וואַנען האָט זיך צום יידישן פאָלק גענומען אַזאַ קינסטלער, ווי שלום עליכם, וואָס קיינער ווי ער האָט אַזוי גוט ניט געקענט זיין פאָלק און אַזוי גוט געקענט אויסמאָלן דעם יידישן מענטש. ס'איז דאָך דאָ ניט דאָס אָרט צו דערציילן ווער ס'איז געווען שלום עליכם פאַר דער יידישער ליטעראַטור. ווער קען צו אים זיך נאָך גלייכן? וואָס מיר ווילן דאָ בלויז וועגן אים זאָגן איז, אַז שלום עליכם, פּונקט ווי מענדעלע ווער מיט זיין הומאָר, ווער מיט זיין סאַרקאַזם, האָבן ניט געחוזקט פון זייער פאָלק, נאָר געשילדערט אַלע נעגאַטיווע זייטן פון יידישן לעבן מיט גרויס רחמנות. מען קען וועגן דעם געבן הונדערטער ביישפּילן. אָט ווי שלום עליכם שילדערט אַ יידישן קבצן: „אַ גביר אַ מיליאָנטשיק, וואָס פאַרמאָגט אַפילו אַן אייגענע ציג, נאָר ווייל ער איז שולדיק אויף דער ציג מעגן מיר עס אַלע אינאייַנעם פאַרמאָגן". איז דען ניט זיין מנחם מענדל דער סימבאָל פון יידישן מענטש, וואָס רייסט זיך צו די הימלען מיט

זיינע אומבאַגרענעצטע פאַנטאַזיעס, ווען דאָס לעבן האָט אָבער ווי מיט קייטן געבונדן, און פון זיינע אַלע גרויסע האָפענונגען לאָזט זיך שטענדיק אויס אַ בוידעם.

דער סוד פון מענדעלעס שאַפונג ליגט אין זיין קאַמף אַפצושאַפן דעם מיטלאַלטער ביי יידן, מענדעלע אַליין האָט זיין דאָזיקע באַדייטונג אין דער ליטעראַטור גוט פאַרשטאַנען. זיין ציל איז געווען צו באַקעמפן די „בלאַטע" אין יידישן לעבן. ער איז ניט געווען דער „בייזער" סאַטיריקער, ווי דאָס האָט זיך געשיט אויף אים פון פאַרשידענע זייטן אַ ליטעראַרישע אַטאַקע. מען האָט זיך באַמיט אַרונטערצורייסן זיין טאַלאַנט, מען האָט אים באַשולדיקט, אַז ער שפיגלט צו קרום אָפּ דאָס יידישע לעבן. מען האָט אַפילו געוואַגט צו מאַכן אים פאַר אַן „אַנטיסעמיט". קיינער קען אָבער ניט מאַכן צו קליינגעלט די ריזיקע אוצרות, וואָס מענדעלע האָט אונדז איבערגעלאָזט, ווייל מענדעלע, ווי דאָס האָט ריכטיק וועגן אים געשריבן ש. ניגער, האָט טיף ליב געהאַט די מאַסן. מענדעלע האָט מיט זיין בייסיקן סאַרקאַזם שטאַרק ליב געהאַט זיין פאָלק און נאָר די דאָזיקע גרויסע ליבע האָט אים געגעבן דאָס רעכט צו בייסן און אַזוי טיף אַריינצוזאָגן. אַ ליטעראַטור וועלכע האָט פאַרמאָגט דריי אַזעלכע קלאַסיקער, קען זיך נאָר גרויסן. אָבער אויך זייערע אייניקלעך האָבן ניט פאַרשעמט די יידישע ליטעראַטור.

נעמען מיר אַלס ביישפּיל שלום אַשן. ווען אַ סך יידישע שרייבערס האָבן, נאָך די קלאַסיקערס, אַלס זיך געטוליעט צום שטעטל און געגלויבט אַז אַן דעם יידישן שטעטל איז ניטאָ קיין יידישע ליטעראַטור, האָט אַש, וועלכער האָט מער פון אַנדערע אידעאַליזירט דאָס יידישע שטעטל, דאָך אַרויסגעפירט די יידישע ליטעראַטור אויף ברייטע שלאַכן, דורך מאָסקווע, פּעטערבורג און וואַרשע ביז צו אָנקל מאָזעסן אין ניו־יאָרק און ביז דער ריווער־סטריט. און אַש איז ניט געבליבן דער איינציקער.

און דאָך ווען די יידישעווירקלעכקייט איז אַריין אין די פינצטערע מתים־טאָלן, און עס לעבט נאָך דער דור, וואָס האָט דורכגעלעבט, מיט זייער לייב און נשמה, די גרוילעכע און קאַשמאַרע יאָרן פון דעם היטלער פּלאָג, ווען די יידישע ליטעראַטור האָט

גענומען אויסשרייען איר ווײ־געשריי נאָכן יידישן חורבן געפינט זיך אַ יידישער שרייבער, וואָס האָט געפונען די אָנערקענונג אין דער וועלט. אָבער אַנשטאָט מיט זיין גרויסן טאַלאַנט צו דערציילן וועגן דעם מלאך־המוות, וואָס האָט ערשט נעכטן געברענט און דערשטיקט מיליאָנען פון זיין פאָלק, דערציילט ער ניט־געשטויגענע „מעשיות פון אונטערן אויוון", געשיכטעס פון שדים און רוחות. זיין טעאָריע איז אַז דער ציל פון ליטעראַטור איז צו פאַרווײלן. צי איז אָבער ניט צו פרי צו פאַרווײלן? צו האָבן מיר שוין זיך פון אַלע פיינען דערהויבן, צו האָבן מיר גענוג אויפגעוועקט דאָס געוויסן פון די פעלקער, צי זענען מיר שוין באַוואָרנט פאַר נייע סכנות?

ביי אונדז יידן וואָגט מען ניט צו זאָגן קיין קריטיש וואָרט אויף אַ שרייבער, וואָס האָט אַ „נאָמען", מען וועט אים באַשיטן מיט די גרעסטע חניפות, מיט פריזן, אָבער אַ וואָרט פון קריטיק, דאָס טאָר מען ניט. אין דער קריטיק איבער באַשעפעניש האַנדלט זיך גאָר ניט אין דעם צי ער איז אַ גוטער אָדער ניט־גוטער שרייבער, קיינער וויל ניט אָפּלייקענען באַשעפעריש טאַלאַנט. עס זענען דאָ אין דער וועלט־ליטעראַטור באַרימטע שרייבערס, מיט גרויס טאַלאַנט און אָט די „באַרימטקייטן" פירן אָפּט ביי דער נאָז די גאַנצע לייענער־וועלט, זייערע ביכער שרייען אַרויס פון אַלע מערק, זיי זענען געשריבן מיטן גרעסטן טאַלאַנט, זייערע געדאַנקען זענען אָבער געשעפּט פון די פּאַרסמטע קוואַלן און לאָזן איבער נאָך זיך אַ ביטערן נאָכגעשמאַק. אין אַ צייט פון גייסטיקער ירידה איז גאָר ניט קיין נייעס, אַז עס בליצן אויף שרייבער וועמענס ווערק זענען די אויסדריקער פון גייסטיקן באַנקראָט און פון דעם זיג פון דער פאַרדאַרבנקייט, וואָס פילט זיך ווי ביי זיך אין דער היים.

אַוודאי מיינט דאָס ניט אַז ליטעראַטור דאַרף מאַכן „וועלט־רעוואָלוציעס"; דינען אידעען אָדער גיין און וועלכן ס'איז פּאַר־טייאישן געשפאָן. ליטעראַטור מעג זיין, מיט דער קרעפטיקייט פון איר פאַנטאַזיע, שטיפעריש, שפּאַטיש אָדער ליריש און

ראָמאַנטיש אָבער פריער פאַר אַלץ דאַרף זי זיין ערלעך... אויף דער וועלט זענען אָנגעגאַנגען גרויסע סאָציאַלע קאַמפן. די געשיכטע פון די דאָזיקע קאַמפן זענען רייך מיט העראָישע טאַטן, אויך ביי יידן. אונדזער גרויסער פרץ האָט רעאַגירט אויף אָט די סאָציאַלע קאַמפן מיט אַ סך סימבאָלישע דערציילונגען, אויך אין לידער. אין זיין „באַנטשע שווייג" רופט דאָך פרץ אייגענטלעך צו באַנטשען ער זאָל שרייען און ניט שווייגן, ער ווייזט אים אַז צו אים געהערט די גאַנצע וועלט און ער דאַרף זיך ניט באַפרידיקן מיט „אַ בולקע מיט פוטער". ווי אַזוי רעאַגירט באַשעוויס גימפּל תּם אויף די סאָציאַלע עוולות, וואָס מען באַגייט קעגן אים? אַזאַ סאָרט פּראָטעסט קען נאָר אויסטראַכטן אַ מענטש וועלכער חוזקט פון דעם סאָציאַלן קאַמף און פון די גאַנצע העראָישע געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, דאָס קען באַווייזן אויך זיינע שענדלעכע געשיכטעס אין „פאָרווערטס". ווי ער שטעלט פאַר אַן אַנאַרכיסט, ווי אַ מענטש וואָס וויל ניט אַרבעטן און שיקט אַרבעטן זיין ווייב. צום סוף פאַרקויפט ער זיין אייגן ווייב צו אַ „חבר". ווי אַנדערש שילדערט אַש אַן אַנאַרכיסטישן דאָקטאָר אין זיין ריווער־סטריט. אַ דאָקטאָר וואָס ניט נאָר ער היילט די אָרעמע אומזיסט, נאָר ברענגט זיי אויך מאַטעריעלע הילף. אַזוי האָט באַשעוויס געחוזקט פון דער הויך מאָראַלישער חסידישע באַוועגונג (חוץ פון זיין טאַטן דעם רב) אויך מענדעלע האָט סאַרקאַסטיש קריטיקירט דאָס יידישע לעבן פון זיין צייט. ער האָט אונדז צוגעטראָגן די פאַרקריפּלטסטע נשמות אָבער ניט כדי צו חוזק פון יידישן לעבן, נאָר צו פּראָטעס־טירן קעגן דער פאַרקריפּלטער ווירקלעכקייט. אָט וואָס מענדעלע זאָגט וועגן זיך אַליין אין אַ בריוו „איך ווער צעפלאַקערט ווי אַ ווולקאַן, איך גלי מיט זידיקן צאָרן און ווער פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָטעסט פון עמפּערונג און שינאה". אַזאַ שעפערישקייט איז אַ צייכן פון רחמנות און ליבע צום „קליינעם מענטשעלע", צום פאָלק אָבער ניט קיין לייצאָנישער חוזק.

די יידישע ליטעראַטור קאָן מיט שטאָלץ זיך רימען, אַז זי האָט הייליק אויסגעפירט איר שעפערישער שליחות, געווירקט צו

גייסטיקער דערהויבונג, זי האָט אַרויסגעבראַכט די איידלסטע געפילן פון גוטסקייט און רחמנות און דערצויגן מיט עקל צו צביעות און ליגן. די פּראָזע ווי די פּאָעזיע האָט געפלעגט דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַוווסטזיין פון די פאָלקס־מאַסן און געהאַט אַ מעכטיקע השפּעה אויף דעם גייסטיקן רענעסאַנס פונעם פאָלק. די יידישע ליטעראַטור האָט אָפּגעשפּיגלט דעם גאַנצן קעסל־גרוב פון לעצטן יאָרהונדערט, וואָס ער האָט געוויבלט מיט אידעישער קעמפעריש־קייט, פון דער יידישער אַרבעטער און אינטעליגענץ יוגנט, אָנגעזאָפּטע מיט טרוימישקייט און רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, מיט די אידעאַלן פון חלוצישן ציוניזם און ראָמאַנטישע האָפענונגען און העראָישע מאַרטירערשאַפט פאַר אַ סאָציאַלע איבעראַנדערשונג פון יידישן לעבן. דאָס איז געווען אַ דור, וואָס האָט געקענט קעמפן און ליב האָבן. ליידער האָבן זייער האָפענונגען געענדיקט זיך ניט נאָר מיט טראַגישער אַנטוישונג נאָר אויך מיט זייער פיזישן אומקום. די קאַטאַסטראָפע פון יידישן לעבן איז אויך געווען די קאַטאַס־טראָפע פאַר דער יידישער ליטעראַטור. אין בלוטיקן מבול איז אויך דער יידישער שרייבער, ווי אַ צעבראָכענער מענטש, געשטעלט געוואָרן פאַרן שווידער פון טראַגישן גורל און ער דער יורש פון דער גייסטיק גרויסער יידישער ליטעראַטור האָט מיט בלוט גענומען באַשרייבן דעם חורבן. איז וואָס האָט געטאָן באַשעוויס מיט זיין טאַלאַנטפולע פעדער? צי האָט ער גענומען באַשרייבן די אומ־געקומענע געשטאַלטן פון דער העראָישן און טראַגישן יידישן נעכטן?

אין ערשטן נומער פון ניי דערשינענעם זשורנאַל „יידיש־וועלט" איז געווען פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון יצחק באַשעוויסן אונטערן טיטל „וואָס איז דער באַדן פאַר ליטעראַטור", ווו ער זאָגט אַרויס זיין ליטעראַרישן אני מאמין, ווו ער דערקלערט אַז: „די בעסטע ליטעראַרישע ווערק זענען געשטיצט אויף פאָלקלאָר, די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור וואַקסט פאַקטיש אַרויס פון פאָלקלאָר. און ווייטער זאָגט ער: אַז „אונדזער מאָדערן וויסן וועט אויך מיט דער צייט ווערן פאָלקלאָר" ווייטער זאָגט ער: „קאָמוניזם, פאַשיזם

און אַ סך אַנדערע ,איזמען׳, וואָס דער מענטש נעמט בלויז ערנסט, און וואָס זענען אָפט פאַר אים דאָס לעצטע וואָרט פון וויסן, וועלן ווערן פאָלקלאָר״. און ער אַרגומענטירט ווייטער: „דער אַטאָם, דער עלעקטראָן, קאָן אַמאָל אין דער צוקונפט קלינגען אַבערגלויבעריש און אַלטגעבאַקן, ווי עס קלינגען היינט די ווערטער לאַפּיטוד, שד, טייוול, לילית״. די דאָזיקע אַבסורדישע געדאַנקען באַשעוויסטס שטאַמען פון זיין ניט־גלויבן אין דער וויסנשאַפט און ער איז גרייט אַפּצושפּרעכן אַן עין־הרע קעגן אַ דונער, ווען אַ קינד ווייסט היינט אַז וויסנשאַפט איז דער היפּוך צו אַבערגלויבן. דערפאַר רופט טאַקע באַשעוויס (אין זיין „בעל תשובה״) צו גיין קיין מאה שערים און דערפאַר געפעלט אים ניט די יידישע ליטעראַטור, ווייל „די מערסטע יידישע שרייבער זענען געווען ראַציאָ־נאַליסטן, וואָס אַנשטאָט שעפּן פון פאָלקלאָר האָבן זיי אים באַקעמפט״. צי האָט ניט פּרץ געשעפּט פון פאָלקלאָר? ער האָט אָבער גרויסע טענות צו דער יידישער ליטעראַטור, ווייל „די לאָזונג איז געווען צו עפענען די פענצטער קיין אייראָפּע, צו ווערן וועלטלעך. שרייבער וואָס פּרעדיקן וועלטלעכקייט, שכל, לאָגיק, רעוואָלוציע, זענען ניט קיין שטימונג צו מאַכן נוצן פון פאָלקלאָר״. איז דאָס ווידער פאַלש. אָט האָט פּרץ געשעפּט פון די טיפסטע קוואַלן פון פאָלקלאָר און פון חסידיזם און איז געווען דורכאויס וועלטלעך, אויך מיט שכל און לאָגיק און אַפילו רעוואָלוציאָנער. אין דעם וואָס באַשעוויס באַשולדיקט דער יידישער ליטעראַטור איז גראָד איר שטאַלץ. זי איז געווען און איז אויך הומאַן. מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, אַש און אַנדערע האָבן ניט געשריבן וועמען צו פאַרוויילן, נאָר געדינט דעם פאָלק, געוויזן אין איר אמתן ליכט, וואָס האָט פאַר אַנדערע פעלקער זיך ניט וואָס צו שעמען. ניט קיין אַבערגלויבנס האָבן זיי געשאַפן, נאָר גרויסע אידעאַלן. זיי האָבן געשעפּט פון די טיפענישן פון פאָלק, פון אירע אידעאַלן, פון חסידיזם און פון דער אַרבעטער־באַוועגונג; פון בונד ביז חלוציזם. ווען באַשעוויס פאַרוואַנדלט אַן אַרבעטער־טוער אין אַן אַלפאָנס פון זיין אייגן ווייב (אין אַ „פאָרווערטס״ דערציילונג). גוטע ליטעראַטור איז דער אויסדרוק פון די אַספּיראַציעס, האָ־

פענונגען און שטרעבונגען פון פאָלק. צי קען מען באַשעוויסן „באַשולדיקן" אין דעם? *

באַשעוויס וואַרפט פאָר דער יידישער ליטעראַטור, אַז זי האָט „געעפנט אַ פענצטער קיין אייראָפע". איז דאָס דען אַ חטא? איז דען דער יידישער גורל ניט אָפּהענגיק פון דעם גורל פון דער וועלט. האָבן מיר דען מיטן בלוט פון מיליאָנען ניט באַצאָלט פאַר אַזעלכע וועלט-אומגליקן, ווי דער היטלעריזם? ניין. די יידישע ליטעראַטור טאָר זיך ניט איזאָלירן, ניט אַריינקריכן אין די פינצטערע לעכער פון מיטלאַלטערלעכן מאה שערים נאָר ווערן אַ טייל פון דער וועלט-ליטעראַטור, ניט זיין גלייכגילטיק צום געפאַר פון אַן אַטאָמישע מלחמה. ניט צו די סכנות פון דיקטאַטורן, און פון צורויבן די רעכט פון מענטש און זיין פרייהייט. נאָר אַ דאַנק די אידעאַלן האָט דער מענטש זיך דערהויבן פון זיין פרימיטיוון צושטאַנד, פון דער שקלאַפעריי און פון אַ 16 צו אַ 8 שעהדיקן אַרבעט-טאָג. צו בעסערע באַדינגונגען און מער פרייהייטן. בלייבט דאָך נאָך איבער צו פירן דעם קאַמף קעגן דעם, אַז איין מענטש זאָל ניט צורויבן דאָס לעבן פון אַ צווייטן, אָדער צורויבן זיין פרייהייט. אין אָט דעם קאַמף שפּילט אָפּ יעדע הומאַנע ליטעראַטור איר גרויסע אויפגאַבע, אָבער וווּ אַהין רופט אונדז באַשעוויס — קיין מאה שערים? דאָרט ווו די וויסנשאַפט איז באַליידיקט, די לאָגיק טויט, דאָר ווי ס'הערשט אומבאַגרענעצט דער אָבערגלויבן.

ווען מיר רעדן וועגן די אויפגאַבן פון דער יידישער ליטעראַטור, זענען זיי גאָר באַזונדערע. עס לעבן דאָך די מענטשן פון לעצטן דור וואָס קען דערציילן וועגן גרויזאַמען אומקום און גרויסע טראַגעדיע פונעם פאָלק און דאָס ווערט צום גליק געטאָן. עס לעבן אויך די רעשטלעך פון דעם דור, וואָס קען דערציילן וועגן דער אידעישקייט, געטריישאַפט פון דער קעמפנדיקער יידישער יוגנט פון

* מיר טאָר גאָר ניט פאָדערן פון דער יידישער ליטעראַטור בלויז פאָזיטיווע העלדן, ווי דאָס האָט געפאָדערט זשדאַנאָוו פון דער סאָוויעטישער ליטעראַטור. זי טאָר אָבער ניט צושטעלן בלויז פאַרקריפּלטע נשמות, זי טאָר ניט זיין איינזייטיק.

די שטעטלעך און יידישע גאַסן, וועגן וועלכער עס איז אַזוי ווייניק דערציילט געוואָרן און אַזוי ווייניק באַזינגען געוואָרן. נאָך אַ ביסל און עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל דאָס טאָן. גראָד נעכטיקע קאָמוניסטן האָבן געכאַפּט זיך צו דער טעמע ישיבות און שולן. זיכער דאַרף מען וועגן דעם שרייבן. צי איז דאָס יידישע לעבן באַשטאַנען בלויז פון ישיבות און שילן? ווו זענען געוועזן די יידישע פּאַרטייען, ביבליאָטעקן יידיש וועלטלעכע שולן, פּראָ־פעסיאָנעלע פאַריינען, די ברייטע נעץ פון אומלעגאַלע קעמערלעך, פון חלוצישע הכשרה־פּונקטן? האָבן דאָך אין די פּוילישע טורמעס זיך געפונען מער יידישע יוגנט ווי אין ישיבות. צי גלייבן טייל שרייבער, אַז ווייל יענער חלום האָט אָפּגענאַרט טאָר מען דערפון ניט שרייבן? ניט זיי האָבן דאָך פאַראַטן זייערע יוגנט־אידעאַלן, נאָר זי, די יידישע יוגנט, איז פאַראַטן און אָפּגענאַרט געוואָרן. צי דאַרף מען דאָס פאַרשווייגן?

געווען אין וואַרשע אַ יידישער ראַיאָן, באַקאַנט אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער באַוועגונג אַלס „מורדזשעל". דאָרט האָט געראַיעט מיט וווּנדערלעכע טיפּן פון אַ יוגנט, וואָס האָט געקענט ליבן און קעמפן. אַזעלכע „מורדזשעלן" האָבן עקזיסטירט כמעט אין אַלע שטעט פון פּוילן. צי זאָל אַזאַ וווּנדערלעכע יוגנט, מיט אַזאַ רייכע געשיכטע אַוועק אין דער פאַרגעסנקייט? דער באַקאַנטער יידישער שרייבער פון פּאַריז שלעווין האָט זייער אַ סך געטאָן אַט די דאָזיקע יוגנט צו פאַראייביקן. אָבער זיין בוך „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן" שפּיגלט צו בלאָס אָפּ דאָס לעבן פון דער וואַרשעווער קאָמוניסטישער יוגנט, אַט דעם קעסל־גרוב פון אידעאַישקייט און געטריישאַפט.

מוזן מיר טאַקע דאָ אויסדרוקן אונדזער אומרו, וואָס די יידישע ליטעראַטור, וואָס קען זיך גרויסן מיט איר פאָלק, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעגעבן דעם בונדיסט הירש לעקערט, וואָס האָט דערשאָסן פאָן וואָלן פאַר שלאָגן פּאָליטישע אַרעסטירטע, אויך מיט דעם 18 יעריקן אַנאַרכיסט סיאָמקע פרידמאַן פון קריניק, וואָס האָט דערשאָסן דעם נאַטשאַלניק פון גראָדנער תפיסה פאַר שמייסן יידישע סטרייקנדיקע מיידלעך, פון דער גראָדנער פּאַפּיראָסן־

פאַבריק, ווי אויך מיט דעם יונגטלעכן קאָמוניסט נפתלה באָטווין פון לעמבערג, וואָס האָט דערשאָסן אַ פּראָוואָקאַטאָר; זי דאַרף זיך גרויסן מיט אירע זעלבסטשוצן קעגן פּאָגראָמטשקעס, מיט די העלדישע קעמפערס פון וואַרשעווער, ווילנער און אַנדערע געטאָס. ליידער ניט זיי באַזינגט באַשעוויס נאָר ער געפינט פאַרן בעסטן סימבאָל פון אַ „קעמפער" פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט אין דעם טיפּ פון זיין „גימפּל תם".

צום גליק האָט די יידישע ליטעראַטור, אויך נאָכן חורבן, ניט אנטוישט. זי שרייט ווייטער אויס איר ווײ־געשריי אויף אונדזער אומגליק און איר גרויסן פּראָטעסט. לויט מיין מיינונג האָט דעם נאָבלפּריז פאַר ליטעראַטור באַדאַרף באַקומען אַזאַ שרייבער ווי עלי שעכטמאַן. נאָר ליידער זענען די „ליטעראַטור־פּאָליטיקערס", פון אַלע סאָרטן, גאָר ניט פאַראינטערעסירט אַז די וועלט זאָל זיך דערוויסן דעם אמת וועגן דעם גאַנצן מאַרטירער־וועג פון אונדזער פאָלק און ניט פון יידישער געטריישאַפט און יידישן אידעאַליזם. זיי זענען מער פאַראינטערעסירט און אַ ליטעראַטור וואָס שאַפט אַ קרימען שפּיגל און אַ קאַריקאַטור פון יידישן לעבן. ליידער ווערט אויך אין אונדזערע ישראלדיקע „ליטעראַרישע קרייזן", אין דער זעלבסט־געקרוינטער ליטעראַרישע עליטע, ניט דערשאַצט די גרויסע ווערט פון עלי שעכטמאַנס „ערבֿ", ווי דאָס האָט עס פאַרדינט. עלי שעכטמאַען פעלט טאַקע ניט קיין טאַלאַנט עס פעלט אים אָבער „פלייצעס"...

די לעגענדע — דוד עדעלשטאַדט

כ׳האָב געצווייפלט צי דאַרף איך אָנשרייבן די דאָזיקע שורות וועגן דוד עדעלעשטאַדטן, פאַרן דאָזיקן בוך, ווייל וועגן אים איז זייער אַ סך געשריבן געוואָרן און אַלץ, וואָס כ׳קען וועגן אים זאָגן, האָבן אַנדערע שוין לאַנג פאַר מיר געזאָגט. צוליב דער זעלבער סיבה האָב איך אויסגעמיטן צו שרייבן וועגן יידישע שרייבערס, כדי ניט איבערחזרן, וואָס אַנדערע האָבן שוין וועגן זיי געשריבן. דאָך האָב איך ניט געקענט זיך באַשליסן ניט צו שרייבן די דאָזיקע שורות וועגן לעגענדאַרן פּאָעט, וואָס האָט ווי אַ מעטעאָר אויפגעבליצט אויפן הימל פון דער יידישער פּאָעזיע. זיינע לידער זענען, אין מיין יוגנט אַריין מיר אין בלוט. כ׳האָב גייענדיק איבער די גאַסן פון וואַרשע שטיל, אין זיך, זיינע לידער געזונגען. און היינט איז מיר אַלץ ניט קלאָר וואָס פאַרא צויבער שטעקט אין זיינע לידער, וואָס האָבן באַלויכטן מיין שטורמישע יוגנט, און עפּעס אַ פּערזענלעכער דראַנג טרייבט מיך, אָט דעם טראַגיש יונג־פאַרשטאַרבענעם פּאָעט אַריינעמען אין דער דאָזיקער זאַמלונג פון אַרטיקלען.

וועגן דוד עדעלשטאַדטן האָבן געשריבן וואָגיקע אַרבעטן אַזעלכע שרייבערס ווי: קלמן מרמר, משה כץ, נ. מ. מינקאוו, א. י. זאַקוסקי (אין שפּאַניש און יידיש), משה גפן (אין עברית)

און אַ סך אַנדערע האָבן וועגן אים געשריבן אַרטיקלען, זכרונות און אַפילו לידער געווידמעט זיין לעבן און זיין שאַפן. און סך־הכל איז ער דאָך יונג געשטאָרבן און אין גאַנצן דריי יאָר געשריבן לידער אין יידיש. ער איז דאָך דערצויגן געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך און געווען אַ רוסישער דיכטער. דאָך האָט ער מיט זיין ניט־גוטן יידיש, מיט זיינע פּשוטע ווערטער געשאַפן די ברען־מאַטעריאַלן פאַר זיינע פלאַמיקע יידישע לידער, וואָס האָבן געקענט אַזוי מעכטיק אַנצונדן די הערצער פון די יידישע מאַסן. זיינע לידער געבווירענע אין די „שוויץ־שעפּער" פון אַמעריקע האָבן אַריינגעדרונגען ביז צו די פאַרחושכטע קעלערס פון שוסטער־און שניידער־וואַרשטאַטן, פו די וואַרשעווער, ווילנער, מינסקער און קיעווער יידישע גאַסן. ווי אַזוי איז דאָס געשען?

אפשר דערפאַר ווייל ער האָט אַזוי שאַרק ליב געהאַט דאָס פאָלק און געהאַסט אַלע סאָרטן אונטערדריקער, אפשר ווייל ער האָט אַזוי געטריי געדינט דער פרייהייט און אפשר גאָר, ווייל ער איז מיט דעם גאַנצן ברען פון זיין נשמה, געווען אַן אַנאַרכיסט? אפשר האָט דער אַנאַרכיזם געוועקט, אין זיין פּאַעטישער נשמה, אַזאַ מיסטיש־ראָמאַנטישקייט, ענטוזיאַזם און הערא̈ישקייט פון געדאַנק, וואָס דער „רעאַל סאָציאַליזם", מיט אירע „וויסנשאַפט־לעכע" גראַשיקע מטבעות, געוואָרפענע אויף דער וואָג־שאָל פון דער געשיכטע, האָט קיינמאָל ניט געקענט וועקן. און ער איז דאָך אַליין געווען דער אָדלער וועלכן ער באַזינגט אַזוי אין זיין לירישער פּאָעמע „דער פאַרווונדעטער אָדלער", ווי ער זאָגט: „אַך! ווער קען מיר זאָגן, / אויב איך וועל אַמאָל / ווידער פריי אַמאָל שוועבן / איבער בערג און טאָלן?

דוד עדעלשטאַדט איז ניט געווען דער איינציקער יידיש אַנאַרכיס־טישער דיכטערס. געווען אויך יוסף באָוושאָווער. אויך אַ קראַנק־שווינדזיכטיקער, וואָס איז טראַגיש, יונג אַרויסגעריסן געוואָרן פון באַוווסטזיניקן לעבן. ער האָט בעסער פון עדעלשאַדטן געקענט די יידישע שפּראַך, ער איז ווייט פאַרויסגעגאַנגען אין דער דיכטונג פון עדעלשטאַטן, ווי פון די אַנדערע ערשטע פּיאָנערן פון יידישן ליד אין אַמעריקע, כאָטש אַליין געהערט צו די ערשטע פיר אירע

פּיאָנערן. ער האָט זיין ליד אָנגעצונדן מיט פילאָזאָפישע געדאַנקען און דאָך איז עדעלשטאַדט געווען די לעגענדע. אויך באָוושאָווער איז ניט ווייניק געווען באַאיינפלוסט פון עדעלשטאַדטן. אין זיין ליד אין עדעלשטאַדטס אָנדענק האָט ער געשריבן: „ביסט געש־טאָרבן, דאָך טרייסט איך זיך / ווייל עס לעבט דיין גרויסער גייסט. / ווען איך וועל דיין ליד נאָר זינגען, / וועט עס זיין פאַר מיר אַ טרייסט...״ ווייטער שרייבט ער: „און איך ווייס — די צייט וועט קומען / מיט דעם פרייהייט־פולן גלאַנץ! / דאַן וועט יעדער איינער לייגן / אויף דיין גרוב אַ בלומען־קראַנץ״.

עס זענען געווען נאָך אַנדערע, אָבער פאַרגעסענע, יידישע אַנאַרכיסטישע דיכטערס, צווישן זיי דוד גאָלדשטיין, געהערט צו די פריסטע אַרבעטער־פּאָעטן. געווען אַ ליריקער און רעוואָלוציאָנער. צו די שפּעטערדיקע אַנאַרכיסטישע דיכטער האָט געהערט דער שרייבער און דענקער אַ. אַלמי. אָבער עדעלשטאַדט איז געווען דאָס אויפבראויזנדיקע קול פון זיין דור, פון דעם נייע־אויפגעוואַכטן יידישן אַרבעטער, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו צערייסן די קייטן. ער איז געווען דאָס קול פון דער צעבונטעוועטער יידישער יוגנט, וואָס מיט זייער אידעישער געטריישאַפט, האָבן געריסן זיך צום קאַמף פאַר באַפרייאונג. און עדעלשטאַדט איז פאַר זיי דער דיכטער און נביא און זיי האָבן אים פאַרהערלעכט. ניט בלויז זיין פּאָעזיע האָט אויפגעציטערט הערצער, נאָר אויך זיין פּערזענלעכקייט האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. זיין לעבן און זיין אידעאַל זענען געגאַנגען צוזאַמען.

די ערשטע קוואַלן פון וואַנען עדעלשטאַדט האָט געשעפּט איז געווען דער רעוואָלוציאָנערער געדאַנק, וואָס האָט געשטעקט אין דער ראַדיקאַלער רוסישער פּאָעזיע. דאָס זענען געווען די דיכטערס: לערמאָנטאָוו, נעקראַסאָוו, ניקיטין און נאדסאָן, וואָס איז געווען פון דער יידישער אָפּשטאַמונג, וועמענס לידער האָבן באַגייסטערט דער רוסישער יוגנט פון זיין דור. פון זיין ליד „רוף מיך ניט מוזע״ האָט עדעלשטאַדט געמאַכט אַ פרייע איבערזעצונג אין יידיש און עדעלשטאַדטס „רוף מיך ניט מוזע״ איז פאַקטיש אַן אָרגינעל עדעלשטאַדס אַ ליד, ווייל פון נאַדסאָנען געפינען זיך

דאָרט נאָר געציילטע שורות. דאָס איז אַ ווונדערלעך ליריש און מוזיקאַליש ליד, וואָס איז אַזוי אייגן געווען צו דער קראַנקער פערזענלעכקייט פון עדעלשטאַדטן. „מוזע, רוף מיך ניט מיט דיינע צויבער־פינגער, / וועק ניט די סטרונעס פון מיין קראַנקן האַרץ! / פאַרמשפּעט צום טויט דיין בלאַסער זינגער / צו ענדע דאָס ליד פון קאַמף און שמאַרץ".

ניט ווייניקער איז עדעלשטאַדט באַגייסטערט געוואָרן פון דער פּאַטעטישקייט פון דעם רעוואָלוציאָנערן לעבן פון די רוסישע נאַראָדניקעס, פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" די העראָאישע געש־טאַלטן פון דער אַריסטאָקראַטיע פון אַפּשטאַם און אַריסטאָקראַטיע פון גייסט. באַזונדער האָט אויף אים געווירקט דאָס העראָאישע געשטאַלט פון פּעראָווסקאַיאַ וואָס צוזאַמען מיט איר חתן זשעליאַבאָוו איז דאָס „חתן־כלה" פּאָרל אַנשטאָט געפירט צו ווערן צו דער חופּה געפירט געוואָרן צו דער תליה. און עדעלשטאַדט ווידמעט איר רירנדיקע ווערטער. עדעלשטאַדטן האָבן אויך באַגייסטערט די גרויסע געשטאַלטן פון באַקונינען און קראָפּאָט־קינען.

אָבער ניט נאָר די השפּעה פון דער רוסישער דיכטונג, ער האָט אויך געשעפּט פון דער ענגלישער, באַזונדער באַליבט איז אים געווען דער, אויך יונג פאַרשטאָרבענער אַנאַרכיסטישער, ענגלישער דיכטער, פּוירסי ביש שעלי (1792—1822). ער איז געווען אַן אומגעוויינלעכע דערשיינונג אין דער ענגלישער, ווי אין דער וועלט־פּאָעזיע. ווי אַ העליש פייער האָט ער אויפגעבליצט. באַטש אַליין געהערט צום קלאַס פון דער אַריסטאָקראַטיע האָט ער באַזינגען די נויט פון די אָרעמע. ער דער מחבר פון „באַפרייטן פּראָמאָטעאוס" איז געווען דער פּאָעט פון ליכט און פרייהייט. אַ וויזיאָנער און אידעאַליסט. איז דען אַ וווּנדער, וואָס עדעלשטאַדט איז געווען פון אים באַגייסטערט און ווי אַ מאָטאָ צו זיינע לידער געברענט שעליס אַ ציטאַט?

ניט ווייניק האָט אויף אים געווירקט דער גרויסער פראַנצויזישער דיכטער זשאַן פּיער בעראַנזשע. אַ קינד פון רעוואָלוציאָנערן פראַנצויזישן פאָלק, אָנגעפילט מיטן בונטאַרישן גייסט פון פּאַריזער

פאָלק. ער האָט געשריבן סאַטיריש־בייסיקע לידער, וואָס האָבן געוועקט צום קאַמף. אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון דער פרייהייט האָט ער געשריבן: „ווו איך קוק — קייטן, און ערגעץ איז ניטאָ קיין גליק". אָבער נאָך מער איז עדעלשטאַדט געווען באַגייסטערט פון דעם לעגענדאַרן געשטאַלט פון לואיזע מישעל, „דעם מלאך פון די פּאַריזער באַריקאַדן". די העלדין פון דער פּאַריזער קאָמונע, די גרויסע קעמפערין און דיכטערין און עדעלשטאַדט האָט דערפאַר ליב געהאַט פראַנקרייך, ווי ער זאָגט דאָס אין אַ ליד: „איך האָב דיך ליב פראַנקרייך! איך ליב דיך פּאַריז! / איך ליב דיך, באַגייסטערטער, קעמפער, ריז / מיט דיין רויטן פאַנצער און שאַרפער שפּיז, / איך ליב דיך, פאָלקס־באַפרייער".

אויך דייטשלאַנד האָט פאַרמאָגט איר רעוואָלוציאָנערע דיכטערס. דער וויכטיקסטער איז געווען פערדינאַנד פרייליגראַט, וועמענס לידער אויך עדעלשטאַדט האָט גוט געקענט. ער דער דיכטער פון „יונג־דײַטשלאַנד", וואָס האָט אין זיין ליד „רעוואָלוציאָן" געשריבן: „איר גלויבט, אז איר האָט זי אין קייטן געבונדן, / אין גאַלגאַן דערוואָרגן, מיט שווערד דערשטאָכן — / און דאָך, טראָץ אַלע אירע שווערע וווּנדן, / אומשטערבליך לעבט די רעוואָלוציאָן!"

כאָטש עדעלשטאַדט האָט זיך זעלבסט באַצייכנט אַלס „טרערן־פּאָעט" זענען ניט די טרערן געווען דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר אים. ער איז מער געווען דער וועקער, דער באַזינגער, דער וואָס באַגייסטערט. ער מיט זיין דורכגעפרעסענעם גוף פון דער שווינדזוכט איז פאַרברענט געוואָרן פון די פלאַמען פון לעבן, כאָטש זיין פרייד האָט געזינקען אין לירישן אומעט, ווייל צוזאַמען מיט בונט און ווילן צום קאַמף, צוזאַמען מיטן ווייטיק פאַר די אונטערגעדריקטע מאַסן האָט אָבער דער פּערזענלעכער ווייטיק, דער לעגענדע — עדעלשטאַדט פאַרוואַנדלט אין דער — טראַגעדיע — עדעלשטאַדט. הערן מיר דאָס טאַקע אין די אומעטיקע טענער פון זיין „מוזע, רוף מיך ניט": „דאָך וואָס נוצט איצט די הייליקע פאַרלאַנגען? / צו ענדע איז מיין לעבנס שטורעמטאָג! — צו ענדע — טרוימען, טרערן און געזאַנגען, / עס רופט דער טויט, עס שלאָגט דער אוונט־

גלאק״. ווייל עדעלשטאַדט, האָט מיט זיין גאַנצן באַוווּסטזיין, וואָס האָט געריסן זיך צום קאַמף און בונט, דער וואָס האָט אַזוי גיריק געוואָלט הערן די „פרייהייט־גלאָקן״, האָט גוט געהערט ווי עס רופט אים דער טויט.

די וואָס וואַרפן פאַר עדעלשטאַדטן זיין נאַיווקייט, זיינע דייטשישע אויסדרוקן און שוואַכן יידיש דאַרף מען דערמאָנען, אַז עדעלשטאַדט האָט געשאַפן אין אָנהייב 19 י. ה. ווען די יידישע דיכטונג האָט געשטעלט אירע ערשטע טריט און דאַר מיט זיינע שפראַך־פעלערן און זיין „נאַיווקייט״, וועלן זיינע „קריטיקערס״ אפשר קיינמאָל ניט דערגיין צו דער הויך פון זיין טאַלאַנט, צו זיין לירישקייט. אויב עס גייט אין זיין דייטשמערישקייט. קען מען אין דעם אויך באַשולדיקן פרצן, ווייל דאָס אַריינפלעכטן דייטשישע אויסדרוקן האָט דאַן באַדייט דאָס זעלבע וואָס עס טוען די היינטיקע יידישע שרייבערס מיט אַריינפלעכטן העברעישע ווערטער און אפילו גאַנצע פסוקים אין זייערע לידער צוליב קינסטלערישן עפעקט. אָבער אַ גרויסן דיכטער דערקענען ניט די „קריטיקערס״ נאָר די ברייטע מאַסן. נאָר זיי האָבן אָפּגעשאַצט און געזונגען עדעלשטאַדטס לידער אין די וואַרשטאַטן אויף געהיימע „סכאָדקעס״, אויף דעמאָנסטראַציעס האָט געקלונגען זיין „מיר ווערן געהאַסט און געטריבן״. אָבער ניט בלויז יידן האָבן געזונגען זיינע לידער, זיי זענען אַריין אין לידער־זאַמלונגען פון פאַרשידענע שפראַכן, אין פאַרשידענע לידער אַנטאָלאָגיעס. זיינע לידער האָבן געזונגען ניט נאָר אַנאַרכיסטן, ער איז אויך געווען דער באַליבסטער דיכטער ביי די בונדיסטן. ווייל זיינע לידער האָבן גערעדט צום האַרץ און צום געמיט. ער איז געווען אַזוי באַליבט ווייל ער האָט געהאַט די דרייסטקייט צו וואַרפן דעם אמת דער וועלט אין פנים אַריין. און נאָך היינט איז ניט פאַרגעסן געוואָרן זיין אַזוי פּאָפּלער און וווּנדער־לעך לירישער ליד „אַ גוטער פריינט ווען איך וועל שטאַרבן״ ווי עס זאָגט זיך: „און דאָרטן אונטער דעם באַנער רויטן / זינגט מיר מיין ליד, מיין פרייע ליד! / מיין ליד ,אין קאַמף' וואָס קלינגען ווי קייטן / פון דעם פאַרשקלאָפטן קריסט און ייד״.

דאַרף די יידישע דיכטונג זיין שטאָלץ מיט איינעם פון אירע

ערשטע און איינער פון אירע גרעסטע דיכטערס. דערפאַר איז וועגן אים אַזוי פיל געשריבן געוואָרן און עס וועט נאָך געשריבן ווערן. באַזונדער איז דאָך עדעלשטאַדטס לידער נאָך היינט אַקטועל, ווייל ער האָט נביאיש פאָרגעזען, אין זיינע לידער, דעם אָנקום פון אַ „סאָציאַליסטישער" דעספאָטיע און ער האָט געוואָרנט קעגן „סאָציאַליסטישע" טורמעס און „סאָציאַליסטישע" זשאַנדאַרמען. ער האָט גערופן צו צעשמעטערן טראָנען אָבער נייע זענען אויפגעשטעלט געוואָרן. די אַלטע קייטן זענען פאַרטווישט געוואָרן אויף נייע, אַנשטאָט די „פרייהייט־גלאקן", הערן מיר דאָס קלאַפּן פון זעלנערישע שטיוול, אַנשטאָט דעם פרייהייט־גייסט — דער קאַזאַרמע־גייסט.

דאָס יאָר 1984

די זשורנאַליסטן פון דער וועלט־פּרעסע האָבן טריאומפירט, די שוואַרצע נבואה פון דעם ענגליש שרייבער דזשאָרדזש אָרוועל, אין זיין בוך „1984", איז כלומרשט ניט מקוים געוואָרן און נאַיווע מענטשן האָבן פריי אָפּגעאָטעמט ווער האָט אַפילו פּרובירט צו באַשולדיקן אָרוועלן אַז ער איז געווען אַ נביא שקר. ליידער איז ער ניט געווען קיין פאַלשער נביא, נאָר פאַלש איז דאָס נעגירן די גרויסע וואָרענונג פון דאָזיקן בוך. דער אמת איז אויך אַז אָרווילס נבואה איז פאַרווירקלעכט געוואָרן נאָך איידער ער האָט זיין נביאיש ווערק אָנגעשריבן. אָרוויל האָט גאָר ניט אויסגעטראַכט די שוידערלעכע געזעלשאַפט וואָס ער באַשרייבט האָט דאָך שוין פאַרווירקלעכט היטלער, סטאַלין און אַלע אַנדערע דיקטאַטאָרן, וועמענס רעזשימען זענען אַ געטרייע קאָפּיע פון בוך „1984". און אויב עס געפינען זיך לענדער אין אונדזער צייט, ווו די מאַכט איז ניט אַזוי אכזריותדיק און ברוטאַל, ווי דאָס שילדערט אָרוויל, איז אָבער דער סיסטעם און די מעטאָדן פון ליגנט און דעמאַגאָגיע, גאָר ניט ווייט פון דעם וואָס עס שילדערט אונדז אָרוועל. זיי זענען נאָר ניט אַזוי אָפן, ניט אַזוי גראָב נאָר פאַרפּירעריש פאַרשטעלט. נעמען מיר נאָר אַ ביישפּיל פון דער לעצטער צייט ווען דער פּרעזידענט פון די פאַר. שטאַטן, הער ראָנאַלד רייגען, לייגט צום

40 יאָרטאָג נאָכן זיג איבער דעם נאַציזם קרענץ, אין נאָמען פון אַמעריקאַנער פאָלק, אויף די קברים פון די נאַצי־פאַרברעכערס און שעמט זיך ניט דערנאָך צו לייגן אין בערגן בעלזן קרענץ אויף די קברים פון די קרבנות פון די זעלבע מערדערס, איז דאָס ניט איינער פון די שווידערלעכע מעטאָדן פון דעם „גרויסן ברודער" ווי דאָס שילדערט אונדז אָרוועל? אין אַזעלכע פאַקטן זענען ניטאָ ווייניק אין די דעמאָקראַטישע לענדער, וואָס זענען אַנגעשטעקט מיט די באַצילן פון פּאָליטישן ליגנט און שווינדל. ניט איין דעמאָ־קראַטישער" הערשער חלומט איינצופירן אַ קאָנטראָל איבער די געדאַנקען, ווי דאָס האָט געטאָן אָרוועלס „גרויסער ברודער". און ווער קען אונדז באַוואָרענען, אַז דאָס וואָס איז געשען אין דייטשלאַנד, איטאַליע, רוסלאַנד און אַנדערע קאָמוניסטישע לענדער קען מאָרגן ניט געשען אין אַנדערע לענדער? איז צו פרי די פרייד פון נאַיווע מענטשן און זשורנאַליסטן.

די נבואה פון אָרוועלן איז אויך גאָר ניט קיין גוזמה. צו גאַנצע פּאָליטיק פון אַלע רעזשימען זענען דאָך פאַרפּלייצט מיט ליגנט און דעמאַגאָגיע. וויפל מלחמות (ניט בלויז היטלער) זענען געפירט געוואָרן און ווערן נאָך היינט געפירט אין נאָמען פון שלום? וויפל פאַרשקלאַפונגען ווערן געמאַכט אין נאָמען פון באַפרייאונג און וויפל אונטערדריקונגען און צוואַנג ווערן געמאַכט אין נאָמען פון פרייהייט? „אַרבעט מאַכט פריי" איז געשריבן געוואָרן ביים אַריינגאַנג פון אַלע נאַצישע טויט־לאַגערס? מיט „פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער פאַראייניגט אייך" זענען געשפּאָלטן געוואָרן די אַרבעטער־פּאַרטייען אין פאַרשידנסטע לענדער. מען קען דאָך אויסרעכנען אָן אַ שיעור אַזעלכע לאָזונגען וואָס זענען געשטיצט אויף ראַפינירטע ליגנס.

דער „אוטאָפּישער" ראָמאַן פון דזשאָרדזש אָרוועל "1984" איז דערפאַר גאָר ניט אוטאָפּיש, נאָר זי איז די ווירקלעכע ווירקלעב־קייט אין די היינטיקע טאָטאַלע מדינות אין וועלכע עס הערשט דער מאָנאָפּאָל פון איין איינציקע פּאַרטיי, פון איין דיקטאַטאָר, אָדער פון אַ קאָלעקטיווע דיקטאַטור, ווי דאָס איז היינט אין ראַטן־פאַרבאַנד. אָרוויל פירט אונדז אַריין אין אַ מלוכה פון

געשלאָסענער אָרגאַניזירטער און מעכטיקער אָליגאַרכיע אין וועמענס שפּיץ עס שטייט אַ „גרויסער ברודער". אין דער דאָזיקער „איין־פּאַרטיי־שטאַט" פּאַרטעמפּט די מאַכט דעם מענטש, שטעלט אים צו ליגנערישע און פאַלשע אינפאָרמאַציעס, לערנט טראַכטן מיט סטאַנדאַרטע באַגריפן, וואָס זענען נויטיק די הערשער; פּאַרטומלט מיט לאָזונגען די מוחות. אָט די דעספּאָטיע איבערן מענטש קרוינט זיך פאַר דער אמתער דעמאָקראַטיע, אַלס הערשאַפט פון פאָלק, אָדער פון פּראָלעטאַריאַט. זיי איז געלונגען אַזוי צו פעלשן און פאַרדרייען די מענטשלעכע מוחות, אַז מסירה רופן זיי יושר, פּאַראַט מיינט ביי זיי פריינדשאַפט, צוואַנג — פרייהייט.

דשאָרדזש אָרוועל האָט געשריבן זיינע ווערק אין ערשטן העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אָבער באַרימט איז ער געוואָרן אַ דאַנק זיין בוך „1984". געהערנדיק צו דער רייכער בריטישער עליטע, האָט ער, אין דינסט פון בריטישן אימפעריאַליזם אין אירע קאָלאָניעס, דערקענט די מעטאָדן פון דער בריטישער הערשאַפט און ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט. פאַרלאָזט זיין דינסט אין אינדיע און אָפּגעזאָגט זיך פון זיין יחוסדיקן אָפּשטאַם. ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט אָבער ניט אין גייסט פון מאַרקסיזם אויך ניט פון דעם קרייז פאַביאַנער. צום סאָציאַליזם איז ער ניט געקומען צוליב „וויסנשאַפטלעכע" אַרגומענטן נאָר צוליב זיין הומאַניטאָרן געפיל פון גערעכטיקייט. ער האָט דערפאַר אין ענגלאַנד ניט געהערט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אין יולי 1936 ווען עס איז אויסגעבראָכן דער בירגער־קריג אין שפּאַניע איז אָרוועל, ווי אַ זשורנאַליסט אַוועק קיין שפּאַניע צו זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר זיינע זשורנאַליסטישע מאמרים. אין באַרצעלאָניע טרעפט ער זיך צום ערשטן מאָל צונויף מיט אַ נייעם סאָרט סאָציאַליזם, מיט די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן, וואָס רעגט אים אָן מיט גאָר אַנדערע געדאַנקען. די סטאַליניסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די רעפּובליקאַנער האָבן אין אַנאַרכיזם געזען זייער גרעסטן שונא און געטאָן אַלץ אים אומצוברענגען, שאַפנדיק אַ בלאָק קעגן אַנאַרכיזם. די סטאַליניסטן האָבן אויך געהאַט אַ באַזונדערן חשבון מיט די טראָצקיסטן. ווען אָרוועל קומט דאָס

צווייטע מאָל קיין באַרצעלאָניע טרעפט ער מער ניט פּלאַטערן איבער דער שטאָט די שוואַרץ-רויטע פאַנען, ניט דעם רעוואָלו־ציאָנערן ענטוזיאַזם, ניט דעם גרויסן פרייהייט-גייסט, ניט מער קיין סאָציאַלע גערעכטיקייט. איבער שפּאַניע האָט מאַרשירט פון איין זייט דער סטאַליניזם פון דער צווייטער דער פאַשיזם, ביידע האָבן צעטרעטן דעם אַנאַרכאָ-סינדיקאַליזם און צוגערויבט די פרייהייט פון שפּאַנישן פאָלק. אָרוועל האָט מיט אייגענע אויגן געזען די טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין שפּאַניע און ער האָט זיך דערשראָקן פאַרן טאָטאַליטאַרן סאָציאַליזם ווי פאַר טריאומ־פירנדיקן פאַשיזם. ביידע האָבן אויף אים אָנגעוואָרפן אַ פּחד און פון זיין דערפאַרונג וואָס ער האָט דורכגעלעבט אין שפּאַנישן בירגער־קריג איז געבוירן געוואָרן דאָס נביאישע ווערק — „דאָס יאָר 1984".

אין שפּאַניע האָט אָרוועל זיך שטאַרק דערנענטערט צום אַנאַרכאָ-סינדיקאַליזם, ער איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון זייער פרייהייט-גייסט און אים זענען נאָענט געוואָרן זייערע אמתן, אַז מאַכט איז גאָר ניט קיין מיטל נאָר אַ ציל פאַר זיך. דער ציל פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע איז גאָר ניט צו דינען די אינטע־רעסן פון די אַרבעטער, נאָר דאָס דערלאַנגען די מאַכט. זייער דיקטאַטור איז ניט צו ראַטעווען די רעוואָלוציע, נאָר די רעוואָלוציע דינט איינצופירן זייער דיקטאַטור. די דיקטאַטור פון יעדער אָלי־גאַרכיע שטיצט זיך אויף אַ נייעם פּריווילעגירטן קלאַס, אויף אַ נייער ביוראָקראַטיע און אויף אַ גוט אָרגאַניזירטע געהיים-פּאָליציי און שפּיאָנאַזש.

אָרוועל האָט געלערנט פון דעם אַנאַרכאָ-סינדיקאַליזם אַז סאָציאַליזם באַדייט קודם-כל — פרייהייט, און אַז יעדע מאַכט שטרעבט צו דערשטיקן די פרייהייט. יעדע מאַכט-רעזשים וואָס טוט אויף זיך אָן אַן „איזם", אַן אידעאָלאָגישן צילינדער, האָט אויף אַלעמען אַ פאַרטיקן ענטפער. דער קאָמוניזם, פאַשיזם פונקט ווי די רעליגיע פאַרטראָגט ניט קיין צווייפל, קיין זעלבסטשטענדיקן געדאַנק, קיין אַפּיקורסות. אויך זיי פאַלן אַריין אין אַ פאַנאַטיזם

און פונקט ווי דער קאַטאַליציזם האָבן זיי זייערע אינקוויזיציעס, זייער פאָרם פון פאַרשקלאַפונג. זייער ברוטאַליטעט, זייער ליגן און דעמאַגאָגיע. און דאָס האָט אָרוועל דערציילט אין זיין בוך „1984".

אָבער אויך די דעמאָקראַטיע קען זיך ניט אַנטקעגנשטעלן די טאָטאַליטאַרע אידעאָלאָגיעס, ווייל זי אַליין האָט ניט קיין אידעאָ־לאָגיע. אויך זי זאָרגט ניט פאַר די רעכט פונעם יחיד. אויך זי זעט אין מענטש ניט דאָס וואָס ער איז נאָר דאָס וואָס ער פאַרמאָגט. אויך זי שטיצט זיך אויף מאַכט און ביוראָקראַטיע. אירע עסקנים זענען אין די מאַסן ניט מער ווי די שטים־צעטלער און זענען פאַרפלאָנטערט אין פאַרלאַמענטאַרישע אינטריגעס. דערפאַר טאַקע איז די קערענסקי־דעמאָקראַטיע געווען אַ בריק צו דער מאַכט פאַר די באָלשעוויקעס און די ווײַמאַר־רעפובליק אַ בריק פאַר דעם היטלעריזם.

דזשאָרדזש אָרוועל האָט גוט געקענט דעם כאַראַקטער פון די א. ג. דעמאָקראַטישע מדינות אָבער אין שפּאַניע האָט ער געהאַט די גרויסע געלעגנהייט צו דערקענען דעם פראַנקאָ־פאַשיזם אונטער ווענעס פלייצעס עס זענען געשטאַנען די פאַשיסטישע כוחות פון מוסאָליני און היטלער. ער האָט אויך, אין שפּאַניע, דערקענט אַ נייע טאָטאַליטאַרע מאַכט, דער באָלשוויזם, וואָס האָט געוואָלט אַנוואַרפן דעם שפּאַנישן פאָלק איר סטאַליניסטישע דיקטאַטור. איז גאָר קאָמפּליצירט געווען די לאַגע פון די שפּאַנישע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן, וואָס האָבן געהאַט קעגן זיך דעם פאַשיזם און באָלשעוויזם. זי האָט פאַרמאָגט וווּנדערלעכע אידעאַישע קעמפער, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר דער פרייהייט פון שפּאַנישן פאָלק. אָבער אָרוועל האָט פון דער שפּאַנישער טראַגעדיע געלערנט, אַז פאַשיזם און באָלשעוויזם זענען גאָר ניט קיין צוויי עקסטרעמע קעגנזאַצן, ווייל ביידע פאַרגוואַלטיקן די פרייהייט, ביידע פאַרשקלאַפן דעם יחיד, ביידע באַנוצן זיך מיט ליגנט און דעמאַגאָגיע. דער אמתער עקסטרעם קעגן פאַשיזם און קאָמוניזם איז די פרייהייט.

אָרוועלס „יאָר 1984" איז ניט עפּעס אַ בוך וואָס שילדערט

אַ נייע דערשיינונג אין דער געשיכטע, דער „גרויסער ברודער" איז אויך גאָר ניט קיין נייעס. די געשיכטע פון דער וועלט קען דערציילן פון ניט איין „גרויסן ברודער". ניט נויטיק דאָ אויס־צורעכענען אַלע טיראַנען און דעספּאָטען וועלכע האָבן פאַרגאָסן די וועלט מיט בלוט און מיט שקר. אַלע דיקטאַטאָרן פון דזשינגיס כאַן ביז היטלער און סטאַלין האָבן אויסגעהלומט אַ מלוכה אין וועלכע עס זאָל ניט זיין קיין חילוק צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג און מיליטער. דאָס גאַנצע פאָלק, איז פאַר זיי געווען, איין אַרמיי, דאָס גאַנצע לאַנד איין קאַזאַרמע. אין נאַפּאָלעאָן האָט געוואָלט איינפירן אַ „סטאַטיסטיק פון מאָראַל", וואָס זאָל אינפאָרמירן וועגן די פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען פון זיינע אונטערטאַנען. אַליין האָט ער, ווי יעדער דיקטאַטאָר, געהאַט אַן אויסגעלייזדיקט האַרץ, געווען אַ שונאַ פון מענטש און פון דער פרייהייט, גענוג צו נעמען אַזעלכע זיינע ווערטער צו פאַרשטיין ווער ער איז געווען: „דער ווילדער, ווי דער ציוויליזירטער דאַרף האָבן איבער זיך אַ האַר, אַ כישוף־מאַכער, וואָס זאָל האַלטן אין שפּיל זיין פאַנטאַזיע, אים האַלטן אין שטרענגן דיסציפּלין, אַרויפלייגן אויף אים די קייט און ניט לאָזן בייסן פאַר דער צייט, אים דערלאַנגען מיטן שטעקן און פירן אויף געיעג, ווייל ער איז ניט ווערט עפּעס בעסערס". ער האָט געהאַלטן דאָס פאָלק פאַר הינט און זיך פאַר אַ הונט־יעגער. דאָס איז די פּסיכאָלאָגיע פון די דעספּאָטן. איינער פון די ערשטע, וואָס האָט גענומען רעדן „אין נאָמען פון פאָלק", איז געווען ראָבעספּיער. אין דעם מייסטער־ווערק פון דזשאָרדזש ביכנער „דאַנטעס טויט" זאָגט דאַנטע צו ראָבעספּיערן: „דו האָסט ביי קיינעם קיין כאַבאַר ניט גענומען, קיין חובות ניט געמאַכט, מיט קיין פרוי ניט געשלאָפן, תמיד אַן אָנשטענדיקן פראַק געטראָגן זיך קיינמאָל ניט אָנגעשיכורט. אָ, וואָס פאַר אַ מוראַדיקער צדיק דו ביסט ראָבעספּיער!" און אָט דער גרויסער מאָראַליסט און רעוואָלוציאָנערער פאַנאַטיקער האָט, אַן געוויסנסביסן, אין נאָמען פון ברידערלעכקייט אומגעברענגט טויזענטער „ברידער" אויף דער גילאָטינע. צווישן זיי זיינע נאָענטסטע מיטקעמפער. וועגן אָט דעם פאַנאַטיקער האָט קאָנדאָרס געזאָגט, אַז „ער האָט אַ מוח אָן

געהירן און אַ האַרץ אָן געפילן". אַ געשווירענער טיפּ פון אַ דעספּאָט.

דאָס ווערק פון אָרוועלן איז גאָר ניט קיין שפּיל פון נביאות, ניט קיין סאַטירע, אויך ניט קיין אוטאָפּיע. אפשר גאָר אַן אַנטי־אוטאָפּיע און נאָך מער — אַ וואָרנונג, אַ רוף — ראַטעוועט זיך! די צוואַנג־אידעאָלאָגיעס, דער פאַשיזם ווי דער קאָמוניזם ווילן פאַרניכטן די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, צורייבן די פרייהייט, פאַרסמען די מוחות מיט שינאה און שקר, ווייל יעדע דיקטאַטור, אַפילו יעדע מאַכט מוז האָבן קעגן וועמען צו העצן. דאָס בוך איז דעריבער אויך אַ וואָרענינג קעגן אַלע פאַנאַטישע גלויבנס און „איזמען", וואָס אין נאָמען פון אַלאַ אָדער לענין פאַרוואַנדלען דעם מענטש אין אַ פּאַפּירענעם נומער, אין אַ שרייפל פון אַ מעכטיקן סיסטעם פון שקר און מאָרד. די פרייהייט קען געראַטעוועט ווערן נאָך דורך פרייהייט, דורך פרייע מענטשן און פרייע געדאַנקען.

אין קעגנזאַץ צו די א. ג. לינקע אין ענגלאַנד, האָט אָרוועל, נאָכן אונטערשרייבן דעם סטאַלין־היטלער פּאַקט אין אויגוסט 1939 זיך גלייך געשטעלט אויף דער זייט פון דער ענגלישער רעגירונג אין איר מלחמה קעגן נאַציזם, ווען אַפילו די פּאַציפיסטן אין ענגלאַנד האָבן דאַן געטענהט, אַז ענגלאַנד איז פּונקט אַזוי פאַשיסטיש, ווי דער דייטשישער פאַשיזם. דער ענגלישער „לינקס" האָט דאַן ניט געזען דעם געפאַר פאַרן ענגלישן פאָלק פונעם דייטשישן נאַציזם. אָרוועל האָט באַשולדיקט די לינקע אינטעלעקטואַלן אַז אין זייער בלינדער געטריישאַפט צו מאָסקווע זען זיי ניט דער געפאַר פון נאַציזם. אין דער צייט ווען ענגלאַנד איז געשטאַנען איינזאַם אין דער מלחמה קעגן נאַצי־דייטשלאַנד, האָט אָרוועל געוואָרנט קעגן דער פאַרסמטער השפעה פון דעם רוסישן מיטאָס אויף דעם גייסטיקן לעבן פון ענגלאַנד. ער האָט געשריבן: „צען חדשים, פון סעפּטעמבער 1939 האָבן די לינקע אין ענגלאַנד ניט געפונען פאַר נויטיק צו שטעמפּלען דעם נאַציזם, אָבער תּיכּף, אין יוני 1941, ווען דער ראַדיאָ האָט געמאָלדן וועגן דעם היטלער־אָנפאַל אויף דעם ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן ערשט די דאָזיקע „לינקע" זיך דערוווּסט פון אַלע גרוילן פון דער נאַצי־הערשאַפט".

אויך די קאָמוניסטן אין פראַנקרייך, מיט זייער בלינדן נאָכגייען נאָך דער פּאָליטיק פון ראַטן פאַרבאַנד, האָבן ניט ווייניק בייגעשטייערט צו דער מפּלה פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. פון מאָסקווע האָט מען דאַן געהאַפן, דעם מנהיג פון די פראַנצויזישע קאָמוניסטן טאָרעזן, ער זאָל ווירקן אויף די פראַנצויזישע זעלנער זיי זאָלן זיך ניט אַנטקעגנשטעלן די דייטשישע כוחות. אַפילו סאַרטער, וואָס האָט דאַן סימפּאַטיזירט מיטן ראַטן־פאַרבאַנד האָט געשריבן אין זיין טאָג־בוך, געציילטע חדשים פאַרן פאַלן פון פּאַריז, אַז די מלחמה איז אַ בירגעלעכע און איר ציל איז צו מאַכן אַ חשבון מיט קאָמוניזם. דאָס איז געווען ווען די היטלער־אַרמיי האָט שוין געהאַט באַזעצט פּוילן, דענעמאַרק, האָלאַנד, בעלגיע און לוקסעמבורג. אויך די קאָמוניסטן אין ישראל האָבן געהאַלטן די מלחמה פאַר אַן אימפּעריאַליסטישע מלחמה און מיט קיין איין וואָרט ניט קריטיקירט דעם היטלער־סטאַלין־פּאַקט. זיי האָבן אויך אַגיטירט ניט צו מאָבליזירטן זיך אין דער ענגלישער אַרמיי. אָבער בערל קאַצענעלנסאָן האָט שוין דאַן (אין „דבר") געוואָרנט אַז די רדיפות קעגן יידן, וואָס גייט אָן אין דייטשלאַנד, וועלן זיך אויסשפּרייטן איבער די לענדער אונטערן רויטן פאָן.

אין די צען חדשים, צווישן דעם היטלער־אָנפאַל אויף פּוילן און איר אָנפאַל אויף דער ראַטן־פאַרבאַנד, האָט סטאַלין צוגעשטעלט דער היטלעריסטישער מלחמה־מאַשין סטראַטעגישע מאַטעריאַלן און חזרים. פאַר אָט דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער הילף האָט היטלער אָפּגעצאָלט מיט געבן די סאָוויעטן אַ פרייע האַנט צו פאַרכאַפּן פינלאַנד, ליטע, לאַטוויע און עסטאָניע. סטאַלין האָט דאַן געטרונקען „לחיים" פאַר היטלערן אַלס „דעם באַליבטן פירער פון דייטשישן פאָלק" און היטלער האָט געבענטשט סטאַלינען אַלס „שעפער פון דעם סלאַווישן נאַציאָנאַליזם" און פאַר זיינע פאַרדינסטן צו באַפרייען דעם באַלשעוויזם פון דעם איינפלוס פון וועלט־יידנטום. אין יענער צייט האָט בערנאַרד שאָו געזאָגט: „די מלחמה אין פּוילן איז פאַרענדיקט, מען רעדט אפּט וועגן אומברענגען דעם היטלעריזם איז אפשר נויטיק אָנצוהייבן פון ליקווידירן דעם טשערטשיליזם".

איז טאַקע דאָס קול פון אָרוועלן געווען אַ קול קורא אין דעם מדבר פון דער ענגלישער אינטעליגענץ. אָרוויל וועלכער האָט פיינט געהאַט דעם נאַציזם האָט גלייכצייטיק פאַרשטאַנען די גרויסע סכנה, פאַר דער מענטשלעכער פרייהייט, וואָס דראָט פון באַלשעוויזם. ער האָט אין ראַטן־פאַרבאַנד געזען דעם עקלהאַפטן סיסטעם, פון אַ פאָליצייאישע מדינה מיט טורמעם, לאַגערס און צענזאָרן. צי איז מעגלעך עפּעס ערגערס פון דער מלוכישער דעספּאָטיע? דאָס איז איין גרויסע קנעכטשאַפט, וואָס מען רופט ענפטלעך — סאָציאַליזם, ווו מען פאַשעט דאָס פאָלק מיט די שענסטע לאָזונגען, ווו דאָס גאַנצע לעבן: די ווירטשאַפט, קולטור, דערציאונג און פּאָליטיק איז קאָנצענטרירט און צענטראַליזירט אין פאַר אַן אייגן שטיקל געדאַנק, ביים מענטש, איז קיין שטיקל אָרט ניט געבליבן און קיין אָרט פאַר דער קלענסטער ווידערשטאַנד. אַלץ וואָס זיי טוען איז אין נאָמען פון פאָלק. אין „נאָמען פון פאָלק" האָבן זיי געשאַפן אַ שמאָלן, אַ פּריווילעגירטן שיכט פון הערשערס און ברוטאַלע ביוראָקראַטן, מיט אַן אומפאַרשעמטע באַנדע פון דעמאַגאָגן, וואָס רעדן נאָך אין נאָמען פון מאַרקסן, זיי פּרעדיקן „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם", אין דעם „דיאַלעקטישן מעטאָד" און אין נאָמען פון אָט די טעאָריעס האָבן זיי געשאַפן די ברוטאַלסטע דעספּאָטיע.

נאָכן זיג איבער דעם היטלעריזם האָט דער „לינקס" אין אייראָפּע ציניש געשוויגן ווען דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט פאַרכאַפּט נייע לענדער, ווי זיי האָבן געשוויגן דאָס איבערגעבן דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד פון 1944 אין די הענט פון די היטלעריסטישע מערדערס. לויט דעם „לינקס" איז סטאַלין שטענדיק גערעכט. אָבער אָרוועל האָט גלייך נאָכן זיג איבער היטלעריזם פאַרשטאַנען, אַז אויפן אָרט פון היטלעריסטישן שטיוול וועט קומען דער באַלשעוויסטישער שטיוול און ווייטער דערשטיקן יעדע פרייהייט. ער האָט ווייטער באַשולדיקט דעם „לינקס", וואָס איז געווען פּאַסיוו צום געפאַר פון נאַציזם, איז איצט פול מיט אילוזיעס צום סאָוויעטישן טאָטעלאַריזם. פון דער היסטאָרישער דערפאַרונג האָט אָרוויל געלערנט אַז הערשאַפט איז אַ ציל פאַר זיך. מען גרייט ניט

קיין דיקטאַטור צו פאַרזיכערן די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע, נאָר די רעוואָלוציע, דינט איינצופירן די דיקטאַטור, דער ציל פון יעדע רדיפות זענען — רדיפות. דער ציל פון פייניקן איז — פייניקן. דער ציל פון יעדע מאַכט איז — די מאַכט. צי האָט דער „לינקס" אין דער וועלט, נאָך אירע שווערע חטאים, פון פאַסיווקייט צום נאַציזם און אירע אילוזיעס לגבי דעם באָלשעוויזם, עפּעס געלערנט?

אָרוויל איז געשטאָרבן אָבער זיין וואָרענונג פאַרן „יאָר 1984" האָט זיך טיף איינגעקריצט אין די מוחות פון די, וואָס זענען ניט פאַרסמט געוואָרן מיטן קולט צו מאַכט, דיקטאַטור און דעספּאָטיע. אָרוויל האָט געפונען אין דער ליטעראַטור געטרייע נאָכפאָלגער, אין דער ערשטער רייע אין אַזעלכע שרייבער און פּאָעטן ווי: דער פּוילישער דיכטער טשעסלאַוו מילוש און דעם טשעכישן שרייבער מילאַן קונדראַ.ביידע געדענקען זייער גוט, וואָס ביידע טאָטאַלע מלוכות האָבן געטאָן קעגן זייערע פעלקער. מילוש איז אַרויס פון פּוילן און אַוועק אויף גלות. ער האָט אָפן זיך דערקלערט פאַר אַן אַנאַרכיסט און קומענדיק קיין פּאַריז האָט ער די ערשטע הילף באַקומען פון אַלבערט קאַמי. אין זיין בוך „פאַרשקלאַפטער געדאַנק" געפינען מיר די זעלבע געדאַנקען, וואָס ביי אורווינען און האָט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג ביי די וועמען „דער גאָט האָט אַנטוישט". און אָט וואָס מילוש שרייבט וועגן אָרווילן: "ווי נאָך כ'האָב אין פּוילן געהערט וועגן אָרווילן האָב איך זיך שטאַרק געוווּנדערט, ווי אַזוי אַ שרייבער, וואָס האָט קיינמאָל ניט געלעבט אין רוסלאַנד, האָט געקענט אַזוי טיף און ריכטיק באַגרייפן דאָס לעבן דאָרט". אַלץ וואָס אָרוועל האָט גייסטיק פאַרגעזעען האָט מילוש געפילט אויף זיין אייגענער הויט. מילוש האָט קיינמאָל ניט אָנגענומען די דילעמע פון אייראָפּעישן לינקס, וואָס האָט געפּרעדיקט, פון דער צייט פון שפּאַנישן בירגער־קריג, — „אויב דו ביסט אַ קעגנער פון פאַשיזם ביסטו מיט אונדז און דיין פליכט איז צו אָנערקענען דעם טאָטאַלן סאָוויעטישן רעזשים".

אויך קונדראַ איז געווען אַליין אַן עדות פון דער באָלשע־וויסטישע ברוטאַלער אונטערדריקונג, אַן עדות פון דער טראַגעדיע פון די פעלקער אונטער דעם סאָוויעטישן שטיוול. ביידע וויסן זיי

אַז דער זיג איבער היטלעריזם איז ניט געווען דער זיג פון הומאַניזם, נאָר פון אַ נייער פאַרשקלאַפונג. קיינער, אַפילו פון די גרעסטע קעגנער. וועלן ניט לייקענען אין דער גרויסער ראָלע ווי די גרויסע צאָל קרבנות, וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט בייגעשטייער צום זיג איבער היטלעריזם און נאַציזם, דאָס באַרעכטיקט אָבער אויף קיין פאַל ניט דאָס אַנוואַרפן איר הערשאַפט און דאָס פאַרשקלאַפן אַנדערע פעלקער, ווען זי האָט געהאָלפן, אָדער באַפרייט פון אונטערן יאָך פון פאַשיזם.

מאַקסים גאָרקי (א. פּיעשקאָוו)

צו זיין פופציקסטער יאָרצייט

גורקי איז געקומען אין דער רוסישער ליטעראַטור, ווען אין איר האָט געהערשט אַ קליינבירגערלעכער גייסט. ווען דער צאַריזם האָט געטאָן אַלץ אָפּצוגרענעצן דאָס רוסישע פאָלק פון דער אייראָפּעאישער קולטור מיט אַ הויכן מויער און ניט ווייניק פון דער רוסישער אינטעליגענץ, און צווישן זיי אויך דאָסטאָיעווסקי, האָבן געטענהט אַז „פון אייראָפּע קומט דאָס גיפט וואָס קען פאַרניכטן דאָס רוסישע פאָלק", ווייל אין אייראָפּע איז אַלץ נאָך ניט פאַרלאָשן געוועז דאָס פייער פון דער פרייהייט, וואָס האָט אָנגעצונדן די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. אַנדערע פון דער רוסישער אינטעליגענץ האָט געזוכט אַ קאָמפּראָמיס צווישן די ראַדיקאַלע אידעען און רעאַקציאָנערער טראַדיציע. אָבער אונטער די טירן פון פעאָדאַלן רוסלאַנד איז שוין געשטאַנען, גרייט דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם צום דינסט פון נייעם גאָט דעם גאָלדענעם קאַלב. אָבער גאָרקי האָט געפילט, ווי ער שרייבט אַליין: „די היינטיקע רוסישע ליטעראַטור איז ניט מער ווי די פאַרהערלעכונג פון פּאַסיוון לעבן — די אַפּלאָגיע פון פּאַסיווקייט, צו די אומגליקלעכע, געפּייניקטע מענטשן, מען זאָגט צו זיי — באַנוץ ניט קיין געוואַלט!

זיי געדולדיק! די קליינבירגערלעכע ליטעראַטור האָט ניט קיין אַנדערן כאַראַקטער, אַפילו ווען דער קינסטלער זאָל זיין געניאַל".

גאָרקי האָט אין דאָסטאָיעווסקיס ווערק געזוען אַ ווילן צו געפינען אַ האַרמאָניע צווישן אינקוויזיטאָר און זיין קרבן. אָבער ניט ווייניק פון די לעבנס־פעאיקע קליינבירגער האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין דער פּראָצעס פון דער רעוואָלוציע, ווען אַנדערע, די קליינע צעשראָקענע מענטשעלעך האָבן געזוכט צו אַנטלויפן פון דער ביטערערווירקלעכקייט צו דער וועלט פון פּוסטע חלומות. דאָך האָט רוסלאַנד געהאַט אירע העראָישע רעוואָלוציאָנערן און קעמפער־מאַרטירערס, וואָס האָט ניט געקענט בלייבן אָן ווירקונג אויף דער רוסישער ליטעראַטור און באַזונדערס אויף גאָרקין.

ווענן גאָרקין שרייבט טאַקע פּ. קראָפּאָטקין, אַז דער גרויסער קינסטלער און דיכטער האָט אויסגעפינען אַ גליקלעכע פאַרבינדונג צווישן אידעאַליזם און רעאַליזם, וואָס די רוסישע נאָוועליסטן האָבן לאַנג געזוכט. ווייטער שרייבט קראָפּאָטקין אַז „גאָרקי האָט ניט געיאָמערט איבערן ביטערן גורל פון זיינע בראָדיאַגעס, נאָר אַריינגעפירט אין זיינע דערציילונגען אַ פרישע נאַטור פון ענערגיע און מוט, וואָס איז געווען אַ זעלטענע זאַך אין דער רוסישער ליטעראַטור". גאָרקי האָט ניט פאַרטראַגן דאָס וויינען און ניט דאָס זעלבסט־באַשולדיקן אין וועלכע אַנדערע רוסישע שרייבערס האָבן זיך געבאָדן. זיי האָבן געשילדערט לייט וואָס שרעקן זיך אַפילו ניט אָפּ פאַר מאָרד, ווי ראַסקאָלניקאָוו אָדער די ברידער קאַראַמאַזוו, וואָס האָבן דערנאָך געיאָמערט איבער די סיבות. וואָס האָט זיי געטריבן צום פאַרברעכן. גאָרקי האָט זיי גוט געקענט די ניט דעבאַקענע „געבילדעטע", וואָס צווישן זיי קען מען זעלטן געפינען אמתדיקע בונטאַרן. דערפאַר איז אַ סך צווישן זיי געווען די צאָל פון די „ניעדאַנאָווס" (טורגעניעווס אַ העלד פון „אומבאַארבעטער באָדן") די טיפן פון מרה שחורהדיקע מיטלמעסיקייטן און שוואַכע נשמות. און אַזוי ווי טורגעניעוו האָט אידעאַליזירט זיין רודין, העלענען אָדער באַזאַראָוון האָט גאָרקי אידעאַליזירט טיפּן בראָדיאַגישע בונטאַרן. און זיין „וואַרענקאַ אָלעסאָווא" דריקט גאָרקי אויס זיין גאַנצע פאַראַכטונג צום דורכשניטלעכן „געבילדעטן" פון זיין צייט.

גאָרקיס באַליבטער טיפּ איז דער מענטש אָן בילדונג, וואָס קען זיך ניט אונטערשרייבן, ער קען אָבער בעסער פילאָזאָפירן פאַר שאָפּענהויערן. ער וואָס קען דאָס גאַנצע שמוץ פון לעבן, קען זיך אויך בונטעווען קעגן דער געזעלשאַפט, דאָס זענען די בראַדיאַגעס, די מענטשן פון די אונטערשטע קלאַסן צווישן וועלכע גאָרקי געפינט זיינע אמתע העלדן. וואָס זענען אויך יושרדיק און האָבן ליב די נאַטור.

גאָרקיס איליאַן פון די „דריי מענטשן" איז אַ קרעפטיקע נאַטור און ווען מיר דערקענען זיין בונטאַרישן כאַראַקטער ווילט זיך פרעגן פאַרוואָס האָט גאָרקי אים ניט געלאָזט אָנהייבן אַ ניי לעבן און אונטערן איינפלוס פון די סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן ניט געלאָזט אים שטאַרבן אַלס קרבן פון די אַרבעטער־סטרייקן אָדער אין קאַמפן, אין צוזאַמענשטויסן מיט די צאַרישע סאָלדאַטן, ווי דאָס איז געשען אין גאָרקיס צייטן? אָבער גאָרקי איז געווען אַ רעאַליסט און גוט געקענט די מענטשלעכע נאַטור און געקענט דעם אונטערשיד צווישן אַ רעוואָלוציאָנער און אַ בונטאַר. זיינע העלדן, אויסער אין זיין „מוטער", זענען ניט קיין ניט קיין פּאָליטישע קעמפער נאָר בונטאַרן — אינדיווידואַליסטן. אָבער די קעמפער ווי די בונטאַרן זענען געווען גאָר אַנדערש פון דער דורכשניטלעכקייט, וועמען גאָרקי האָט אַמשטאַרקסטן ניט געליטן און ער האָט דערפאַר געשריבן: „איך צווייפל צי גאָט וואָלט אייך אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד. ווען ער וואָלט געוואָלט אַראָפּשיקן נביאים, וואָלט ער אויסגעקליבן שטאַרקערע מענער ווי איר זענט. ער וואָלט אין זיי אָנגעצונדן אַ ליידנשאַפטלעכע ליבשאַפט צום לעבן. צום אמת, צום מענטש".

אין איינע פון זיינע דראַמעס „נאָ דניע" איז דער גרונטגעדאַנק דער זעלבער וואָס ביי איבסענס „ווילד־ענטע". ער געשילדערט די איינוווינער פון אכסניה, וועלכע האַלטן זיך אַזוי לאַנג אויף זייערע פיס, ווי לאַנג זיי האָבן פאַר זיך עפּעס אַן אילוזיע, אַ האָפענונג אין לעבן. אַזוי צום ביישפּיל טרוימט אַ שיכור זיך צו היילן אין אַ געוויסן קור־אָרט און אַ מיידל וואָס לעבט פון זינד חלומט פון אַן אמתער ליבע. דאָס זענען מענטשן, וואָס זענען מיט קיין זאַך ניט

צוגעבונדן צום לעבן נאָר צו אַן אילוזיע, וואָס אויב זי ווערט צעשטערט דערגייען זיי צו טראַגישע האַנדלונגען.

דער „ודוי" איז דאָס אינדיווידואַליסטישע ווערק פון גאָרקין, אַ דאַנק איר איז גאָרקי אַזוי באַרימט געוואָרן. דאָ, ווי אַלע זיינע ווערק, איז דורכגעדרונגען מיט דערהויבענע אידעאַלן, מיט די הויכע אַקאָרדן פון זיין „הפקרדיקע אָדלער" וואָס האָט געריסן זיך צו די הויכע הימלען. אין „ודוי" ברענגט אונדז גאָרקי די זעלבע פראָבלעמען, פון דעם פשוטן מענטש וואָס זוכט אַ גאָט. ער וויל זיך באַפליגלען מיט אַ געטלעכן גייסט און באַפרייען זיך פון דער ביטערער און פיינלעכער ווירקלעכקייט. ער זוכט אַזוי לאַנג ביז ער געפינט. און ער דעראָבערט די שכונה זעלבסט און זיינע פאַרלאַנגען צעגיסן זיך ווי אַ שטורמישער ים, און ער גאַרט צו באַגרייפן דאָס לעבן אין זיין פולן זין און צו קענען אונטערשיידן פון גוטס און שלעכטס און געפינען אַ זין אין זיין אייגן פּערזענלעכן לעבן. פון זיינע ערשטע ווערק אָנהייבנדיק פון „קאָנאָפּאַלאָוו" ביז „אַפּגרונט" האָט גאָרקי דאָס דאָזיקע פּראָבלעם ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט און אין אַלע זיינע ווערק האָט ער באַמיט זיך אַריינצוגיסן אַ ביסל ליכט אין דעם פינצטערניש פונעם לעבן. זיינע מערסטע טיפּן זענען פשוטע מענטשן אָבער גוטע מיט קאָכיקע הערצער, וועלכע בלאָנדזשען און זוכן אָבער זייער אַלעמענס ענדע איז גאָר ניט קיין פרייילעכע.

אַזוי ווערט איבערגעריסן דער לעבנס־פאָדעם פון פּאָמאַ גאָרדיעוו אין אַ משוגעים־הויז. און לונען צעשמעטערט זיין קאָפּ אין אַ שטיין. ניט ווייל זיי האָבן ניט געקענט פאַרווירקלעכן זייערע פאַרלאַנגען אין לעבן, נאָר ווייל זיי זענען געווען גייסטיק בלינד און אָנגעשטויסן זיך אויף דעם פינצטערניש פונעם לעבן. נאָר דער העלד פון „ווודוי" איז מער גליקלעך פון זיינע חברים, די אַנדערע העלדן זיינע. ער געפינט זיין גלויבן, זיין גאָט און אַן אויסוועג, וואָס איז אייגנטלעך געווען די זעלבע פינצטערניש, וואָס האָט אַלעמען פאַרפירט, אָבער פאַר אים איז דאָס געווען אַ ליכט־שטראַל.

און גאָרקי שילדערט אונדז מיט זיין גאַנצן טאַלאַנט אַלע צרות,

ליידן און יסורים וואָס ער דער מענטש האָט אויסגעליטן זוכנדיק זיין גאָט, מיט זיינע אַלע אינערלעכע קאָנפליקטן איבערלעבונגען, פאַנטאַזיעס שטרעבונגען און אַנטוישונגען. אַלע טרוימען וואָס הענגען אין די הימלען איבער אונדזערע קעפּ און דרינגען אַריין אין דער טיפקייט פון אונדזערע הערצער. „ודוי" איז אַ מייסטער־האַפּט ווערק, וואָס מאַכט אַ גרויסן איינדרוק. גאָרקי האָט אויך שוואַכערע ווערק, אָבער אין אַלגעמיין האָט ער געווירקט מיט זיין הומאַניזם און אַלמענטשלעכן גייסט, ווי מיט דער שטאַרקייט פון זיין סטיל און שטאַרקע פאַרבן. ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט זיך אין די לעצטע יאָרן געפונען אונטערן איינפלוס פון לענינען און דעם באָלשעוויזם האָט ער זיין מענטשלעכקייט און זיין הומאַנישקייט קיינמאָל ניט פאַרלוירן.

די פאַרבן־ליטעראַטור

עס זענען דאָ שרייבערס, וואָס קענען אַזוי פיין שילדערן נאַטור־לאַנדשאַפטן און פּייסאַזשן, ווי דאָס וואָלט געווען געמאָלן פון אַ מאָלער. פאַר אַ ביישפּיל קען אונדז דינען מענדעלעס „פישקע דער קרימער", ווי ער שילדערט אונדז די שיינקייט פון וואָלינער לאַנדשאַפט. אַזוי זענען דאָ מאָלערס, וועלכע שאַפן בילדער מיט אַזויפיל געדאַנקען און אינהאַלט, וואָס מען קען פאַרגלייכן צו אַ ליטעראַריש ווערק. דאָס מיינט אַז מען קען מיט ווערטער מאָלן די שענסטע בילדער און מיט פאַרבן די שענסטע געדאַנקען.

איך בין ניט קיין קענער פון מאָלעריי און כ'וועל זיך דאָ ניט פאַרנעמען מיט דער מאָלערישער קונסט. איך וויל בלויז שטעלן די פראַגע — פאַרוואָס האָט די מאָלעריי אויפגעהערט צו זיין די ליטעראַטור פון פאַרבן? וואָס מיך אינטערעסירט אין דער מאָלעריי איז וווהין איז זי אַוועק, און צי האָט זי גאָרניט וואָס צו זאָגן אין דער היינטיקער אומגליקלעכער און אַבסורדישער צייט?

ליידער האָבן די אַבסטראַקטע מאָלערס, ניט בלויז פאַרטריבן דעם מענטש פון דער מאָלעריי, נאָר אויך יעדע פיגוראַטיווקייט, אינטעלעקט, פאָרם און באַוועגונג און געבן זיך אָפּ בלויז דער עסטעטיק פון האַרמאָניע און קאָלירן. זיי דערקלערן דאָס, ווי אַן

אויסדרוק פון דער צייט, מיטן איינקלאַנג פון דער פילאָזאָפיע פון 20 י. ה. דאָס לייוונט איז פאַר זיי בלויז דער שטח אויסצופילן מיט פאַרבן. פונקט ווי די „מאָדערנע" פּאָעזיע האַלט, אַז דיכטונג דאַרף מען ניט פאַרשטיין, אַזוי אויך האַלטן זיי, אַז די מאָלעריי דאַרף מען ניט פאַרשטיין. פאַרשטענדלעך, אַז דאָס עפּנט אַ ברייט פעלד פאַר פאַרשידענע קונסט־שווינדלעריי. דער אַבסטראַקט האָט געשטעלט זיך צום דינסט פון דעם געשמאַק פון די סנאָבן וועלכע קויפן בילדער ניט צוליבן אינהאַלט נאָר צוגעפּאַסט צו די קאָלירן פון זייערע מעבל אָדער טאַפּעטן. ווען די גרויסע מאָלערס און סקולפּטאָרן האָבן שטענדיק אויף זייערע בילדער, אָנגעטאָן געדאַנקען און אידעען.

מיכאַל אַנדזשעלאָ האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע אין זיינע וווּנדערלעכע מאָלערייען אויף דעם סופיט פון דער סיקסטינער קאַפּעלע, ווי ער מאַניפעסטירט דעם פּראָמעטעאושן גייסט און די דעמאָנישע קראַפט פון געדאַנק און שטרעבונגען פון דעם מענטש־לעבן געשלעכט. די גרויסע מאָלערס און סקולפּטאָרן פון דער רענעסאַנס עפּאָכע האָבן פאַרטריבן פון די קריסטלעכע קלויסטערס די אַסקעטישע פאַרקריפּלטע פיגורן פון די הייליקע און צוריק אַריינגעפירט דעם אָפּטימיזם און די פרייליכקייט צוזאַמען מיט דער שיינקייט פון דער גריכיש־רוימישער קונסט. דער קריסטלעכער אַסקעטיזש איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דער מידקייט נאָך דער אויסגעלאַסנקייט פון רוימישן קייזערטום. (מיט 2000 יאָר צוריק). נאָך דער זינדיקער זעטיקייט, נאָך דעם אויסגעלאַסענעם לעבן, איז געקומען דאָס קריסטנטום מיט איר וועלט־פאַראַכטונג, מיטן פינצטערן פעסימיזם, וואָס האָט גענומען פאַראַכטן דאָס מאַטעריעלע און קערפּערלעכן גענוס. ערשט אין די צייטן פון רענעסטאַנס האָט אויך אין די קלויסטערס זיך אַריינגעריסן די נייע קונסט, וואָס האָט פון דער גריכיש־רוימישער געירשנט דאָס פאַר־בנרייכע און דאָס שיינע. אויף די ווענט און אויף די שויבן פון די קלויסטערס האָבן זיך באַוויזן בילדער און מיטראַזשן פון תנ"ך געשיכטעס און פיגורן, בילדער פון דער הייליקער מאַדאָנעס, וועלכע האָבן מיט זייער הימלישער זיסקייט איבערגעשטיגן מיט זייער

שיינקייט די גריכישע ווענוס. עס האָבן זיך באַוויזן בילדער פון נאַקעטע מלאכים, וועמענס מאָדעלן האָבן די מאָלער געפונען צווישן די זינדיקע פרויען פון די פאַרשטעט, וואָס פאַר געלט זענען שטענדיק גרייט זיך אויסצוטוען און זיך געלאָזט פאָזירן פון די מאָלערס, וואָס האָבן אויף זייער געטאָקטער נאַקעטקייט בלויז אָנגעמאָלן אַ פּאָר פליגל. זיי האָבן עס די זינדיקע פרויען פאַר־וואַנדלט אין די הייליקסטע מאַדאָנעס. אַזוי איז אויפגעגאַנגען אַ נייע רעליגיעזע קונסט, וואָס האָט די גריכישע שיינקייט פאַרייניקט מיט קאַטוילישער ראָמאַנטישקייט, איינגעהילט אין אַ רעליגיעזער מיסטעריע.

אין 1746 באַווייזט זיך אין שפּאַניע, אין דעם לאַנד פון פרומע מאַדאָנעס, דער געניאַלער מאָלער פראַנציסקאָ גאיא, וואָס האָט איבערגעריסן מיט אַלע פרומע טראַדיציעס פון זיין צייט און מיט דעמאָנישן חוזק געוואָרפן אַ בליק אויף די פאַרהעלטנישן און אויף די מענטשן פון זיין צייט. דאָס גאַנצע 18טע י. ה. האָט די אייראָפּעאישע אַריסטאָקראַטיע געפייערט אירע פרייִלעכע צייטן פון ראָקאָקאָ, דאָס איז פאַר זיי געווען אַ צייט אָן זאָרג, נאָר מיט גאַלאַנטע ליבע־אַוואַנטורעס. די ליידן פון פאָלק איז זיי געווען פרעמד און זיי האָבן ניט געהערט די שטורעם־גלעקער פון דער אָנריקנדיקער נייער צייט ,די קאַמפּס־רופן פון דער רעוואָלוציע פאַר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. נאָר די שרייבער האָבן שוין געפילט דעם אָנקומענדיקן פרילינג פאַר די פעלקער און ווי מוטיקע בונטאַרן האָבן ז יי געגרייט קדיש צו זאָגן נאָך דער פאַר־פוילטער אַריסטאָקראַטישער וועלט. געטהע האָט אין זיין : „די ליידן פון יונגן ווערטהער”, פאַרגעשטעלט שוין גאָר אַן אַנדערע ליבע, מיט אירע באַפרייטע אינסטינקטן, און שילער איז געקומען מיט זיין „רויבער”. די רעוואָלוציע, וואָס די ליטעראַטור האָט געמאַכט אין די מוחות האָבן די מאַסן פאַרענדיקט אויף די גאַסן צעשמעטערנדיק די מאָנאַרכיע אין פראַנקרייך, און רעוואָלוציאָ־ניזירט גאַנץ אייראָפּע.

אָבער אין שפּאַניע, דאָס קאַטוילישסטע אין מיטלאַלטערלעכסטע פון אַלע לענדער האָט נאָך געהוליעט די אַריסטאָקראַטע און די

קאַטוילישע קאַרדינאַלן אין זייער אויסגעלאַסנקייט. 18 טויזנט גלחים האָבן געזויגן דאָס בלוט פונעם פאָלק. דאַן דעקט אויף גאָיאַ אין זיינע בילדער די גאַנצע געמיינקייט און נידערטרעכטיקייט פון זיין צייט, די גאַנצע קאָרופּציע, וואָס באַהאַלטן זיך אונטער דער מאַסקע פון קאַטוילישער פרומקייט און געטלעכקייט. אין זיינע בילדער פון הייליקע שפּיגלט זיך אָפּ דער טייוולאָנישער שפּאָט פון דעם פּנים פון אַן אַפּאָסטאָל, וואָס רויבט אַוועק די גאַנצע פרומקייט פון די וואָס זעען דאָס בילד. גאָיאַ האָט פאַרמאָגט די וווּנדערלעכע פעיקייט פאַרצושטעלן דעם ברוטאַלן אמת פונעם לעבן. זייענדיק אַליין אַ הויף־מאָלער פון קעניגלעכן הויף, האָט דאָס גראָד אים געגעבן די מעגלעכקייט צו ווירקן אויף אַרונטער־צורייסן דעם אויטאָריטעט פון דעם הויף און דער מלוכה, מיט גאַנץ קלאָרע רעוואָלוציאָנערע צילן. אין די פּאָרטרעטן פון דער קעניג־לעכער פאַמיליע און די הויכע דיגניטאַרן, אַנשטאָט זיי צו געבן אַ מאַיעסטעטישן כאַראַקטער, האָט ער זיי געמאָלן מיט אַ גיפטיקער סאַטירע. אויב דער שפּאַנישער מאָלער וואלאסקא האָט אין זיין צייט די הויף־מענטשן געמאָלן אין זייער קעניגלעכער מאַיעסטעט און אַריסטאָקראַטישע ווירדע, ווי דאָס האָבן געטאָן אַלע הויף־מאָלערס, האָט גאָיאַ, דער רעוואָלוציאָנער און אַנאַרכיסט אַרונטער־געריסן די מאַסקע פון די הערשערס און זיי פאַרגעשטעלט, ווי אידיאָטן און פאַרברעכער, וואָס אַזעלכע זענען זיי טאַקע געווען. (זייערע וואַקס־פיגורן האָט ער געמאַכט פאַר וואַקס־מוזעאַום). גענוג צו וואַרפן אַ בליק אויף דעם פּאָרטרעט פון קאַרלוס דעם 4טן ווי ער איז אַסטאָמאַטיש און פעט, פּונקט ווי זיין פערד און פּונקט ווי זיין הינט. אַזוי ווי אַ מולך זעט ער אויס, דער וואָס האָט געצאַפּט דאָס בלוט פון זיין פאָלק. און די קעניגין מאַריע לואיז האָט ער אויסגעמאָלן, ווי אַ פּראָסטיטוטקע אויפן טראָן. מיט איר העסלעכקייט, פאַלשע האָר און קינסטלעכע ציין, שטעלט ער זי פאָר אַ טיף דעקאָלטירטע, מיט איר אָפּגעדעקטן בוזעם צו ווירקן אויף די געשלעכטלעכע אינסטינקטן. אין אַלע זיינע בילדער פון גאַסן־מיידלעך האָט ער זיי געמאָלן מיט די פּנימער פון די הויף־דאַמעס. קיין מאָלער ביז אים האָט ניט געצייכנט אַזעלכע מוראדיקע

קאַריקאַטורן פון די הערשער. נעמען מיר זיין פּאָרטרעט פון דעם מיניסטער גאָדאָ, דערקענט מען גלייך אין אים אַ טיפּ פון אַ פּרוויען־הענדלער. און אויף דעם פּנים פונעם קרוינפּרינץ פּאַרנאַנדאָ ליגט אויסגעגאָסן זיין גאַנץ געמיינקייט פון אַ געפערלעכן אינטריגאַנט און נידערטרעכטיקן היפּאָקריט. אָדער נעמען מיר דאָס גרופּן־בילד פון דער קעניגלעכער פאַמיליע איז דאָס אין גאַנצן ענלעך צו אַ קרעמער־פאַמיליע, וואָס האָט אַריינגעכאַפּט דאָס גרויסע געווינס. גאָיאַ, זייענדיק אַזוי נאָענט צום קעניגלעכן הויף, און צו דער הויכער אַריסטאָקראַטיע האָט זייער גוט געקענט אָט דאָס פאַרברעכערישע געזינדל, וואָס האָבן געגרויסט זיך מיט זייער הויף־מאָלער און אין זייער פאַרטעמפּטקייט, גאָר ניט פאַרשטאַנען מיט וואָס פאַראָ איראָניע און באַליידיקונג ער פאַראייביקט זיי פאַר דער געשיכטע. לאָמיר ניט פאַרגעסן אַז גאָיאָ האָט געמאָלן זיינע אַריסטאָקראַטישע טיפּן מיט פּערדישע פּנימער און אָקסן־מיילער אין דעם מאָנאַרכיסטישן לאַנד פון אייראָפּע.

אויך גאָיאָס קירכלעכע בילדער זענען אַ טיפּע אָפּשפּעטונג פון דער קירכע און פון דער רעליגיע. אין זיין גן־עדן מאָלט ער אונדז ווי צווישן נאַקעטע מלאכימלעך און די „הייליקע” דאַמען שפּילן זיך אָפּ עראָטישע סצענעס, ווי אין אַן ערדישן פריילעכן־הייזל. אַ טייל פון די דאָזיקע אויסגעלאַסענע שיינקייטן אין ווייסע אונטערהויזן און ראָזע אונטערקליידער טראָגן אויף זיך די ענלעכקייט צו גאָר חשובע הויף־דאַמעס.

אַ סך אַנדערע שפּאַנישע מאָלערס זענען, חוץ גרויסע קינסטלערס, געווען אויך פרייע און דרייסטע דענקערס (ווי מען קען דאָס זען פון זייערע בילדער אין די שפּאַנישע מוזעאומס) אָבער גאָיאָ איז געווען דער בולטסטער פון זיי. ער האָט געמאָלן גיפטיקע פאַשקווילן אויף די סאָציאַלע און פּאָליטישע לאַגע פון זיין צייט. ער האָט אין דער מאָלעריי באַקעמפט די צביעות פון דער קירכע, די פּראָסטיטוציע פון די הויף־לייט און זייערע דאַמען, ווי אויך די פאַרפוילטקייט פון דער פאַרקויפטער ביוראָקראַטיע, ער האָט פאַראייביקט דעם היפּאָקריטיזם פון די גלחים און ניט ווייניקער אויך די פאַרטעמפּטקייט פונעם פאָלק, וואָס האָט געקענט

דולדן איבער זיך אַזעלכע פֿאַרקריפּלטע הערשער, מיט זייער קאָרומפּירטער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג.

פֿראַנציסקאָ גאָיאַ איז אָבער ניט געווען קיין פּרעדיקער פֿון גראָשנדיקן מאָראַל נאָר ער האָט די מענטשן געוויזן דעם וועג צו פֿרייהייט. ווי אַלס פֿאַרגייער פֿון ניטשען האָט ער אונטערגעגראָבן די פֿונדאַמענטן פֿון די שקלאַפֿערישע טראַדיציעס, פֿון מאַיעסטעט און פֿון אויטאָריטעט פֿון דער ציווילער און קירכעליכער מאַכט, וואָס פֿאַרטעמפּט די מאַסן. גאָיאַ איז גלייכצייטיק געווען אַ גרויסער אַנטימיליטאַריסט, ווי מיר זעען דאָס, אין זיינע מלחמה־בילדער. ער ווייזט אונדז די שרעקלעכע רעזולטאַטן פֿון דער מלחמה, וואָס רופֿן אַרויס אַזעלכע ענלעכע געפֿילן, וואָס מיר באַקומען פֿון טאָלסטאָיס „מלחמה או שלום״.

וועגן גאָיאַן איז געשריבן געוואָרן אַ סך ביכער, וועלכע באַקענען אונדז ניט בלויז ווי דער געניאַלער קינסטלער נאָר אויך דענקער און בונטאַר. ער איז אָבער ניט דער איינציקער. ווייל עס זענען געווען צייטן ווען די מאָלעריי האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן, דאָס איז געווען אַן אידעישע און קעמפֿערישע קונסט.

אויך דער האָלענדישער געניאַלער מאָלער רעמבראַנד האָט געהערט צו די בונטאַרישע געשטאַלטן אין דער מאָלעריי. מען קען אים פֿאַרגלייכן צו אַ צווייטן האָלענדער, דעם שרייבער מולטאַטולי, וואָס האָט געשריבן מיט בלוט. ער וואָס האָט אָנגעשריבן די נייע עוואַנגעליע פֿון „פֿרייהייט, ליבע און שיינקייט״, און ווען עס האָט זיך באַוויזן זיין ערשט ווערק „מאַקל האַוועלאַר״ האָט אַ דעפּוטירטער פֿון האָלענדישן פּאַרלאַמענט דערקלערט: „אַ שוידער האָט דורכגענומען דאָס גאַנצע לאַנד!״ דאָס זענען די בירגערלעכע פּיליסטערס פֿאַרציטערט געוואָרן פֿאַר דעם צעשטערער פֿון די הייליקע טראַדיציעס, מיט זייער זאַטער צופֿרידנקייט, וואָס זיי קענען רייך ווערן פֿון די גרויזאַמע עקספּלאָאַטאַציעס, איבער די קאָווע פּלאַנטאַציעס אין יאַוואַ און אַנדערע האָלענדישע קאָלאָניעס. און זיי האָבן געציטערט פֿאַר דעם אמת, וואָס אָט דער גרויסער שרייבער האָט דערציילט דער וועלט.

ביידע געניאַלע קינסטלערס מולטאַטולי, דער דיכטער און

שרייבער און דער אומשטערבלעכער קינסטלער רעמבראַנד,ביידע הייסע פלאַמיקע הערצער מיט ברענענדיקער ליבע צום מענטש. צוויי בונטאַרע גייסטער מיט אַליידנשאַפטלעכע פאַראַכטונג צום קליינלעכן געלט־מענטש, מיט זיין קרעמערישן מאַראַל. רעמבראַנד האָט פון אייגענער דערפאַרונג דערקענט אָט די מענטשן, וואָס אַפילו ליבע מעסטן זיי מיטן ווערט פון געלט. אין זיין בילד „שמשון הגיבור״ ברענגט ער צום אויסדרוק די משפּחה פון זיין געליבטע סאַקאַיאַ, וועמען זיי האָבן געוואָלט שטערן זי זאָל הייראַטן דעם גרויסן קינסטלער, ווייל ער ווייסט ניט די קונסט פון מאַכן געלט. זעען מיר אויפן דאָזיקן בילד ווי דער קינסטלער־בונטאַר (שמשון הגיבור) וויל אויפהייבן זיין האַנט קעגן דעם טעמפּל פון די פּיליסטערס. אָבער ניט ער דער געניאַלער קינסטלער, נאָר זיי די פּיליסטערס האָבן געזיגט, די דינערס צום גאָלדענעם קאַלב, וואָס האָבן חרוב געמאַכט זיין לעבן. די זאַטע קרעמערס האָבן פאַרטריבן אים פון זיין היים און צוגערויבט זיינע בילדער. זיי האָבן באַרויבט אים פון ברויט און אַזוי ווי דעם דיכטער מולטאַטולי אַריינגעשליידערט אין דער גרעסטער נויט. ביידע האָבן זיי, כאָטש געלעבט אין אַנדערע צייטן, רעמבראַנד אין 17טן י. ה. און מולטאַטולי אין 19טן י. ה., האָבן אָבער ביידע אַרונטערגעריסן די מאַסקע פון די האָלענדישע, זאַטע קרעמער און ביידע האָבן געוויזן דאָס מאַראַלישע פּנים פון זייער צייט. אַמבעסטן קומט דאָס צום אויסדרוק אין רעמבראַנדס בילד, ווי משה רבנו צעברעכט, מיט גרימצאָרן, די שטיינערנע לוחות און מען זעט דאָרט דעם גרויסן מענטש אַ פאַראַטענער פון זיין אייגן פאָלק. דאָס זעלבע געפיל באַקומט זיך פון זיין כריסטוס, וואָס שטייט מיט מאַיעסטעטישער רואיקייט אַרומגערינגלט מיט אומריינע בליקן פון די ברוטאַלע מענטשן, וואָס האַסן אים אינסטינקטיוו, ווייל זיין גרויסקייט דערמאָנט זיי אין דער אייגענער נישטיקייט פון זייערע קליינע נשמות. דאָס זענען דאָך די זעלבע פּיליסטערישע נשמות, וואָס האָבן צעבראָכן דאָס לעבן פון דעם געניאַלן דיכטער אָסקאַר ווײַלד, יאָרן לאַנג געהאַלטן אים אין דעם רידינגער גיהנום.

ווי מיר זעען איז דאָ אַ קונסט, ס'איז דאָ אַ מאַלעריי, וואָס

האָט אַ סך צו זאָגן. עס איז דאָ אויך אַ קונסט, וואָס קאָפּירט ניט די נאַטור, נאָר זוכט אַרויסצוברענגען אין זייערע בילדער די נשמה פון מענטש. דאָס איז די פּסיכאָלאָגישע מאָלעריי פון וועלכע עס האָבן געהערט סאַשאַ שניידער און פעליסיען ראָפּ. זיי האָבן געשאַפן דעמאָנישע געשטאַלטן. אַזאַ בילד ווי סאַשאַ שניידערס: „דער מאמאן און זיין שקלאַף״ פאַרקערפּערט סימבאָליש דעם גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט. אין זיינע בילדער קומט אויך צום אויסדרוק זיין האַס צום מיליטאַריזם און צום ברוטאַלן דעספּאָטיזם, ווי מיר זעען דאָס איז אין זיינע בילדער „דער מעדאַל פון וואַטערלאָ״ און „די אָרדענונג הערשט אין וואַרשע״. אין ערשטן זעען מיר ווי צוויי העסלעכע געשטאַלטן האַלטן אַ מעדאַל אַרום דער קאַריקאַטור פון נאַפּאָלעאָנען אוןביידע מכשפות טאַנצן איבער די סקעלעטן פון די געפאַלענע פאַרן פאָטערלאַנד. פאַר דער מאָלעריי איז אוממעגלעך געווען צו פאַרשווייגן דעם פאַקט פון דער קאָרופּציע פון דער צייט, דער יסוד פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, וואָס באַדעקט מיט אירע שוואַרצע פליגלען די גאַנצע וועלט.

אויך אין דער סקולפּטור, איז אונטערן איינפלוס פון דער נאַטוראַליסטישער שולע פון באַלזאַק, זאָלאַ, פלאָובער און די אַנדערע, געקומען דער געניאַלער סקולפּטאָר קאָנסטאַנטין מעני, וואָס פון אָנהייב איז ער געווען באַצויבערט פון דער קלאַסישע־גריכישער קונסט, אָבער שפּעטער, ווען ער באַקענט זיך מיטן לעבן פון די אַרבעטער, נעמט ער שאַפן געשטאַלטן פון דער אָרעמקייט, וועמענס וואָרטזאָגער ער איז געוואָרן אין דער קונסט. מען קען ברענגען נאָך אַ סך ביישפּילן ווי ענג קונסט איז פאַרבינדן מיטן לעבן. אָבער ווען כ'בין אַריין אין אַ רייכע דירה און דערזען אויף דער וואַנט אַ בילד פון אַ באַוווּסטן היינטצייטיקן מאָלער, וועלכער הייסט זיך גוט באַצאָלן פאַר זיינע בילדער, און ווייסט איר וואָס עס איז געווען אויסגעמאָלן? — אַ ריבאייזן! יאָ אַ ריבאייזן. מער האָט דער מאָדערנער מאָלער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן? און אויב אַ מאָלעריי, האָט ניט וואָס צו זאָגן צי האָט זי רעכט צו עקזיסטירן?

אָנגעהויבן האָט עס זיך מיטן אַרויסטרייבן די ליטעראַטור פון

דער מאַלעריי אונטער דער לאָזונג — „ליטעראַטור איז דער שונא פון מאַלעריי״. געענדיקט האָט זיך דאָס מיטן פאַרטרייבן די מאַלעריי פון דער מאַלעריי.

מיר האָבן אין דאָזיקן מאמר ניט פּרובירט אַפילו צו ענטפערן אויף די פראַגע — וואָס איז אַזוינס מאַלעריי און וואָס דאַרף זי זיין. איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז אויך די מאַלערס קענען אויף דער פראַגע ניט ענטפערן. מיר דוכט זיך אַז די מאַלעריי, און ניט בלויז די מאַלעריי, פון איר אָנהייב ביז איצט, געפינט זיך נאָך אַלץ אין דער סטאַדיע פון עקספּערימענטירן. דעריבער איז דערווייל דער ענטפער, אַז די מאַלעריי דאַרף אונדז עפּעס זאָגן...

לייענדיק אַ בוך

ס'איז מיר לעצטנס אויסגעקומען צו לייענען וועגן לעבן פון דעם טאַלאַנטפולן פראַנצויזישן דיכטער אַרטור רעמבאָ. דאָס בוך האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ סך געדאַנקען. אַרטור רעמבאָ האָט געלעבט אין די יאָרן 1854—1891. אין גאַנצן 37 יאָר. אַ פּאָעט איז ער געוואָרן ביי 16 יאָר און זיין גאַנצע פּאָעטישע טעטיקייט האָט געדויערט ביז ער איז געוואָרן 20 יאָר. ד. ה. בלויז 4 יאָר. אָבער די לידער זיינע, באַזונדער זיין „שיכורע שיף״, געהערט צו די שטאַרקסטע שאַפונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור, דאָס האָט ער אָנגעשריבן זייענדיק בלויז 17 יאָר. ער האָט גלייך אַלס יונג יינגל באַקומען אָנערקענונג און אַ נאָמען אין דער וועלט־פּאָעזיע. זיין פּריוואַט־לעבן אָבער איז באַשטאַנען בלויז פון אַוואַנטורעס. אַלס יינגל אַנטלאָפן פון דער היים און ער הייבט אָן זיין אַוואַנטוריסטיש וואַנדער־לעבן, פון אַ בונטאַר וואָס געפינט זיך ניט קיין אָרט אין לעבן. אין זיין „אַ צייט אין גיהנום״ שילדערט ער דעם רייץ פון זיין בראַדיאַגעלעבן. דער באַרימטער פראַנ־צויזישער פּאָעט ווערלען, וועלכער איז געוועזן אַ סך עלטער פון אים, ווערט זיין באַשיצער און ווערט אויך דער, וואָס פירט אַריין דעם יונגן פּאָעט אין דער וועלט פון שיכרות, אויסגעלאַסנקייט און זינד. אויב מען קען די באַציאונגען צווישן דיביידע גרויסע

דיכטערס פון פראַנקרייך אָנרופן — פריינדשאַפט, איז דאָס אַ פריינדשאַפט פון טראַגישן כאַראַקטער. וויפל מאָל רעמבאָ האָט געוואָלט אַנטלויפן פון אָט דער „פריינדשאַפט". ענדיקט זיך דאָס דערמיט, וואָס ווערלען האָט צוויי מאָל געשאָסן אויף זיין יונגן „פריינד" און צום דריטן מאָל האָט מען ווערלענען געפונען אַ צעשלאָגענעם און צעבלוטיקטן.

נאָכן דערשטיקן די פּאַריזער קאָמונע איז ווערלען געצווּונגען געוואָרן, צוליב זיין אָנטייל אין דער קאָמונע, צו אַנטלויפן פון פּאַריז. נעמט ער מיט דאָס יינגל רעמבאָ קיין לאָנדאָן, ווו עס הייבט זיך פּאַר ביידן אָן אַ לעבן פון שיכרות, אויסגעלאַסנקייט און אַוואַנטורעס. ווער ווייסט וויפל ווונדערלעכע פּאָעזיע וואָלט געשאַפן געוואָרן, פון די ביידע גרויסע פּאָעטן, ווען זיי וואָלטן ניט געזונקען אין מאָראַלישע געפאַלנקייט. זיי זענען אָבער ניט געווען די איינציקע.

פראַנסואַ ווילאָן, דער גרעסטער פראַנצויזישער דיכטער, איז געווען אַ שיכור, אַ גנב און אַן אויסוווּרף, וואָס אויב מען האָט אים ניט געהאָנגען פאַר זיינע פאַרברעכנס, איז דאָס געווען זיין מזל. פּאָול ווערלען, דער צווייטער גרויסער דיכטער, האָט זיך געוואַלגערט שיכור אין די רינשטאָקן, כאָטש ער האָט באַרייכערט די פּאָעזיע מיט די ווונדערלעכסטע לידער. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן שאַרל באָדלער און אַרטור רעמבאָ און נאָך און נאָך אַזעלכע, אויך דער רוסישער פּאָעט יעסענין איז געווען אַ וואַגאַ־בונד און אונדזער אייגענער איציק מאַנגער?

ווען מען פאַרטראַכט זיך איבער דער דערשיינונג, וואָס שרייבער און פּאָעטן האָבן געטרונקען ניט נאָר פון די קוואַלן פון דער מוזע, נאָר אויך פון באַקכוס־בעכער און געבאָדן זיך אין די בלאָטעס פון אוממאָראַלישקייט, שטעלט זיך די פראַגע — צי דאָס איז דער פּרייז, וואָס דער טאַלאַנט מוז אָפּצאָלן דעם טייוול? איך מיין אַז דאָס זינקען אין מאָראַלישע אָפּגרונטן האָט ניט געשטאַרקט זייער טאַלאַנט נאָר פאַרקערט. אַלס באַווייז קענען אונדז דינען די הויך־שעפערישע און מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן דערגרייכט די העכסטע הויכן פון טאַלאַנט. גענוג

צו דערמאָנען אַזעלכע נעמען ווי טאָלסטוי, טשעכאָוו, איבסען, וואָס האָבן שטענדיק, אין אַלע צייטן אין זייערע ווערק אַרויס־גערוקט די שטימע פון דער מענטשלעכער נשמה. הוגאָס „זשאַן וואַל זשאַן" אָדער זיין „גלאָקנציער פון נאָטר־דאַם", אָדער ראָמען ראָלאַנדס אַנעטקע „די פאַרכישפטע נשמה", אָדער זיין „קאָלאַ בריאָן" וועלן אייביק שיינען און באַשיינען דעם מענטשלעכן גייסט, ליידער באַדט זיך היינט דאָס גייסטיקע לעבן אין דעם שמוץ פון די צייטונג־כראָניק און טרינקט איר מאָראַל פון די פּאָליטישע בלאַטעס.

זעט אויס אַז דאַך לאָזט די מענטשלעכע נשמה זיך ניט אין גאַנצן דערטרינקען. זי מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג צו עפּעס אַ מיסיע. שווער צו זאָגן צי דאָס זענען די לעצטע אַקטן אויפן שוועל פון דעם געפּאַר פון אונטערגאַנג אָדער פאַר דער באַנייאונג, פון אַ נײַ לעבן? די פּסיכאָלאָגיע ווייסט וועגן דעם גרויסן אָפּגרונט צווישן פאַרגאַנגענהייט און איצטיקייט, צווישן געדאַנק און געפילן. אַזאַ שרייבער ווי מעטערלינג האָט אונדז אַריינגעפירט אין דעם מיסטישן לאַנד פון אונדזער אייגענער נשמה, אין דעם סוד פון אונדזער עקזיסטענץ. אָט זאָגט אונדז מאַקסים גאָרקי אַז: „דער זין פון לעבן איז ניט די זעלבסטצופרידנקייט. דער מענטש האָט בעסערע אויפגאַבעס. דער זין ליגט אין דער שיינקייט, אין דער קראַפט פון אונדזערע שטרעבונגען. ווען עס זאָל קומען אַ מאַן מיט אַ פול האַרץ פון ליבע, מיט אַ בענקעוודיקער נשמה, אין אָט דער פאַרדומפּטער אַטמאָספער פון שעדלער, גייסטיקער פּחדנות, וואָלטן זיינע ווערטער געקלונגען, ווי אַ שטורעם־גלאָק, אַז די אָרעמסטע נשמות פון לעבעדיקע מתים וואָלטן פאַרציטערט געוואָרן". די בעסטע דיכטער האָבן קיינמאָל ניט געקענט פאַרטראָגן דאָס לעבן פון ברוטאַלקייט און פּיליסטישער פלאַכקייט און געזוכט זיך צו האַלטן פון ווייטנס פון דער געמיינקייט פון דער סביבה. שוין די גריכישע דיכטער פון דעם אַלטערטום האָבן געוועקט צו נשמה־לייטערונג. אין זייערע דראַמעס און טראַגעדיעס גערופן דעם מענטש, ער זאָל פאַרשטיין דעם טרויער פון זיינע ליידן און קאַמפן און זיין גורל ווי אַ פאַטום. אין אונדזער היימישער יידישער

ליטעראַטור האָט געלויכטן מיט די וווּנדערלעכע געשטאַלטן פֿון מענדעלע, פּרצן, שלום עליכם, רייזן, אַנסקי, מאָריס ראָזנפעלד, עדלשטאַדט, באָוושאָווער און אַלע אַנדערע וואָס האָבן אָנגעטאָן רום און כבוד דער יידישער ליטעראַטור.

אַוודאי זענען פֿאַראַן שרייבערס וואָס שרייבן אַן אַ סך ביכער, וואָס זאָגן גאָרניט. עס זענען פֿאַראַן דיכטער, וואָס שרייבן די שענסטע ווערטער, וואָס זאָגן אויך גאָרניט. די וואָס מיינען אַז דיכטונג דאַרף מען ניט פֿאַרשטיין נאָר פֿילן האָבן אַ גרויסן טעות. פֿילן קען מען נאָר אַזעלכע מוזעס וואָס מיר באַנעמען מיט אונדזערע חושים ווי מוזיק, וואָס מיר באַנעמען מיט אונדזער געהער און אַפֿילו מאָלעריי, וואָס מיר באַנעמען מיט אונדזערע אויגן. אָבער ווערטער פֿון דער ליטעראַטור און דיכטונג מוזן ווערן גוט דורכ־געקייעט אין אונדזער מוח. דאָס וואָס מיר באַנעמען מיט אונדזער שכל און מוח מוז דעריבער זיין שכלדיק און פֿאַרשטענדלעך. אין דער ליטעראַטור שפּיגלט זיך אָפּ די גרויע ווירקלעכקייט צוזאַמען מיט דער מיסטעריע פֿון אומבאַקאַנטע וועלטן, וואָס דער מאָדערנער מענטש פֿילט דאָס אַמשטאַרקסטן. אין יעדן מענטש געפֿינט זיך אַ באַהאַלטענער „איך", וואָס מאַניפֿעסטירט זיך אַמשטאַרקסטן אין אויסערגעוויינלעכע סיטואַציעס, סיי אין פֿאַרברעכערישע סיי אין העראָישע, ווי אין הומאַניטאַרע טאַטן.

ערגעץ, זעט אויס, אַפֿילו אין דער פֿאַרדאַרבנסטער סביבה זענען ניט געשטאָרבן די מענטשלעכע געפֿילן. זיי שפּילן אָפּט אַרויס מיט זייערע פֿיינסטע קלאַנגען אויף אומבאַמערקטע סטרונעס. מיט צאַרטע, ווייכע טענער פֿון וווּנדערלעכע מעלאָדיעס. דאָס קומט אַזוי שטאַרק צום אויסדרוק ביי אַ סך שרייבער און דיכטער, אַזוי ווי אין שאָפּענס מוזיק, ווי אין די בילדער פֿון אומשטערבלעכן רעמבראַנד. זיי אַלע רעדן מיט דער זעלבער שפּראַך פֿון פֿלאַמיקע הערצער, מיט ברענעדיקע ליבע, ווי מיט ליידנשאַפֿטלעכע פֿאַראַכטונג צום שקר. די ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פֿון שעקספּירן, לערנט אונדז צו פֿאַרשטיין דאָס לעבן און זי דרינגט אַריין אין די טיפֿענישן פֿון דער מענטשלעכער נשמה. ביי די העלדן פֿון דאָסטאָיעווסקין, פּשיבישעווסקין און אַ סך אַנדערע גייט אָן אַ שטאַרקער אינער־

לעכער גערּאנגל צווישן געפיל און פֿאַרשטאַנד. עס פֿילט זיך לייענדיק די טראַגעדיע פֿון דעם וואָרט, וואָס איז צו אָרעם צו שילדערן די טיף דעמאַנישע זייטן פֿון דער מענטשלעכער פּסיכיק, ביים ווענלן אויסדרוקן די העכסטע געפֿילן פֿון גליק, אָדער טיפֿסטע געפֿילן פֿון לייד און שמערצן. דערפֿאַר דינען אָפֿט, ווערטער, ביי געוויסע דיכטער, צו פֿאַרדעקן דעם מאַנגל פֿון געדאַנקען.

דערפֿאַר זענען אַזוי ריכטיק די ווערטער פֿון אַנאַטאָל פֿראַנס, ווען ער זאָגט מיטן מויל פֿון זיין העלד בערעזשע צו זיין הונט: „דו ווייסט ניט אַז דאָס וואָס ברענגט כבוד און גדולה פֿאַר אַ פֿאָלק זענען ניט די נאַרישע קולות וועלכע קלינגען אויף די גרויסע עפֿנטלעכע פּלעצער, נאָר די שטילע געדאַנקען וועלכע ווערן געבוירן אין די דאַך־שטובן. אין איין שיינעם טאָג וועט דאָס געבן דער ערד אַן אַנדער פּנים". גרויס זענען די שרייבער, וואָס פֿאַרמאָגן אַזאַ פֿלאַמיקן סאַרקאַזם און בליציקע איראָניע ווי אַנאַטאָל פֿראַנס, וואָס מאָלט אונדז די טראַגעדיע פֿון די געזעצן פֿון אונדזער ציוויליזאַציע מיט אַזעלכע קלוגע ווערטער: „פֿאַרן געזעץ זענען אַלע מענטשן גלייך, די רייכע ווי די אָרעמע איז פֿאַרווערט צו נעכטיקן אונטער די בריקן, צו בעטלען אויף די גאַסן און צו גנבענען ברויט".

ליידער פֿאַרשרייט היינט די פּאָליטיק די וווּנדערלעכסטע שטימען פֿון דער ליטעראַטור, פֿאַר וועמען עס ווערט אַלץ שווערער אָנצוהאַלטן איר קינסטלערישע באַשיידנקייט. די שרייבער־ציניקער, אָנשטאָט סענסיווקייט און ראָמאַנטישקייט, ברענגען אַריין אין דער ליטעראַטור קאָמערצישקייט און רעקלאַמע צוזאַמען מיט סענסאַציע, סעקס, מאָרד און סאַדיזם. טייל שרייבערס שעפּן זייערע טעמעס בלויז פֿון די מיסטקאַסטנס פֿון לעבן. אמתע גרויסע ווערק זענען צו גרויס זיי זאָלן קענען אַריינקריכן אין די קעפּ פֿון די פֿיליסטערס. האָט טאַקע ריכטיק געזאָגט איינער פֿון די ברידערס גאָנקאָר אַז: „שיין איז דאָס אַלץ וואָס רופֿט אַרויס אַנטיפּאַטיע ביי די פֿיליסטערס". איז טאַקע היינט ניטאָ קיין סך אָרט פֿאַר אַ הומאַנער און הויך גייסטיקע ליטעראַטור. די דורכשניטלעכקייט וואָס האָלט אָפּ איר טריאומף אין לעבן דרינגט טיף אַריין אין דער ליטעראַטור

אין דער טעכניק און וויסנשאַפט, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַנט צום דינסט פון שטן מקטרג פון דער פאַרדאַרבענער פּאָליטיק, באַמיט זיך אויך צו ווערן די וואָרט־זאַגער פון דער ליטעראַטור.

דערפאַר דאַרף מען דרייסט זאָגן, אַז אָן אַ מאָראַלישער הויך, אָן אַ חוש פאַר סאָציאַלן יושר, אָן דרייסטע און הומאַנע געדאַנקען, קען ניט זיין קיין גוטע שרייבערס און גוטע ליטעראַטור. אַוודאי וועט ווער פרעגן — ווער האָט דאָס באַשטימט אַז ליטעראַטור מוז זיין מאָראַליש און די שרייבערס מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן? עס זענען דאָך אויך דאָ ניט־מאָראַלישע שרייבערס, אויך שרייבערס וואָס זענען גאָר קיין מענטשן ניט און דאָך האָבן זיי געשאַפן גרויסע ווערק און שיינע דיכטונג. איז דער ענטפער, אַז נאָר ווערק מיט אַ טיף מאָראַלישן און גייסטיקן ווערט בלייבן אייביק. די אַנדערע ווערן פאַרוועלקט, אָפּגעווישט און פאַרגעסן. מעגן אַזעלכע שרייבערס האָבן די גרעסטע טאַלאַנטן, בלייבן זייערע ווערק נוצלאָז פאַר דער ליטעראַטור און פאַרן מענטש. דאָס זעלבע קומט פאַר אין דער מוזיק און מאָלעריי. מאָדעס קומען און פאַרגייען, אייביק בלייבן די ווערק, וואָס באַרייכערן דעם מענטשלעכן געדאַנק, מיט די אייביקע אידעאַלן פון יושר און פרייהייט.

באַזונדערס דאַרף דאָס געזאָגט ווערן וועגן דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור, וועלכע דאַרף הייליק היטן די שענסטע טראַדיציעס פון די פריערדיקע גרויסע יידישע שרייבערס און יידישער ליטעראַטור, וואָס זענען אויך ניט שטאַרק געפּיעשטשעט געוואָרן, אויך ניט געהאַט צופיל לייענערס און דאָך האָט זי געשאַפן עפּעס גרויסעס... דער היינטיקער יידישער שרייבער אָדער דיכטער טאָר ניט די גאַנצע שולד פון מאַנגל אין לייענערס אַרויפוואַרפן אויף דעם חורבן, אויך ער מוז נעמען אויף זיך אַ געוויסן שולד, וואָס דער מיושבדיקער יידישער לייענער רירט זיך ניט צו צו אַ בוך פון אַ היינטצייטיקן יידישן שרייבער. די יידישע שרייבערס, וואָס שרייבן היינט „איך שרייב וועגן דיר אַז דו זאָלסט שרייבן וועגן מיר" טאָרן גאָר ניט זיין לעכערלעך אָנגעבלאָזן, ניט זיין קיין כבוד־כאַפּערס און ניט טראָגן קיין מאַסקע. עס איז ווייניק צו וויינען אויף דער

גורל פון יידישן בוך. עס איז וויכטיק זיך אָפּצוזאָגן פונעם ציניש ביטול פון איין שרייבער צום צווייטן. באַזונדער די וואָס קומען מיט שאַרפע עלעבויגנס און מיט מאָגערע געדאַנקען; בעסער שאַפן גוטע ליטעראַטור אַנשטאָט זאָרגן פאַר אַ גוט גלעט פון אַ „קריטיקער" און זוכן איינקאַסירן פאַר זיך כבוד און אַ ביסל „אומשטערבלעכקייט", וואָס וועט קיינמאָל ניט קומען, צו די וואָס זענען פויל צום טראַכטן און שאַפן. נאָר אַ גוטע ליטעראַטור קען ברענגען אַ גוטן לייענער.

מאַרטין בובער

וועגן מאַרטין בובערן איז אַ סך שוין געשריבן געוואָרן. וועגן בובערן אַלס פילאָזאָף, אַלס דערציִער, וועגן זיין באַציאונג צו רעליגיע אָבער זייער ווייניק איז געשריבן געוואָרן וועגן בובערס געזעלשאַפטלעכע איבערצייגונגען, וועגן זיין אידעישער קרובהשאַפט מיט פּרודאָנען, קראָפּאָטקינען און זיין נאָענטסטן פריינד, דעם טעאָרעטיקער פון דייטשן אַנאַרכיזם גוסטאַוו לאַנדאַוער. אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענטרעף געווידמעט בובער, וואָס איז פאָרגעקומען אין באר־שבע אין 1978 יאָר, האָט מען פאַרגעשטעלט בובערן פאַר אַ רעליגעזן טעאָלאָג און קיין וואָרט איז דאָרט ניט געזאָגט געוואָרן וועגן זיינע סאָציאַלע געדאַנקען. איז גאָר ניט קיין וווּנדער, וואָס זיין אייניקל האָט, נאָכן קאָנגרעס, אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג „הארץ" שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן פעלשן די געדאַנקען פון איר גרויסן זיידן.

אין בובערס בוך „שטעגן אין אוטאָפּיעס" (דערשינען אויך אין יידיש) טרעפן מיר בובערס אַ שאַרפע קריטיק איבער מאַרקסן און ענגעלסן און ער אידענפיציִרט זיך דאָרט מיט די געדאַנקען פון פּרודאָנען, קראָפּאָטקינען און באַזונדער מיט גוסטאַוו לאַנ־דאַוערן.

מאַרטין בובער האָט אין דער דייטשישער שפּראַך פאַרעפנטלעכט

אַ סך ווערק פון אַ הויך גייסטיקן און ליטעראַרישן ווערט. ער האָט דאָס צוזאַמען מיט ווייצמאַנען געשאַפן דעם פּלאַן פון אַ העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים און איז מיט 50 יאָר שפּעטער באַלוינט געוואָרן מיטן טיטל „דאָקטאָר כבוד" פון ירושלימער אוניווערסיטעט.

ווערנדיק אַלט 26 יאָר פּאַרלאָזט בובער זיין פּאָליטישע טעטיקייט אין דייטשלאַנד און פאַרנעמט זיך מיט אַ פאָרש־אַרבעט איבער חסידיזם. ער זעצט דאָן איבער די סיפּורים פון נחמן ברעסלאַווער און די אגדות פון בעל־שם־טוב אויף דייטש און רופט דערמיט אַרויס אין דער אייראָפּעישער קולטור־וועלט אַ גרויסן אינטערעס צום חסידיזם. אין די יאָר 1909 קערט זיך בובער צוריק צו זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און גיט רעפעראַטן אויף דער טעמע „יידנטום און יידן", „יידנטום און מענטשלעכקייט" און „די באַנייאונג פון יידנטום". די רעפעראַטן פאַרשאַפן אים אַ גרויסן איינפלוס אויף דער יידישער יוגנט באַזונדער אויף דער יוגנט אין מזרח־אייראָפּע. אין 1916 גרינדעט ער דעם זשורנאַל „דער יודע" אין דייטשלאַנד, וואָס ווערט דער אָרגאַן פון באַנייטן יידנטום. אין דער צייט איז בובער אויך אַקטיוו אין יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין דייטשלאַנד לטובות דעם מזרח־אייראָפּעישן יידנטום, וואָס זענען אונטערגעפאַלן אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע אין זייער לאַגע, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז געווען אַ גאַנץ טרויעריקער.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה קומט פאָר אַ שטאַרקע אידעישע דערנענטערונג און אַ גרויסע פריינדשאַפט צווישן בובערן און דעם יידיש־דייטשישן טעאָרעטיקער פון אַנאַרכיזם גוסטאַוו לאַנדאַוערן, וואָס האָלט אָן ביזן טראַגישן טויט פון לאַנדאַוערן, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דורך די צעיושעטע נאַציאָנאַליסטישע דייטשע אָפיצירן.ביידע אַרבעטן פאַר דעם פרייען סאָציאַליסטישן געדאַנק אין דייטשלאַנד און בובער וועקט, אין דער צייט, אויף ביי לאַנדאַוערן אַ גרויסן אינטערעס צו די פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק, וואָס זענען פאַר דעם טיף אַסימילירטן לאַנדאַוער געווען אין גאַנצן פרעמד. אַ דאַנק בובערן און צוזאַמען מיט בובערן פאַרנעמט ער זיך מיט אויסאַרבעטן

פּלענער פּאַר בויען דעם ישוב אין דעמאָלטיקן ארץ־ישראל אויף קאָלעקטיווע יסודות.

אין 1920 נעמט בובער אָנטייל אויף דער קאָנפערענץ פון „הפועל הצעיר" אין פּראַג, ווו ער קלערט אויף זיין סאָציאַליסטיש־ציוניסטישן געדאַנק, זיין אידעאַל פון אַ פרייוויליקער „שותפות"־געזעלשאַפט. אין קעגנזאַץ צו די מאַרקסיסטן, זעט בובער ניט אין דער מלוכה דעם ווירקזאַמען מיטל צו דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם אין ארץ־ישראל. די מלוכה איז ניט דער אָרגאַן, וואָס זאָל דערפירן צו דער באַנייאונג פון יידישן לעבן און ניט צו פאַר שטאַרקן די באַציאונגען צווישן אדם לחברו. אויף אָט דעם צוזאַמענפאַר טרעפט זיך בובער צונויף מיט א. ד. גאָרדאָן, וועלכער האָט אויך זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון גוסטאַוו לאַנדאַוערן און ביידע פערזענלעכקייט, בובער מיט גאָרדאָנען האָבן געפונען צווישן זיך אַ געמיינזאַמע שפּראַך און געמיינזאַמע צילן.

נאָכן טראַגישן טויט פון גוסטאַוו לאַנדאַוערן אַנטוויקלט בובער ווייטער די לערעס פון פּרודאָנען, קראָפּאָטקינען און לאַנדאַוערן. באַזונדער דעם געדאַנק אַז אין די מלוכה־ראַמען קען ניט געשאַפן ווערן דער סאָציאַליזם נאָר חוץ אָדער נעבן דער מדינה, מיט אָט דער פראַגע פאַרנעמט ער זיך ברייט אין זיין בוך „שטעגן אין אוטאָפּיע". בובער האָט מיט גרויס סימפּאַטיע באַגלייט דעם געדאַנק פון קיבוצים, וואָס האָבן אייגענטלעך באַדאַרף זיין די פּרוכט פון די געדאַנקען פון בובערן, ווי פון פּרודאָנען, קראָפּאָטקינען און לאַנדאַוערן און ער שרייבט: „איך זע אין דער אויסוויקלונג פון געוואַגטער אונטערנעמונג (די קיבוצים) פון יידישן פאָלק א מוסטערהאַפטן ניטדורכפאַל". און בובער זעט אין דעם קיבוץ „אַן אוממיטלבאַרער דורכפירער פונעם סאָציאַליזם, ווי דער פּראָ־טאָטיפּ פון דער נייע געזעלשאַפט; מ'האָט זיך געשטעלט ווי אַ ציל צו שאַפן אַ נייעם מענטש אין אַ נייער וועלט". מען דאַרף זיך באַקענען מיט דעם בוך צו זעען ווי ענג בובער איז געבונדן מיט דעם אַנאַרכיסטישן געדאַנק, אָט נעמען מיר אַזעלכע פון אים ווערטער: „מיר מוזן אָנהייבן, דאָס איז באַשיינפּערלעך, מיטן איינשטעלן אַ וויטאַלן שלום, וועלכע זאָל צונעמען ביים „פּאָליטישן

פּרינציפּ די סוּווערניטעט איבער דעם געזעלשאַפטלעכן פּרינציפּ. און וויסן דאַרף מען, אַז דעם דאָזיקן ציל קאָן מען ניט דערגרייכן דורך קיין שום פּאָליטישע אָרגאַניזאַטאָרישע שטיק. נייערט בלויז דורכן שטאַרקן ווילן פון די מענטשן און די פעלקער צו עקס־פּלואַטירן און פאַרוואַלטן בשותפות דעם פּלאַנעט ערד, לויט זייערע טעאָריעס לויט זיינע עשירות אין רוי־שטאָף און לויט זיין באַפעלקערונג, ס׳פּאַסירט אָבער, אַז גראָד דאָ, גראַד פון דאַנען, דראָט אַ גרעסערע סכנה, ווי אַלע ביז איצטיקע, — די סכנה פון גרענעצלאָזן, אומבאַשרענקטן מאַכט־צענטראַליזם, וועלכע זאָל פאַרשלינגען אַלע פרייע געמיינדעס, יעדע פרייע געזעלשאַפטלעכ־קייט. עס האַנדלט זיך אין דעם מען זאָל די ערד ניט איבערגעבן אין רשות פון פּאָליטישן פּרינציפּ״.

בובערס פרייהייטלעכער, הומאַנער און סאָציאַליסטישער ציוניזם דריקט זיך גאָר שטאַרק אויס אין זיי באַציאונג צווישן יידישן און אַראַבישן פאָלק. אויף דעם 21טן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט בובער פאַרגעלייגט און ס׳איז אָנגענומען געוואָרן די פּאָל־גענדיקע רעזאָלוציע, ווו עס זאָגט זיך — „אין די היסטאָרישע צייטן פון צוריקקער צו זיין אַלטער היים, דערקלערט דאָס יידישע פאָלק זיין ווילן צו לעבן אין באַציאונגען פון שלום און ברודער־לעכקייט מיטן אַראַבישן פאָלק און אַנטוויקלען דאָס בשותפותדיקע היימלאַנד, ווו ביידע פעלקער זאָלן האָבן די מעגלעכקייט פון פרייער אַנטוויקלונג״.

און בובערס ווייטערדיקע טעטיקייט איז טאַקע געווען צו זוכן בסדר אַ וועג צו אַ פאַרשטענדיקונג מיטן אַראַבישן פאָלק. דאָס איז אייגנטלעך געווען זיין ציל ווען ער האָט געגרינדעט די „פראַקציע פון דעמאָקראַטישן ציוניזם״, וואָס האָט געשטעלט זיך אין דער אָפּאָזיציע צו הערצלען אויף דעם פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס. שוין זייענדיק שפּעטער, פון 1938, פּראָפעסאָר פון ירושלימער אוניווערסיטעט. איז בובער צוזאַמען מיט פּראָפ. מאַגנעס אַלץ ווייטער טעטיק פאַר אַ יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדעניש און קאַמף קעגן דעם שאָוויניזם און פעלקער־האַס ביי ביידע פעלקער.

אין 1923 פאַרעפנטלעכט בובער זיין באַרימט בוך „איך און דו" און שפּעטער זיין בוך „דיאַלאָגיש לעבן". וואָס שטעלט אים אַוועק צווישן די וויכטיקסטע פילאָזאָפן פון עקסיסטענציאַנאַליזם און צווישן די וויכטיקסטע אייראָפּעישע דענקערס.

אין 1925 דערשיינט זיין, צוזאַמען מיט ראָזנצווייגן, די ערשטע בענדער פון זייערע איבערזעצונג פון תנ"ך אין דייטש. אין תנ"ך האָט בובער געפונען אַ גרויסן אָנשפּאַר פאַר זיינע אַנאַרכיסטישע געדאַנקען. ער האָט אין דער יידישער רעליגיע געפונען אַנטי־אויטאָקראַטישע און אַנטי־הערשערישע טענדענצן און געדאַנקען, וואָס ער האָט אָפט ציטירט אין זיינע ביכער. ער האָט געשעפּט זיינע הומאַנע געדאַנקען, ניט בלויז ביי די נביאים, נאָר אויך פון תנ"ך און קבלה. ער האָט דאָרט געפונען גרויסע מאָראַלישע ווערטן, ער האָט אויך ברייט געשעפּט פון חסידיזם זייער אָפּטימיזם, התלהבות, סאָלידאַריטעט, וואָס אויך די חלוצישע באַוועגונג האָט פון זיי געירשנט. דער חלוציזם האָט פאַר בובערן באַדייט אַ באַוועגונג פון פרייוויליקער זעלבסטפאַרווירקלעכונג, קאָנסטרוקטיווער סאָציאַליזם, קאָלעקטיוויזם און זעלבסטפאַרוואַלטונג. אין גייסט פון די לערעס און אידעאַלן פון קראָפּאָטקינען און לאַנדאַוערן. איז טאַקע בובערס השפּעה היינט באַזונדער שטאַרק ביי די דייטשישע, שווייצאַרישע און יאַפּאַנישע אַנאַרכיסטן, וואָס גייט געפּאַרט מיט דער סימפּאַטיע צו ישראל און צו דער קיבוצישער באַוועגונג.

בובערס ראַדיקאַלע סאָציאַלע איבערצייגונגען האָט אים גאָר ניט געשטערט צו זיין מיט טויזנטער פעדעם פאַרבינדן מיט זיין פאָלק, און ליב האָבן זיין פאָלק און זיין לאַנד ישראל. אָט וואָס ער האָט געשריבן: „איך וויל אַ גאַנץ ניי לעבן, אַ לעבן פאַר מיר, פאַר דעם פאָלק אין מיר, פאַר מיר וואָס אין פאָלק. ווייל דאָס יידנטום האָט ניט בלויז אַן עבר; יאָ, נישט געקוקט אויף אַלץ וואָס עס האָט געשאַפן מיין איך. דאָס יידנטום האָט קודם־כל נישט אַ פאַרגאַנגענהייט, נאָר אַ צוקונפט. איך מיין: דאָס יידנטום איז אין אמתן נאָך נישט דערגאַנגען צו זיין אויפטו, צו זיין ווערק, און די גרויסע כוחות, וואָס לעבן אין דאָזיקן טראַגישסטן און אומ־

באַגרייפֿלעכסטן פֿון אַלע פֿעלקער, האָבן נאָך נישט געזאָגט זייער העכסט־אייגן וואָרט אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט".

— „ווען איך בין געווען אַ קינד, האָב איך געלייענט אַן אַלט יידישע לעגענדע, וואָס כ'האָב נישט געקענט פֿאַרשטיין. ‚פֿאַר די טויערן פֿון רוים זיצט אַ קרעציקער בעטלער און וואַרט. ער איז משיח, דעמאָלט בין איך צוגעגאַנגען צו אַן אַלטן מאַן און געפֿרעגט: אויף וואָס וואַרט ער?' און דער אַלטער מאַן האָט מיר געענטפֿערט עפּעס, וואָס כ'האָב דאָן נישט פֿאַרשטאַנען, נאָר ערשט שפּעטער געלערנט צו באַנעמען, ער האָט געזאָגט: ‚אויף דיר'."

בובער האָט געזוכט טרייסט אין יידישע ספרים ער האָט אָבער זייער גוט פֿאַרשטאַנען אַז די נביאים און זייער נבואה איז דער גרעסטער פּראָטעסט קעגן דער יידישער ווירקלעכקייט איז אויך די לערע און פֿילאָזאָפֿיע פֿון בובערן געווען צו ענדערן די יידישע ווירקלעכקייט. זיין ציל איז געווען אַרויספֿירן דאָס פֿאָלק אויך פֿון גייסטיקן גלות. ווייל ניט משיח וועט אונדז אויסלייזן, נאָר משיח וואָרט „אויף דיר", מיר זאָלן אַליין זיך אויסלייזן. אָבער אויסלייזן דאָס פֿאָלק און די וועלט מיינט דאָך — סאָציאַליזם. אָבער בובערן איז געווען קלאָר אַז דער הערשנדיקער סאָציאַליזם איז באַנקראָט. נאָך דעם ווי דער באָלשעוויסטישער סאָציאַליזם הערשט כמעט איבער אַ פֿערטל טייל פֿון דער וועלט און דער א.ג. „דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם" הערשט אויך אין אַ סך לענדער אָבערביידע פֿאַר־קערפֿערן מיט זיך די ריזן־מלוכה. „וואָס דאַרף זיין די דערפֿילונג פֿון מענטשלעכן חלום, פֿון ברודערשאַפֿט צווישן מענטשן. ווערט אָבער איטלעך וועזן געדריקט פֿון דער מאַכט, פֿון דער צוזאַמענ־גענומענער מאַכט פֿון די פֿאַרוואַלטערס פֿון אַט דער מלוכה." און אַט ווי בובער שילדערט אונדז אַט די אויסגעחלומטע מאַכט, וואָס די אַרבעטער האָבן אַליין אויפֿגעשטעלט אויף די באַריקאַדן פֿון רעוואָלוציעס און זענען „באַפֿרייט" געוואָרן. „סמיינט, זיי זענען מער ניט קיין אַרבעטערס ביי אונטערנעמערס פֿון פֿלייש און בלוט, וואָס האָבן אַלנפֿאַלס געהאַט די מאַכט בלויז אויף די הענט פֿון די אַרבעטערס ביי דער אַרבעט. זענען זיי אָבער איצט געוואָרן קנעכט ביי דעם גרעסטן פֿון אַלע אונטערנעמערס. דעם מלוכה־

אונטערנעמער, און דער האָט אַ מאַכט אַפּילו אויף זיינע קינדער־יאָרן. ער האָט אַ מאַכט אויפן אויסזען פון זייער לעבן און אויף די מחשבות פון זייער האַרץ... אמת, מ'האָט זיי געגעבן דאָס רעכט צו גלייבן, אַז זיי אַליין זענען עס די מלוכה, ווייל זייערע „פאַר־וואַלטערס' הערשן דאָך איבער איר. מ'האָט זיי געגעבן דאָס רעכט צו גלייבן אַז זיי זענען פרייע מענטשן. ביז וואַנען די שרעק ווייזט זיי נישט דאָס פאַרקערטע. דער מאָנסטער האָט פאַרשטעלט זיך פאַר אַ משיח און די מענטשן גלייבן אים. ניין זיי גלייבן שוין נישט, אָט ווי קענען זיי גלייבן היינט נאָך דעם באַרימטן צוזאָג פון „אונטערגיין' (אָפּשטאַרבן) פון מעכטיקן מלוכישן מעכאַניזם (לענין „מלוכה און רעוואָלוציע'). קיין שום זאַך, אַפילו נישט דער קלענסטער אויפטו, באַווייזט נישט אויף דער לייבסטער גרייטקייט צו אַזאַ אונטערגאַנג. און ווי קען עס גאָר איינפאַלן דעם מאָנסטער מיט זיין אייגענעם ווילן צו רעגונסירן?"

ווער איז דאָס דער מאָנסטער? „די ריזן־מלוכה, וואָס אין איר ווירקט מיט זיין גאַנצער קראַפט די אכזריותדיקע הערשאַפט פון דער אַבסטראַקציע „מלוכה' — דער דאָזיקער קעלטסטער מאָנסטער פון אַלע מאָנסטערס" (ניטשע), איבער מענטשן, איבערן דאָזיקן שטיק פלייש און בלוט, איבער דאָזיקן שטיק לעבן און טויט, איבער דאָזיקן שטיק ציטערנדיקער ממשותדיקייט, איבער אַלע געביטן פון דעם זיין" (בובער. גוסטאַוו לאַנדאַוער אין דער איצטיקער צייט).

אָט ווי גוט בובער האָט געקענט דעם דאָזיקן מלוכישן סאָציאַ־ליזם: „...אָבער אין דאָזיקן סאָציאַליזם זייערן טרעפן זיך ווידער אַלע געשטאַלטן פון קאַפּיטאַליזם און פון דעם געזעצן־צוים. און אַזוי שפּאַנען זיי פאָרויס ביז צו דער פולקאָמער פאַרווירקלעכונג פון דער שטרעבונג צו גלייכקייט, אַזוי ווערט אויך דער פּראַ־לעטאַריער פון דער קאַפּיטאַליסטישער געשעפטס־אונטערנעמונג פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָלעטאַריער פון דער מלוכה" (1911).

בובער ווען ער שרייבט וועגן די געדאַנקען פון גוסטאַוו לאַנדאַוערן פילן מיר ווי זיינע אייגענע געדאַנקען אידענפיצירן זיך מיט די געדאַנקען פון זיין פריינד. עס לאָזט זיך גאָר ניט גלויבן אַז בובער, דער פאָרשער פון חסידיזם, זאָל נישט האָבן געקענט

דעם באַזינגער פון חסידיזם — י. ל. פּרצן, וועלכער האָט געהאַט זיין נביאישן בליק אויפן סאָציאַליזם. אין זיין באַרימטן קורצן מאמר „האָפענונג און שרעק", דריקט ער אויס זיין גרויסן פּחד, וואָס אַנשטאָט אַ סאָציאַליזם פון פרייהייט וועט קומען אַ דעספּאָטישער סאָציאַליזם. ער זאָגט דאָס מיט די ווערטער: „אַלס זיגער קענט איר די ביוראָקראַטיע ווערן. אויסצוטיילן יעדן זיין ביסן, ווי פּאַר אָרעמע לייט אין הקדיש, אָפּמעסטן יעדן זיין אַרבעט, ווי לעקציעס אויף קאַטאָרגע. און איר וועט פּאַרטיליקן דעם באַשאַפער פון אַ נייע וועלט — דעם פרייען מענטשלעכן ווילן, און פּאַרשיטן דעם ריינסטן קוואַל פון מענטשלעך גליק — ווייטער זאָגט ער: „און די גערעכטיקייט, וואָס האָט באַגלייט אויפן דאָרנדיקן און בלוטיקן וועג צום זיג, וועט אייך פאַרלאָזן, און איר וועט ניט מערקן. דערצו זענען זיגער און הערשער בלינד, און איר וועט זיגער און הערשער זיין. און אין וועט זינקען אין אומגערעכטיקייט, און איר וועט ניט פילן דעם זומפּ אונטער אייערע פיס. פעסט פילט זיך יעדער הערשער, כל זמן ער איז ניט געפאַלן."

אָט ווי ער פאַל זיך צונויף די געדאַנקען פון די צוויי גרויסע יידישע גייסטער: דער פּאַרשער־פילאָזאָף און דער דיכטער־דענקער בובער און י. ל. פּרץ.

דער גאָרטן פון עפּיקור

איינער פון די פאַרנעמסטע דענקער פון דער אַנטיקער וועלט, וועמענס לערע לייכט אַריבער איבער דורות ביזן היינטיקן טאָג, פון וועמען עס שטאַמט דאָס וואָרט אַפּיקוירעס, וואָס איז פאַרהאַסט געווען ביי אַלע רעליגיעס, איז געווען דער גריכישער פילאָזאָף עפּיקורוס. דעם נאָמען עפּיקורוס טרעפט מען צום ערשטן מאָל ביי יוסיפון פלאַוויוס אין זיין „קדמוניות". אין דער משנה ווערט פאַר די אַפּיקורסים אָפּגעזאָגט זייער חלק אויף עולם הבא. פאַר אַלע רעליגיעס איז עפּיקורוס געוואָרן אַ זידל־וואָרט און ביי יידן איז פאַר עפּיקורסות, אוריאל אַקאָסטאַ און ברוך שפּינאָזאַ אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין חרם. וויפל טראַגעדיעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין יידישע משפּחות, ווען אַ זון אָדער טאָכטער איז געוואָרן אַן עפּיקורוס.

עפּיקור איז געווען איינער פון די גרויסע דענקער, וואָס די מענטשהייט האָט אַרויסגעגעבן. ער האָט געלעבט אַרום דריי הונדערט יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, ווען די גריכישע פילאָזאָפיע האָט דערגרייכט צו איר העכסטער בליאונג אָבער דאָס לאַנד האָט פאַרלוירן איר אומאָפּהענגיקייט און דאָס פאָלק — איר פרייהייט. האָבן דאַן גריכישע אינטעלעקטואַלן זיך אָנגעכאַפּט אין דער סטאָאישער פילאָזאָפיע. כאָטש די דאָזיקע

שולע פון זענאָן אין קיטאָ האָבן געלייגט דעם גרעסטן אַכט אויף דער עטיק און האָבן געהערט צו די ערשטע הומאַניסטן, האָבן זיי אָבער געפּערעדיקט רעזיגנאַציע, וואָס רופט דעם מענטש זיך צו באַפרייען פון זיינעליידנשאַפטן, פון פרייד, גענוס און לעבנס־אינסטינקטן, וואָס פירט צו פּאַסיווקייט און אַפּאַטיע.

דעמאָלט באַווייזט זיך עפּיקור, אַ זון פון אַ שול־לערער. ער קויפט אָפּ אין אַטען אַ גאָרטן און עפנט דאָרט זיין באַרימטע פילאָזאָפישע שולע. צווישן זיינע שילער האָבן זיך געפונען אויך פרויען און שקלאַפן. כאָטש דאָס רופט אַרויס אַ שאַרפע קריטיק ביי זיינע קעגנערס, נעמט עפּיקור פּרעדיקן דאָס פאַרקערטע פון די סטאָיקער, נעמליך: אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט איז פאַרן מענטש, אויך די נאַטור. ער רופט צו לעבנס־פרייד, צום ערדישן גענוס, צו חושימדיקע און גייסטיקע תענוגים. דער מענטש דאַרף זיין פריי און פרייהייט דאַרף גיין געפּאָרט מיטן רעספּעקט צום לעבן. גליק, לערנט עפּיקור, באַשטייט פון הנאה און לוסט, וואָס איז דאָס נאַטירלעכע פון די מענטשלעכע שטרעבונגען. זיין כלל איז געווען „אַז פוסט איז די פילאָזאָפיע, אויב זי היילט ניט די ליידן פון מענטש". אין קעגנזאַץ צו די סטאָיקער אָנערקענט ניט עפּיקור די נויטווענדיקייט פון פליכט, ווי דאָס אונטערדאָרדענען זיך פון יחיד צום כלל. די לערע פון זיין עטיק איז דאָס פּראַקטישע און איר אויפגאַבע איז צו דערגרייכן דעם וווילזיין און גליקזעליקייט פונעם יחיד.

עס איז פאַלש די מיינונג אַז לוסט מיינט ביי אים אויס־געלאַסנקייט און פוסטע פאַרגעניגנס. נאָר פאַרקערט, לוסט איז ביי אים באַגרענעצט דורך אַ געפיל פון געמעסיקייט, ווי אַ גייסטיקער פאַרגעניגן. ווי סאָקראַטעס האָט ער געהאַלטן אַז פוסט איז די וויסנשאַפט, וואָס זאָרגט ניט פאַר דעם מענטשלעכן גליק. די וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען האָבן נאָר דאַן אַ זין ווען זיי שטעלן זיך עטישע צילן. און ער האָט געלערנט זיינע תלמידים די קונסט פון אַ שכלדיקן, ראַציאָנעלן לעבן, מיט פאַרגעניגנס, וואָס האַרמאָניזירן מיט שכלדיקייט, מיט אינטעליגענץ און מעסיקייט. אַ פאַרגעניגן פון גייסט, וואָס שטייט העכער פון קערפּערלעכע

פאַרגעניגנס, מיט אַ מאָראַל און עסטעטישער הנאה. זיין פילאָזאָפיע פון געניוס איז געווען מער אַ געניוס פון פילאָזאָפיע.

דער ציל פון זיין פילאָזאָפיע איז געווען — דאָס מענטשלעכע גליק. אין אַ בריוו צו מענאָיקעון זאָגט ער: „זאָל קיינער ניט זאָגן אַז די צייט פאַר פילאָזאָפיע איז נאָך ניט געקומען אָדער זי איז שוין אַוועקגעפלויגן, דאָס איז גלייך ווי מען וואָלט געזאָגט, אַז די צייט פון גליק איז נאָך ניט געקומען. פילאָזאָפיע איז אַ נויטווענדיקייט פאַר יונג און אַלט. ביי די עלטערע יאָרן דינט דאָס צו בלייבן יונגנטלעך און אָן שום מורא צו גיין אַנטקייגן דאָס וואָס דאַרף קומען". עפיקור וואַרפט אָפּ יעדן אַסקעטיזם. לעבן מיינט אַקטיווע עקזיסטענץ, וואָס גייט געפּאָרט מיטן נאַטירלעכן באַגער נאָך גליק. דאָס שטרעבן נאָך גליק געהערט צו די מענטשלעכע טוגנט. מיט שטרעבן צו גליק פּרעזערווירן מיר אונדזער זיין. דאָס שטרעבן צו גליק גייט געפּאָרט מיט טוען זאַכן וואָס זענען נוצלעך. דאָס באַפרידיקן דעם באַגער נאָך פרייד און פאַרגעניגן איז אַזוי נויטיק ווי דאָס שטילן דעם הונגער אָדער דורשט. אויב דורשט און הונגער שאַדענען אונדזער פיזישן עקזיסטענץ, צעשטערן, קרעבצן, טרערן און שרעק אונדזער גייסטיקן גלייכגעוויכט. די דאָזיקע געדאַנקען טרעפן מיר אויך אין שפּינאָזעס „עטיק", ווו ער זאָגט: „ס'איז פאַרן חכם דעריבער צו ציען נוצן פון זאַכן, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך פון זיי הנאה צו האָבן". ווייטער זאָגט שפּינאָזאַ: „מענטשן ווען מענס לעבן ווערט געפירט דורך אייגענע באַגערן אָדער גלוסטונגען ברענגען דער גוזעלשאַפט מער געווינס ווי שאָדן".

די כהנים פון די רעליגיעס האָבן געפּעלשט זיין לערע און געמאַכט פון עפּיקורן דעם סימבאָל פון אויסגעלאַסנקייט. פון זינדיקער תאווה און דעם באַגריף אַפּיקוירעס פאַר אַ שם גנאי. זיי האָבן זיין לערער פאַרגעשטעלט פאַר אַ פלאַכן ציניזם, פון אַ פולן מאָגן און ליידיקן קאָפּ. דאָס איז אפשר געווען די נקמה פון די טעאָלאָגן, וועלכע האָבן אים ניט געקענט מוחל זיין, וואָס ער האָט געלערנט, אַז עס איז צוועקלאָז צו גריבלען זיך אין דעם באַגריף — גאָטהייט, ווייל מען קען דאָס מיט שכל ניט דער־

גרונטעווען. עפיקור האָט אייגענטלעך קיין זאַך ניט געלייקנט, אויך ניט אין די געטער. ער איז ניט געווען קיין הערעטיקער נאָר אַ צווייפלער. ווען מען צווייפלט אין אַ גלויבן אָדער אין אַן אידעע מיינט דאָס ניט אַז מען פירט קעגן דעם אַ מלחמה. מען קען צווייפלען און בלייבן טאָלעראַנט. דער צווייפלער האַלט ניט פאַר געפערלעך ווען אַן אַנדערער טראַכט אַנדערש פון אים, אָדער האָט אַן אַנדערע אילוזיע פון אים. דער קעגנזאַץ צום צווייפל איז דער פאַנאַטישער גלויבן. צווייפלען לערנט טראַכטן ווען פאַנאַטיזם באַגרענעצט דעם געדאַנק און פירט צו האַס און שינאה.

אין עפיקורס צייטן האָבן פילאָזאָפן זיך געגריבלט אין די סודות פון עקזיסטענץ .דער גלויבן אין געטער האָט געבוירן אָבערגלויבנס, וואָס האָט צוגערויבט די שלוות־נפש און דאָס געמיטלעכקייט. האָט טאַקע עפיקור געלערנט אַז עס איז לייכטער צו שאַפן די וועלט ווי צו דערקלערן. איז צו וואָס מיסברויכן מיטן שכל און זוכן דאָס וואָס לאָזט זיך ניט דערקלערן? אפשר דערפאַר זענען צו אונדז ניט דערגאַנגען עפיקורס ווערק, ווייל עס האָט זיך געפינען ווער עס זאָל זאָרגן זיי זאָלן ניט דערגיין. דערגאַנגען זענען נאָר אַ פּאָר פראַגמענטן און בלויז די נעמען פון אַ מאַסע ביכער און הונדערטער אַרבעטן. אַ דאַנק דעם רוימישן דיכטער־פילאָזאָף לוקרעציוס קאַרוס, (געלעבט 98—54 פאַר קר. צייט־רעכענונג), וועלכער האָט אין זיין פּאָעמע „דע נאַטוראַ רערום" (וועגן נאַטור און זאַכן), וואָס באַשטייט פון זעקס ביכער אונדז באַקענט מיט דער לערע פון עפיקורן, וועמענס גרויסער אָנהענגער און פאַרזעצער לוקרעציוס איז געווען.

עפיקורס וועלט־באַנעם איז געווען אַ מאַטעריאַליסטישע, ער האָט אָנגענומען דעמאָקריטס לערע פון אַטאָמען. ער האָט אויך געלייקנט אַז דער וועלט־סיסטעם האָט עפּעס אַ ציל, געלייקנט אין דעטערמיניזם. וועגן דעמאָקריטס קאָנצעפּציע וועגן „נויטווענ־דיקייט" האָט ער געזאָגט: „שוין בעסער נאָכצופאָלגן" דעם מיטאָס וועגן געטער, איידער דאָס שקלאַפישע קלאַמערן זיך אין דעם פאַטום פון דער נאַטורוויסנשאַפט. אָבער דער עיקר פון זיין פילאָזאָפיע איז געווען די עטיק. וואָס ער האָט געבויט אויף אַ

נאַטוראַליסטישן און אינדיווידואַליסטישן יסוד. דאָס העכסטע גוטס האָט ער געהאַלטן איז דער פאַרגעניגן, דער מענטש דאַרף זיך באַפרייען פון אַלץ, וואָס שטייט אים אין וועג צו פאַרגעניגן. טוגנט, גוטע מידות זענען נויטיק, ווייל זיי דערמעגלעכן דאָס געניסן פון העכסטן גוטס; פון נחת רוח און גליקזעליקייט. פאַר־געניגן איז דער נאַטירלעכער ציל פון אַלץ וואָס לעבט. זיין געזעלשאַפטלעכע לערע האָט געלערנט אַז די געזעלשאַפט באַשטייט פון יחידים, וועמענס טואונגען דאַרפן זיין אין הסכם מיט די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט. דער „פּרינציפּ" פון צופרידנקייט דיקטירט דעם מענטש צו זיין אויך גערעכטיק, ניט בלויז צוליב דער מורא פאַרן טויט אָדער פאַר די געטער, נאָר פאַר די אַנדערע מענטשן. גערעכטיקייט איז געבונדן מיט נוצן, כדי ניט צו ברענגען קיין שאָדן דעם אַנדערן מענטש. עפּיקור, וואָס האָט געפּרעדיקט לוסט אין פאַרגעניגן איז אַליין געווען גאָר באַשיידן און באַנוגנט זיך מיט ברויט און וואַסער. ער האָט אָבער קיינמאָל, פאַר אַנדערע, ניט געפּרעדיקט קיין „ברויט און וואַסער מאָראַל".

לויט לוקרעציוס קאָרוס אויסטייטשונג האָט עפּיקור פאַרשטאַנען די מענטשלעכע געזעלשאַפט ווי אַ פאַראייניקונג, אָדער פאַרבינדונג פון מענטשן דורך פריינדשאַפט און ליבשאַפט. דאָס איז אָבער צעשטערט געוואָרן, ווייל דער וווקס פון עשירות, פון פּריוואַט־אייגנטום און מלחמות האָבן אָפּגעשוואַנקען די פּערזענלעכע אייגנשאַפטן. דעריבער איז דאָס גלייכסטע זיך צוריקציען, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך, צוריק צו די צייטן ווען מען האָט געלעבט אַ ניט־שטאַטן געזעלשאַפט, ווייל דער שטאַט איז דער גרעסטער צעשטערער פון פריינדשאַפט; די פריינדשאַפט, וואָס האָט עקזיסטירט ביזן אויפקום פון דער פּאָליטישער געזעלשאַט איז דורכן שטאַט צעשטערט געוואָרן. דער ציל פון דער פּאָליטישער געזעלשאַפט, אַלס רעזשים פון מאַכט, איז געבויט אויף דער קאָנקורענץ פון איין מענטש מיטן אַנדערן. פאַר עפּיקורן איז פריינדשאַפט די העכסטע טוגנט. צוריק אויפשטעלן אַזאַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט קען מען נאָר אינערווייניק אין דער עפּיקורישער געזעלשאַפט, ווי אַ פרייוויליקע געמיינדע.

ווען מען וויל אַקטואַליזירן עפּיקורס לערע דאַרפֿן מיר זוכן די סיבות פֿאַר וואָס מוזן מיר היינט לעבן אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון קאָנקורענץ און עקספּלאָאַטאַציע, פֿון מאָרד, פֿאַרברעכן און מלחמות? פֿאַר וואָס לעבן מיר אין אייביקער שפּאַנונג, זאָרג און פּחד פֿאַרן מאָרגן; אין אַ געזעלשאַפֿט ווי עס איז צעשטערט געוואָרן דער האַרמאָנישער גלייכגעוויכט, די סאָלידאַריטעט צווישן מענטשן, ווי עס איז ניטאָ מער קיין פֿרייד און גליקזעליקייט? עפּיקור האָט געהערט צו די גרויסע גייסטערס, פֿון אַלע צייטן, וואָס האָבן געזוכט אַ רפֿואה קעגן דעם שלעכטס און אַ מיטל צו לייזן די קאָמפּליצירטע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש. צווישן מענטש און דער געזעלשאַפֿט; וואָס האָבן גוט פֿאַרשטאַנען אַז דער מענטש איז שלעכט, אַגרעסיוו און אַנטי־סאָציאַל אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון צוואַנג און אומיושר אָבער אין אַ פֿרייער, יושרדיקער און הומאַנער געזעלשאַפֿט וועט דער מענטש זיין פֿרידלעך, סאָלידאַריש און שעפֿעריש. און זיי האָבן געזוכט דעם וועג צו אַזאַ געזעלשאַפֿט.

עפּיקור וואַרפֿט אָפּ די אָרגאַניזירטע געזעלשאַפֿט אין פֿאָרם פֿון אַ שטאַט און ווי די סטאָיקער איז ער קעגן יעדן אָרגאַניזירטן צוואַנג און שינאה. דער מענטש דאַרף ניט זיך מקריב זיין פֿאַר קיין שום גלויבן אָדער אָבערגלויבן, ניט פֿאַר די וועלט און, ניט פֿאַר „יענער וועלט״, ניט דעם היינט. פֿאַרן מאָרגן, ער דאַרף זיין דער האַר איבער זיין אייגענעם גורל.

דער אַפּאָסטאָל פֿון עפּיקורס פֿרייהייטלעכע לערע איז געווען דער רוימישער פּאָעט לוקרעציוס קאַרוס וואָס איז געבוירן געוואָרן 98 יאָר פֿאַר דער קר. צייט־רעכענונג און צו זיין 44־טן יאָר באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ער האָט געהערט, ווי זיין לערער. עפּיקור, צו די גרויסע פֿריידענקערס־אַטעיסטן. זיינע וווּנדערליכע דיכטונג האָט מעכטיק געווירקט צו דער פֿאַרשפּרייטונג און צום פֿאַרשטיין די עפּיקורישע פֿילאָזאָפֿיע. די מערסטע דיכטער אין יענער צייט זענען טאָקע געווען עפּיקוריסטן. אָבער לוקרעציוס, דער גרויסער באַזינגער פֿון דער פֿרייהייט. און דעם גלויבן אין מענטש, האָט באַגייסטערט באַזונגען זיי רבין מיט אַזעלכע שורות:

עפּיקורוס, אייביקער שטאָלץ פון גריכנלאַנדס פעלקער,
וועלכער האָט אין די טונקעלע, פינצטערע נעכט
פון די גייסטער
מעכטיק געשלייערט די פאָקל פון שטראַלנדיקן גלאַנץ
און געוויזן אונדז די שיינקייט פון פריידיקן לעבן.
נאָך דיר אומשטערבלעכער, כ'גיי אין דיינע וועגן,
אויף וועלכע דו, אַלס וועג־ווייזער, ביסט געגאַנגען,
ווייל ס'האָט ניט דעם מוט צו גיין פאַר דיר דיין שילער,
ווייל ס'איז מיר ליבער צו זיין דיין נאָכפאָלגער,
דו האָסט מיט קראַפט פון דיין גייסט מיט דער נאַטור
אונדז באַקענט,
און אָנגעפילט מיין נשמה מיט שטאָלץ און מיט פרייד.

די אומשטערבלעכע פילאָזאָפישע פּאָעזיע פון לוקרעציוס קאַרוס האָט געהאַט אַ טיפן פילאָזאָפישן און מאָראַלישן ווערט. דאָס באַווייזט אַז שוין מיט צוויטויזנט יאָר צוריק האָט דער פרייער מענטשליכער געדאַנק זיך געראַנגלט קעגן אַלע עקזיסטרנ־דיקע רעליגעזע פינצטערנישן. זי האָט געהאַט קעגן זיך די מעכטיקע כוחות פון באַגרענעצטקייט און אַבערגלויבנס און צו באַזיגן די אומוויסנקייט, וואָס האָט געהערשט איבער די ריזיקע מאַסן פון יענער צייט. אויך היינט איז נאָך די פינצטערניש ניט פאַרטריבן געוואָרן, עס וועט נאָך קאָסטן גענוג אָנשטרענגונג און אידעאַליזם די פינצטערע כוחות צו פאַרטרייבן און ברענגען פאַר די פעלקער דאָס שטראַלנדיקע ליכט פון וויסן און פון פרייען געדאַנק. אויב דאָס וועט אַמאָל ענדלעך געלונגען וועט די מענטשהייט ניט פאַרגעסן וואָס צו דעם האָבן בייגעשטייערט די גרויסע פריידענקערס עפּיקור און לוקרעציוס קאַרוס.

איסיים

יעדע געזעלשאַפטלעכע אידעע זוכט שטענדיק זיך אָפּצושפּיגלען אין דער רעטראָספּעקציע, יעדע צוקונפט־וויזיע רופט צוהילף די שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט. די מאָדערנסטע אידעען האָבן שוין עקזיסטירט אין דער ווייטסטער פאַרגאַנגענהייט; די שפּורן פון די מאָדערנסטע פילאָזאָפיעס דאַרף מען זוכן אין די פילאָזאָפיעס פון אַלטן גריכנלאַנד, פּערסיע, כינע און ביי יידן.

די געפונענע מגילות אין די אויסגראָבונגען אין קומראַן, ביים ים המלח, וואַרפט אַ גאַר אינטערעסאַנטע ליכט אויף דער באַוועגונג פון די איסיים. אין אַ חורבה אין קומראַן איז געפינען געוואָרן אַ גאַנצע ביבליאָטעק מיט אַלטע פּאַרמעטן, מיט מאַנוסקריפּטן, דאָקומענטן און בריוו. די שפּראַך פון די דאָקומענטן זענען: העברעיִש, אַרמעיִש און גריכיש. און צום סוף 1952 איז אַנטדעקט געוואָרן אַ נייער קוואַל פון אַלטע מאַנוסקריפּטן, אַ 4—5 מייל ווייטער פון קומראַן. פאַרשטענדלעך איז מיר וועלן זיך דאָ ניט פאַרנעמען מיט דער אינטערעסאַנטער געשיכטע פון די אויס־גראָבונגען און די אַלע אַנטדעקונגען, וואָס זענען דערמיט פאַרבונדן. מיר ווילן בלויז אויפמערקזאַם מאַכן אויף דער דערשיינונג פון דער עקזיסטענץ פון דער פילאָזאָפישע סעקטע ביי יִדן, וועמענס אידעען מען דאַרף היינט פאַרשן און זיי פאַרשטיין. עס איז בלויז צו

באַדויערן, וואָס געוויסע ישראל־פֿאָרשערס באַטראַכטן די איסיימשע לערע פֿאַר אַ פֿרעמדע און ניט יידישע. אַפֿילו די טעאָרעטיקער פֿון דער קיבוצישער באַוועגונג ווייזן אַרויס אַ קאַרגע פֿאַראינטע־רעסירונג צו דער באַוועגונג, וואָס האָט שוין מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געלעבט אין קאָמונעס.

דער נאָמען „איסיים" ווערט צום ערשט מאָל געבראַכט אין ספר „יוסיפון" דאָס איז אַ פֿאַרקירצטע באַאַרבעטונג פֿון פֿלאַוויוס און אַנדערע געשיכטע־קוואַלן. דער נאָמען אין גריכיש „עסאאי" באַדייט פֿרומקייט און הייליקייט. קיינער קען ניט אָפּלייקענען אַז די גייסטיקע פֿאָטערס פֿון די איסיים זענען געווען די נביאים. פֿון זיי האָבן די איסיים געלערנט, אַז הערשאַפֿט איז מאַכט איז אַ זינד. פֿילאָן פֿון אַלעקסאַנדריע דערציילט וועגן זיי, אַז זיי לעבן אין קליינע ישובים און גיבן זיך אָפּ מערסטנס מיט אַגריקולטור, זיי פֿירן אַ געמיינשאַפֿטלעך לעבן, זיי זאָגן זיך אָפּ פֿון מסחר און פֿון אָנזאַמלען רייכטימער, ווייל מסחר און רייכטומער שאַפֿן שינאה און קינאה, גנבה און גזלה. שקלאַפֿעריי איז ביי זיי געווען אַ פֿאַרברעכן קעגן די געזעצן פֿון גאָט און דער נאַטור. גאָט האָט אַלע מענטשן באַשאַפֿן ווי ברידער די איסיים זענען געווען געטרייע לערנערס פֿון דער תורה און אין גאָט האָבן זיי געזען דעם האַר פֿון גוטס און גערעכטיקייט. אַלע זייערע עטישע מידות און מנהגים האָבן זיי פֿאַרשריבן אין זייערע „סרכים", די קאָנסטיטוציע־ביכער, ווי אין דעם „סרך היחיד" און אין די „מגילת ברית דמשק". פֿון די נביאים האָבן זיי געלערנט אַרויסצוטרעטן קעגן די עוולות פֿון די תקיפים און הערשער און גערופֿן צו יושר און שלום צווישן פֿעלקער. פֿון דעם היסטאָריקער דובנאָוו לערנען מיר, אַז „די גרונט אידעע פֿון די נביאים איז באַשטאַנען אין דעם אַז דער לעבנס־קראַפֿט פֿון אַ נאַציע ליגט ניט אין דער פּאָליטישע טעטיקייט פֿון דער מלוכה נאָר אין דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון העכסטן אידעאַל פֿון גערעכטיקייט און זיטלעכע זעלבסטשטענדיקייט פֿונעם יחיד, אין דער געזעלשאַפֿט. שטאַרקע פּאָליטיש־מיליטערישע נאַציעס זענען פֿאַרשלונגען געוואָרן דורך נאָך שטאַרקערע און מער רויבערישע, ווען שוואַכע, אָבער גייסטיק שטאַרקע, ווייזן אַרויס דורנדיקע לעבנס־קראַפֿט".

די איסיים אָדער, ווי זיי האָבן זיך גערופן חסידים, זענען אַנטשטאַנען ביי יידן אין סוף פון דער חשמונאים־תקופה. אין דער צייט פון הורדוסן, ווען די מלכים פון יהודה האָבן אונטערטעניק געדינט צו די רוימישע אָקופּאַנטן און האָבן אויך אומבערחמנותדיק אונטערגעדריקט דאָס אייגענע פאָלק. זענען טאַקע די איסיים געווען די קאָנסעקווענטע קעגנער פון יעדער מאַכט און מלוכה. די איינציקע מלוכה וואָס זיי האָבן אָנערקענט איז געווען די הימלישע מלוכה. זיי האָבן ניט אָנערקענט קיין פּריוואַט־אייגנטום, ניט קיין געלט. ניט געגעסן קיין פלייש, ניט געטרונקען קיין שאַרפע געטראַנקען און געהאַסט אויסגעלאַסנקייט, וואָס האָט, אין יענער צייט, אַרומגעכאַפּט די שיכטן פון די רייכע. דער היסטאָריקער יוסף קלויזנער שרייבט אַז „די איסיים זענען געווען שונאים פון די רייכע און פון הערשערס. זיי זענען אָבער געווען די גרעסטע פּאַטריאָטן וואָס זענען אויפגעקומען ביי יידן פון די חשמונאים ביז צו בר־כוכבא" (קלויזנער „ישו הנוצרי"). דער געלערנטער קלויזנער האָט אָבער געמאַכט אַ טעות פאַרגלייכנדיק זיי צו די היינטיקע באָלשעוויקעס, ווייל זיי זענען, אין קעגנזאַץ צו די באָלשעוויקעס געווען אינ־דיווידואַליסטן מיט טיף עטישע פּרינציפּן, פּאַציפיסטן, מיט אַ שינאה צו מאַכט און שטאַרקער ליבע צו פרייהייט. מיט די אַלע אייגנשאַפטן קען מען דרייסט זיי פאַררעכענען פאַר די ערשטע אַנאַרכיסטן ביי יידן.

די יידן האָבן זיך אין ארץ־ישראל געטיילט אויף צדוקים, פּרושים און איסיים. צו די צדוקים האָט געהערט די נאַציאָנאַלע אַריסטאָקראַטיע און רעליגעזע פּלוטאָקראַטיע. אַליין היפּש אסי־מילירט אין דער גריכישער קולטור האָבן זיי געהאַלטן די תורה פאַר אומבאַרירלעך און פאַר זייערס אַ פּריווילעגיע. די פּרושים ווידער האָבן אין דער תורה געזען אַ לעבעדיקע קאָנסטיטוציע, וואָס לאָזט זיך טייטשן, אויסברייטערן און צופּאַסן צו די נייע באַדער־פענישן אויב די צדוקים האָבן געשטיצט די כהנישע הערארכיע און געהאַלטן, אַז דאָס פאָלק איז ניט ראוי מען זאָל זיי לערנען תורה און האָבן קאָלאָברירט און זיך אַסימילירט מיט דער העלעניס־טישער קולטור, האָבן די פּרושים פאַרקערט, געאַסרט אַלץ וואָס

איז פרעמד — זיי זענען געווען קעגן פרעמדע מנהגים, פרעמדע ווייבער און פרעמדע געטער. האָבן דאַן די איסיים, צווישן די פּאַרטייען פון אַסימילאַציע און עקסטן נאַציאָנאַליזם, יאָ אָנגענומען פרעמדע איינפלוסן, נאָר זיי פאַריידישט. זיי האָבן אָנגענומען אוניווערסאַלע אידעען און דאָך געבליבן נאַציאָנאַל יידיש. אויב די צדוקים האָבן געפּריידיקט — „נהיה ככל הגויים" און די פּרושים — „נהיה עם סגולה", האָבן די איסיים אָנשטאָט זיין אַן אויסדערוויילט פאָלק געשטרעבט צו ווערן אויסדערוויילטע מענטשן. אויב די צדוקים זענען געווען אַריסטאָקראַטן פון אָפּשטאַט זענען די פּרושים געווען די אַריסטאָקראַטן פון גייסט די וואָס זענען אָבער געשטאַנען אויף דער זייט פונעם פאָלק זענען געווען די איסיים. כאָטש זיי האָבן געלעבט איזאָלירט, ניט געמישט זיך אין דעם פּאַרטייאישן און פּאָליטישן קאַמף, וואָס איז דאַן אָנגעגאַנגען, און ניט אין פּאָליטישע אינטריגעס, זענען זיי אָבער, ווען עס האָט געדראָט אַ סכנה פאַרן פאָלק, געוואָרן די גרעסטע גבורים. דער תלמוד און אויך יוסיפוס פלאַוויוס, האָבן אַ סך לויב פאַר זייער גבורה. פון די איסיים שטאַמען די צוויי תנאים בן־בבא און רב חנינה, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט רב עקיבא געהערט צו די עשרה הרוגי מלכות און אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער טויט. די איסיים זענען געווען באַקאַנט מיט זייער ערלעכקייט, מיט זייער העלפן די אָרעמע און מיט זייער ריינקייט פון קערפּער (געטובלט זיך דריי מאָל אין טאָג) און מיט זייער ריינקייט פון געוויסן. די רייכע האָבן געהעצט קעגן זיי, ווייל זיי האָבן אין דרשות ווי אין שריפט געקעמפט קעגן הערשאַפט און קנעכטשאַפט; קעגן רוימישן אָקופּאַנט און קעגן דער יידישער אַריסטאָקראַטיע. כאָטש זיי זענען געווען ווייניק אין צאָל (אַרום 4 טויזנט משפחות), איז דאָך גרויס געווען זייער איינפלוס. צווישן די ספרים וואָס זיי האָבן געשריבן און זענען צו אונדז דערגאַנגען געפינען זיך דער: ספר היובלים, צבאות השבטים, ספר חנוך, עלית משה און אַנד. עס איז אויך וואַרשיינדלעך די מיינונג, אַז „קהלת" איז זייערס אַ קאָלעקטיווע שאַפונג און אַז די אַנאַרכיסטישע געדאַנקען וועגן אַ מלך אין דעם ספר „שמואל א" ווי אויך די אַלעגאָריע וועגן „דאָרן־בוים" זענען דורך זיי אַריינ־

געשריבן געוואָרן אין תנ״ך, וואָס איז נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין אָפּגעשלאָסן ווערק. מען האָט אין די אויסגראָבונגען אין קומראַן געפונען פאַרשידענע ווערסיעס פון תנ״ך. די איסיים האָבן אויך געווירקט אויף די שפּעטערדיקע דורות, אויף דער גאולה־באַוועגונג, משיחיזם און קבלה. זיי האָבן די ערשטע גערופן צו שטעלן דאָס האַרץ העכער פאַרן שכל, דאָס געפיל העכער פאַר די טויטע געזעצן און זיי, די ערשטע חסידים, זענען געווען די פאָרגייער פון דעם מאָדערנעם חסידיזם מיט איר פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער. איז טאָקע שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס ווילן די פאַרשידענע יידישע געלערנטע דווקא צושרייבן די איסיים אַ ניט־יידישן גייסט?

אַ טייל יידישע געלערנטע פאַרשפּרייטן אויך די מיינונג, אַז דער קריסטנטום שטאַמט אַרויס פון די איסיים. ווען דאָס איז אמת, וואָלט דאָס אויך גאָר ניט אַראָפּגענידערט דעם כבוד פון אָט דער באַוועגונג. אמת אין אָבער, אַז דאָס קריסטנטום האָט די איסיים צו פאַרדאַנקען זייער שינאה צו שקלאַפעריי, ווי אויך די באַגריפן פון משיח־צייטן און „עולם הבא״, ווי אויך די „טויזנט יעריקע מלוכה״. דער אונטערשיד צווישן זיי און דעם קריסטנטום איז אַ צו גרויסער, מען זאָל אין זיי זעען די פאָרגייער פון קריסטנטוס. זיי די איסיים־חסידים זענען געווען אַן אָפּגעשלאָסענע סעקטע אַרומגערינגלט מיט אַ גדר פון תקנות, האָבן ניט געטאָרט האָבן צו טאָן מיט פרעמדע, ניט מישן זיך מיט זיי און זיך ניט חברן, ווען יעזוס האָט, פאַרקערט, פאַרבראַכט מיט אַלעמען, מיט זיי געגעסן און געטרונקען, אַפילו מיט אַ זינדיקער פרוי. פאַר די איסיים — חסידים איז דער שבת געווען שטרענג אָפּגעהיטן, ווען ביי די יידן — קריסטן איז דאָס ניט געווען אַזוי. ווען די איסיים האָבן שטרענג געהיטן זייערע עטישע פּרינציפּן, האָבן די קריסטן אָפּאָרטוניסטיש זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פּרינציפּן. עס איז גענוג געווען זיך אָפּטובלען און דערמיט ווערן אַ קריסט. דעם קריסטנטום איז געגאַנגען אין וואָס מער פאַרשפּרייטן זיך און וואָס מער מאָסן דעראָבערן און דערמיט האָבן זיי דערטרונקען זייערע פּרינציפּן אין דעם ים פון געצנדינערישער וועלט. אויב די איסיים זענען געבליבן די קעגנער פון יעדער ערדישער מאַכט, האָבן די קריסטן

פּאַראַטן אויך אָט דעם פּרינציפּ און (ווי מיר זעען דאָס אין פּאַוולס „בריוו צו די רוימער") האָבן זיי גערופן אונטערטעניקייט צו דער הערשנדיקער מאַכט, ווייל עס איז ניטאָ, האָבן זיי געזאָגט, קיין ממשלה, וואָס זאָל ניט זיין פון גאָט.

די איסיים וואָס האָבן טאָג־טעגלעך געלעבט מיט זייערע עטישע פּרינציפּן, זענען געווען עדות, אַז די הערשערס, די קעניגלעכע דינאַסטיעס און די כהנים, וועלכע האָבן געקרוינט זיך אַלס די היטער פון געזעץ און באַשיצער פונעם פאָלק, זענען געווען דער מקור פון מאָרד און פאַרברעכנס. די כהנישע הערארכיע האָט געמאַכט פון דער רעליגיע אַ פּרנסה און זענען געוואָרן די פאַרשפּרייטער פון אויסגעלאַסנקייט און זינד און די פאַרשווועכער פונעם גלויבן. דאָס האָט ביי די איסיים רייף געמאַכט דעם געדאַנק פון אַ געזעלשאַפט „אָן הערשאַפט", וואָס היינט, נאָך צוויי טויזנט יאָר, ווערט פון טייל באַטראַכט פאַר אַן אוטאָפּיע. אָבער די פּאַטאַליסטישע פילאָזאָפיע מיט אַ מיסטישער באַפאַרבונג האָט ניט געשטערט די איסיימער צו ווערן די פּרעדיקער פון דער דאָזיקער אוטאָפּיע. זיי האָבן אָבער קיינעם זייער גלויבן ניט אָנגעוואָרפן. די זינד און דאָס שלעכטס פון דער וועלט האָבן זיי געזוכט אויסצוּוואָרצלען דורך זיך אַליין איבערדערציען.

אַ גאָר באַזונדער קאַפּיטל זענען די „סקריקין" (סקרי מיינט קינדזשאַל) זיי שטאַמען אַרויס פון די איסיים און האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פון די איסייִשע פּרינציפּן, חוץ פון דעם פּאַציפיזם. זיי זענען געווען מיליטאַנטישע און פאַרביסענע קעמפער קעגן דער רוימישער אָקופּאַציע. זיי זענען אָבער געבליבן געטריי דעם איסייִשן פּרינציפּ, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך, אַז קיינער טאָר איבער דעם צווייטן ניט הערשן און קיינער פאָר ניט זיין וועמענס אַ קנעכט. אויב די קנאים מיט יוחנן פון גוש חלב האָבן, ווי די פּרושים, געזען דער עיקר פון זייער קאַמף אין דער באַפרייאונג פון פרעמדן יאָך, האָבן די סקריקינער זיך ניט געוואָלט אויך אָפּזאָגן פון קאַמף קעגן די יידישע אונטערדריקערס. זייערע קעמפער בר־גיורא, בן יהודה און בן יאיר האָבן געוואָלט די סאָציאַלע פראַגע לייזן צוזאַמען מיט די פּאָליטישע. זיי די עקסטרעמע איסיים האָבן געהאַלטן אַז

דאָס אָפּשאַפן די אומגלייכהייט איז דער ערשטער באַדינג פאַרן קומען פון משיחן. די רוימער האָבן זיי געהאַלטן פאַר באַנדיטן און גזלנים. זיי זענען אָבער געווען גרויסע פּאַטריאָטן, געטרייע זין פון זייער פאָלק, העלדישע קעמפערס פאַר פרייהייט און יושר.

די לערע פון דער סעקטע פון קומראַן, די איסיים, האָט געהאַט אין זיך אַ סך אַנאַרכיזם. זי האָט אָבער געהאַט אויך אַנטי־אַנאַרכיסטישע טענדענצן. אין דער ערשטער ריי איר אַנטי־סאָלי־דאַרישקייט מיטן פאָלק. אין איר רעליגעזן פאַנאַטיזם האָבן זיי זיך, וואָס שטאַרקער אָפּגעגרענעצט פון דעם פאָלק, שטעלנדיק אַ חיץ צווישן זיך, די פרומע און חסידים, און דעם ישראל החוטאת, דאָס זינדיקע ישראל. ווען גראָד דאָס קריסטנטום האָט איינגעשטעלט אַ סאָלידאַריטעט פון דער ישראלדיקער אָרעמקייט ווי מיט דער אַלגעמיינער אָרעמקייט פון אַנדערע פעלקער. דאָס אַליין איז שוין אַנטי־אַנאַרכיסטיש. ווייל פאַרן אַנאַרכיזם איז סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקע הילף, דאָס וויכטיקסטע פון אירע לערע. דאָס צווייטע איז געווען זייער איבערגעטריבענער אינדיווידואַליזם, וואָס האָט זיי געשטעלט, ווי אויסדערוויילטע און העכערע פונעם פאָלק, ווען ביי דעם אַנאַרכיזם באַדייט אינדיווידואַליזם דאָס פלעגן די רעכט פונעם יחיד. מאַכן פון דעם מענטש אויס סטאַדע־מענטש, ווי אַ פערזענלעכקייט, מיט אייגענעם ווילן און אייגענע געדאַנק, וואָס דאָס רייסט אים ניט אָפּ פון פאָלק נאָר פאַרקערט, פאַרבינדט אים מיט די אינטערעסן פון פאָלק און שטעלט אים אין קאַמף פאַר די אינטערעסן פון פאָלק. אַוודאי קען מען זיי מאַכן נאָך אַנדערע פאַרוואורפן, אָבער דאָס אַלץ באַרעכטיקט ניט צו שטעלן די איסיים אויסער די ראַמען פון פאָלק, נאָר פאַרקערט מען דאַרף זעען דאָס ליכט, וואָס האָט זיי פאַרוואַנדלט אין די ערשטע גרינדער פון קאָלעקטיוון און די ערשטע קעמפער קעגן מלוכישן צוואַנג קעגן קנעכטשאַפט און אונטערדריקונג. דערביי אויך גרויסע פאַטריאָטן און קעמפער קעגן דער פרעמדער אָקופּאַציע.

בלויז דער פאַקט אַליין, וואָס זיי זענען געווען קעגנער פון שקלאַפעריי (וואָס האָט אויך ביי יידן עקזיסטירט) גיט זיי אַ בכבודיק אָרט אין דער געשיכטע, פון יידישן און געזעלשאַפטלעכן געדאַנק.

האפענונג און שרעק

מיר לעבן אין אַזאַ קאָמפּליצירטער געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, בעסער געזאָגט אומאָרדענונג, וואָס פּילט אָן יעדן מענטש, וואָס האָט אַ שטיקל מוח און איז ניט פויל צום טראַכטן, מיט אַ סך ספקות און אַ סך פראַגע־צייכנס, אויף וועלכע מיר געפינען ניט קיין באַפרידיקנדע ענטפערס. קאָמפּליצירט זענען די באַציאונגען פון מענטש צו מענטש, פון מענטש צו דער געזעלשאַפט, צווישן דער געזעלשאַפט און דער מאַכט. אַלץ געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון תוהו־ובהו, ניטאָ קיין פעסטע באַגריפן, קיין זיכערע פונדאַמענטן אויף וועלכע מען קאָן זיך שטיצן. ניטאָ אָנגענומענע געדאַנקען, וואָס זאָלן ניט אַרויסרופן קיין אומגלויבן און צווייפל. דערפון די אומצופרידנקייט מיט דער וועלט און מיט זיך אַליין. אומעטום טרעפן מיר אָן אויף טראַגישע געשעענישן, וואָס צעווייטיקן אונדזערע נשמות. אומעטום טרעפן מיר אָן פאַרברעכנס, פאַלשקייט, ליגנט און מאָרד. צי מוז עס אַזוי זיין? מיר זענען דאָך אויסגעוואַקסן מיט דערהויבענע שטרעבונגען צום שיינעם, צום גערעכטן, מיר טרעפן אָבער אָן אומעטום דאָס געמיינע, דאָס נידערטרעכטיקע, וואָס צעטרייסלט אונדזער געמיט און וועקט אַ האָפנונגלאָזן יאוש.

ווען מיר זענען יונג געווען און נאָך ניט געקענט די איבלען פון לעבן, זענען אונדזערע חלומות געשווימען אין די קדשי קדשים

און די וועלט איז דוכט זיך געלעגן צו אונדזערע פיס. מיר זענען דאַן געווען זיכער, אַז מיר דאַרפן בלויז וועלן און מיר קענען איבערטוישן די יוצרות פון דער וועלט און זי מאַכן פּרעכטיק און גרויסאַרטיק. מיר דאַרפן בלויז אָפּשווענקען דאָס שלעכטע און די שעדלעכע אינסטיטוציעס: די מאַכט, דעם מיליטאַריזם, די ביוראָ־קראַטיע; מיר דאַרפן בלויז פאַרטרייבן די פּאָליטיקאַנטישע אינ־טריגאַנטן און די וועלט, וועט אַ בלי טאָן מיט פרייהייט און גליק.

אונדזער גרעסטער חלום איז געווען די רעוואָלוציע. ווי הערלעך דאָס וואָרט האָט געקלונגען אין אונדזערע אויערן. וואָס קען זיין אַ גרעסער געפיל פון אַ אידעישער יוגנט, ווען דאָס בלויזע וואָרט — רעוואָלוציע האָט פאַרשיכורט, ווי דער שטאַרקסטער אַלקאָהאָל. וואָס פאַראַ כישוף האָט דאָס דאָזיקע וואָרט געמאַכט אין אונדזערע מוחות. אין אונדזער פאַנטאַזיע האָבן געשומעט מיט מאַסן־מענטשן, איבער זייערע קעפּ האָבן געפלאַטערט פענער און די לופט פאַר־הילכעט מיט די הערלעכע געזאַנגען פון דער „מאַרסעליעזע" און דעם „אינטערנאַציאָנאַל". מיר זענען גרייט געווען זיך צעקושן מיט דער פרייהייט. וואָס קען זיין עפּעס שענערס און עפּעס ליבערס ווען אַ מענטש מיט אַ מענטש ווערט אַ ברודער?

דער באַגריף רעוואָלוציע האָט געשמעקט מיט פרילינג, מיט פרייהייט פאַר אַלע אונטערגעדריקטע פאַר אַלע פאַרשקלאַפטע פעלקער און פאַר אונדז יידן בתוכו. רעוואָלוציע, דאָס איז געווען דער סטיכישער געזאַנג פון דער יוגנט. מיט אָט דעם גלויבן האָבן מיר, באַגייסטערטע, געשפּאַנט איבער די וואַרשעווער גאַסן און געחלומט וועגן די „צען טעג וואָס האָבן אויפגעטרייסט דער וועלט" און מיר האָבן הויך דעקלאַמירט די ווערטער פון משה קולבאַק:

> ווען עס לעשט זיך דער אָפּקלאַנג פון אַדלער געשרייען,
>
> און עס טראָגן זיך מעכטיק אַ רייע נאָך אַ רייע.

פאַר דער רעוואָלוציע האָבן מיר געפּטערט אונדזער יוגנט, געשמאַכט אין די טורמעס. און אָט האָט דער גורל אונדז געברענגט אין דעם לאַנד פון דער רעוואָלוציע. ניט קיין פרייד, ניט קיין האָפענונג, נאָר עלנט און צוואַנג האָבן מיר דאָרט געטראָפן. די פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן שפּרייטן דאָרט אויס זייערע נעצן גרייט

אויף אַ גרעסטנעם פּאַנג. אין נאָמען פון „אַרבעטער און פּויערים" ווערט דאָס פּאָלק פאַרשמאַכט. די לאָזונגען זענען נאָך געבליבן — „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער"... אָבער אונדז האָט אַרומגעכאַפּט אַ שוידער פון אַנטוישונג און דערנידריקונג — וואָס האָבן זיי געמאַכט פון דעם גרויסן וואָרט — רעוואָלוציע? אַ גרויסע פאַר־שווענבונג פון דעם חלום פון אַן ערלעכער און געטרייער יוגנט, פון פּאָעטישע נשמות. ווו איז דער אָפּקלאַנג פון די אַדלער־געשרייען? ווער האָט אָפּגעהאַקט די פליגלען פון די אַדלערס און דעם פּאָעט משה קולבאַקן פאַרשטומט. פּאַרלאָשן אַ גרויסע פּאָעטישע נשמה. יאָ, מען זינגט דאָרטן „איך קען ניט נאָך אַזאַ לאַנד, ווי אַזוי פריי עס אָטעמט דער מענטש". אָבער אין אונדז האָבן געוויינט די נשמות: — אָרימער מענטש! ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט אַזאַ עקלהאַפטן סיסטעם ווי דעם מלוכישן סאָציאַליזם? אַזאַ פּאָליציייאישע מדינה פון טורמעס און לאַגערס, פון נאַטשאַלניקעס, נ.ק.וו.ד.־יסטן און צענזאָרן. אַזאַ מעכטיקע דעספּאָטיע, איין גרויסע קנעכטשאַפט און דאָס רופן זיי אומ־פאַרשעמט — סאָציאַליזם! ניט אומזיסט האָט אויך היטלער זיך אָנגעכאַפּט אין דעם נאָמען סאָציאַליזם און זיך געקרוינט אַלס נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט. אָט וואָס עס האָט געבוירן דער „וויסנשאַפט־לעכער סאָציאַליזם", וואָס מיר האָבן מיט אַ פאַנאַטישן גלויבן געלערנט. יאָ מיר זענען אַריינגעפאַלן אין אַ נייער טורמע־וועלט. און צום גליק, ווען מיר זענען פון דאָרט באַפרייט געוואָרן, לעבן מיר נאָך היינט מיטן שרעק פאַרן „דיאַלעקטישן מעטאָד" וואָס פאַרשקלאַפט צו יעדן שקר.

צי האָבן מיר געפונען גליק אין דער אַנדערער וועלט, פון דעמאָקראַטיע? ניין! אויך די אַמעריקאַנער און מערב־אייראָפּעישע דעמאָקראַטיע קען אונדז ניט ראַטעווען פון קאָמוניזם און פאַשיזם. זיי גרויסן זיך מיט זייער אימיטאַציע־קולטור און קאָמערצישקייט. אַ קולטור וועמענס העכסטער אידעאַל איז אַ קאַטעטש מיט צוויי קלאָזעטן. אַ קולטור וועמענס שענסטע בוך איז דאָס טשעק־ביכל. אַ פיליסטערישע קולטור פון געצנדינערס צום גאָלדענעם קאַלב, מיט קרעמערישער ענגהאַרציקייט, מיט זייער עפנטלעכע מיינונג פון

בירגערלעכן מאָראַל, פון אַ יושר געשטיצט אויף לוקסוס און אָרעמקייט, פון גייסטיקן אימפּאָטענץ און עראָטישע אָרגיעס, פון שיכרות און נאַרקאָטיק, מיט דעם טוכלענעם ריח פון דער אונטער־גייענדיקער וועלט.

אָבער ווו ליגט די האָפענונג? אוודאי ניט אין ברוטאַלן באַל־שעוויזם אָבער אויך ניט אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָבן פאַרגעסן אין וועמענס אינטערעסן זיי דאַרפן זיין טעטיק און דאָס דעראָבערן די מאַכט איז געוואָרן זייער גאַנצער אידעישער אני מאמין. לײדער האָט אָבער די מאַכט דעראָבערט די דאָזיקע סאָציאַליסטן. פון איין זייט אַ ברוטאַלער סאָציאַליזם, ווי יעדער פרייער געדאַנק ווערט געשטעלט „פּאַד סטיענאַ" און פון דער צווייטער אַ סאָציאַליזם אָן אַ וויזיע, אָן כאַראַקטער, אָן אַ צוקונפט, אַ פאַרזונקענע אין דער געפּעלשטער דעמאָקראַטיע.

און ווען מיר שטייען צווישן ביידע „גן־עדנס", פּייניקט אין אונדזער מוח די פראַגע: צי איז מעגלעך צו שאַפן אַן אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, ווו דער מענטש זאָל זיין דער בעל־הבית איבער זיין אייגענעם גורל און פון קיינעם ניט ווערן אויס־גענוצט און באַעוולט? וואָס עלטער מיר ווערן, אַלץ באַשיידענער ווערן אונדזערע פאָדערונגען. מיר חלומען שוין מער ניט וועגן גליק נאָר בלויז וועגן רעכט צו לעבן. ביידע מעכטיקע מלוכה־בלאָקן — דער קאַפּיטאַליסטישער און קאָמוניסטישער קענען דאָס אונדז ניט גאַראַנטירן. ביידע פאַכען מיט די שווערדן און רופן צו בלוטיקע זיגן און פארסמען די מענטשלעכע נשמות מיט האַס און שאָוויניזם. ביידע באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס גרייט אונדז אומצוברענגען. דער געשפּענסט פון יערושימאַ קרייצט זיך מיט די גרוילן פון אוישוויץ, איז וואָהין זאָלן מיר אַנטלויפן?

ווי קענען מיר היינט גלויבן אין די דערהויבענע געדאַנקען פון יושר און פרייהייט, פון אָפּשאַפן די הערשאַפט און קנעכטשאַפט? דאָס זענען שיינע ווערטער, וואָס דער באָלשעוויזם האָט געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט, זיי האָבן די פרייהייט פאַרשוועכט אין קראָנשטאַט, ווען היטלער האָט זי פאַרברענט אין אוישוויץ. אין וויפל בלוט האָט מען דערטרונקען דעם הומאַניזם? היטלער און

סטאַלין האָבן ניט נאָר דערמאָרדעט מיליאָנען, נאָר אויך אַריינ־געשטאָכן פּאַרגיפטיקע שפּיזן אין דער מענטשלעכער נשמה, פון וועלכע מען קען זיך ניט אויסהיילן. צי קען מען היינט גלויבן דעם גרויסן פּאָעט שילערן אַז — „דאָס אַלטע וועט צעשמעטערט ווערן, עס ענדערן זיך די צייטן, אַ נײַ לעבן בליט אַרויס פון די רואינעס״. צי וועט טאַקע פון די רואינעס אַרויסבליִען אַ נײַ לעבן? אפשר נויטיקן מיר זיך טאַקע אין אַ נײַער דרייסטער אידעע, וואָס זאָל פאַרטרייבן די שוואַרצע שאָטנס, וואָס האָבן זייערע בלוטיקע הענט צעשפּרייט איבער דער וועלט, און וועט לייגן דעם יסוד פאַר אַ נײַער געזעלשאַפט?

געווען אויך אַנדערע צייטן — דער רענעסאַנס, מיט אירע וווּנדערלעכע פאַרבן און מעכטיקע סקולפּטורן מיט איר פרייד, ווען עס זענען אַראָפּגעפאַלן פון מענטש די קייטן פון מיטלאַלטער און פון קאַטוילישן פאַנאַטיזם. געווען צייטן ווען די פרייהייט איז באַזונגען געוואָרן פון שעלי און געטהען, אָדער ווען גאַרקי האָט נאַיוו געגלויבט אַז — „מענטש! ווי שטאָלץ דאָס קלינגט״. צי האָט ער ניט פאַרלוירן זיין שטאָלץ ווען ער איז געשטאַנען פאַר דער העסלעכער פיגור פון דעם גרעסטן מאַסן־מערדער, דעם קליינעם סטאַלין, דעם מאָדערנעם איוואַן גראָזשני. אַ גליק וואָס ער האָט ניט דערלעבט די צייט ווען ביידע גרעסטע פעלקער־מערדער היטלער און סטאַלין, האָבן געשיקט זיך ברכות און דערנאָך מערדערלער געשאָכטן די פעלקער.

געווען אויך אַנדערע מענטשן אין אַלע צייטן, ביי אַלע גענעראַציעס מיט דרייסטע געדאַנקען. זיי זענען, אין זייער צייט, געטאַדלט געוואָרן פון דער עפנטלעכער מיינונג, געטרודפּט געוואָרן פון די הערשער. מען האָט פון זיי געחוזקט. ערשט שפּעטער, אָפט נאָך זייער טויט, זענען זיי באַטראַכט געוואָרן פאַר די העלדן פון גייסט און געדאַנק, וואָס האָט אַ שטויס געטאָן פאַרויס די מענטש־לעכע קולטור. איז דען ניט קאָלאָמבוס אויסגעלאַכט געוואָרן פון זיין אייגענער מאַנשאַפט און אים באַטראַכט פאַר אומנאָרמאַל, וואָס אַנשטאָט צו פאָרן קיין אינדיע דורך מזרח, אַזוי ווי זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס, איז ער גאָר געפאָרן דורך מערב און אַ

דאַנק זיין דרייסטן געדאַנק זענען מיר רייכער געוואָרן מיט אַ נייעם קאָנטינענט און נייע גייסטיקע האָריזאָנטן.

ווער קען דיר מענטש היינט צוזאָגן גליק במהרה בימינו? דער אַנאַרכיסטישער געדאַנק פון מענטשלעכער פרייהייט איז היינט פאַר דיר די גרעסטע אוטאָפּיע. דו שטייסט היינט מיט שרעק פאַרן געשפּענסט פון דער אַטאָמישער קראַפט, פון צעשטערונג און פאַרניכטונג און דו פאָדערסט ניט מער ווי בלויז רעכט צום לעבן. אָבער די מושלים פון דער וועלט די: פּאָליטיקערס, דיפּלאָמאַטן און גענעראַלער זוכן דיין טויט. די וויסנשאַפט שטייט, אָן געוויסן, איין דינסט צום טייוול, צום דינסט פון מלאך המוות. און דו מענטש ביסט גרייט צו זיין אַ שקלאַף פון קאַפּיטאַל, פון מיליטאַריזם, פון ראַסיזם און שאָוויניזם און בעטן ביי די הימלען ניט מער ווי „אַ בולקע מיט פּוטער". איר ווילט מער ניט זיין קיין פּראָמאַטעאוסעס, נאָר פינצטערע פּחדנים, וואָס בייגן די קעפּ פאַר די אָפּגרונטן פון גיהנום־פייערן, פאַר די שאול התחתית און פאַר בלוטיקע דעמאָנען, פאַר דעם אשמדאי און ליציפער, פאַר די סיטרא אחרא און אַלע שוואַרציאָרן, וואָס גרייטן אומצוברענגען דעם מענטשלעכן מין; איר בייגט די קעפּ פאַר די קאַפּיטאַליסטישע געלט־זעק און באַל־שעוויסטישע נאַטשאַלניקעס, וואָס באַרויבן אייך אָן בושה. עס פילט היינט יעדער ערלעכער מענטש אַז אַזאַ פאַרקריפּלטע געזעלשאַפט קען ווייטער ניט פאַרגעזעצט ווערן, עס מוז קומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג. מען מוז ענדערן דעם סיסטעם פון דעם ווירטשאַפט, וואָס איז איין גרויסע רויבעריי. מען מוז ענדערן די פּאָליטיק, וואָס איז איין גרויסער שקר. מען מוז ענדערן די וויסנשאַפט זי זאָל דינען דעם מענטשן, מען מוז ענדערן די דערציאונג, וואָס איז איין גרויסע אונטערטעניקייט. מען מוז איבעראַנדערשן די דעמאָקראַטיע, וואָס איז איין גרויסער שווינדל.

און אין מיטן פון גרויסן קאַרנאַוואַל פון שווינדל, פאַרברעכן און מאָרד שטייט דער סאָציאַליזם, ווי אַ גלייכער שותף. ניט אומזיסט האָט אונדזער גרויסער י. ל. פּרץ, מיט 100 יאָר צוריק, געזאָגט צו די סאָציאַליסטן: „מיין נשמה איז מיט אייך, און די זיכערקייט אַז איר וועט זיגן, מאַכט מיך פול און וואַרעמט און באַרוישט מיך,

ווי אַלטער ווײַן, און דאָך... און דאָך האָב איך פּחד פֿאַר אײַך. איך שרעק מיך פֿאַר די באַצווונגענע, וואָס זיגן, עס קאָנען פֿון זײַן באַצווינגער ווערן, און יעדער באַצווינגער זינדיקט קעגן מענטשלעכן גײַסט... מיט האַרציקע פֿרייד קוק איך, ווי איר רײַסט אײַן די מויערן פֿון סדום; מײַן האַרץ אָבער ציטערט דערבײַ, איר זאָלט אויף זײַנע חורבות קיין נײַעם ניט בויען — אַ קעלטערן, אַ פֿינצטערן! איך וויל, איך האָף צו אײַער זיג, נאָר איך שרעק מיך און ציטער פֿאַר אײַער זיג. איר זײַט מײַן האָפֿענונג איר זײַט מײַן שרעק".

היינט וואָלט פּרץ אפשר ווייניקער גערעדט וועגן האָפֿענונג און מער וועגן שרעק...

די פֿאַרסמערס פֿון די ברונעמס

ווען מיר גיבן אַ קוק אין דער געשיכטע זעען מיר אַז זי איז געשריבן געוואָרן מיט בלוט און טרערן, מיט מאָרד און רויב, מיט דעם פּיין פֿון אונטערדריקטע און פֿאַרשקלאַפּטע פֿעלקער. די געשיכטע איז אַן אַטענטאַט אויף דער מענטשלעכער גערעכטיקייט, ווי מען האָט ציוויליזירט גאַנצע פֿעלקער מיט שווערד און קאַנאָנען, מיט שקלאַפֿערײַ און קאָרופּציע, די געשיכטע איז געמאַכט געוואָרן אויף בלוטיקע שלאַכטפֿעלדער, דורך מאַסן דערמאָרדעטע, דורך פֿאַרשאָלטענע מערדער, פֿאַר זייערע שמוציקע אינטערעסן. און ווען אונטער אונדז ליגט די טויטע פֿאַרגאַנגענהייט רופֿט אונדז דער ווילדער רויש פֿון לעבן צו פֿאַרניכטן די פֿונדאַמענטן פֿון געוואַלד און פֿאַרברעכן. אויף דעם ציטערדיקן באָדן פֿון סאָציאַלע קאַמפֿן ווילט זיך אונדז, ווי מוטיקע זעגלער טרייבן פֿאָרווערטס אונדזער שיף אַהין ווי עס בליצן די גאָלדענע שטראַלן פֿון קומענדיקן מאָרגן־ליכט.

מיר פֿילן אַז מיר דאַרפֿן האָסן די וועלט. וואָס איז אַן אומגעהויערע זומפּ פֿון נויט און פֿאַרצווייפֿלונג, פֿון וואַנזיניקע גרויזאַמקייט און גייסטיקע פֿאַרבלענדונג. דאָס איז אָבער אויך די וועלט פֿון די מוטיקסטע און באַגייסטערטע פֿרייהייט־קעמפֿער, ערלעכע און איידעלע נשמות, וואָס האָבן יאָרן געשמאַכט אין

פֿאַרשאָלטענע טורמעס און געפּענגעניש. צי זאָלן מיר לאָזן די וועלט גיין צום גרונט אונטער איר אייגענעם לאַסט פֿון פֿאַר־ברעכן? ניין! זאָגן אונדז די, וואָס טראָגן די מוטיקע האָפֿענונגען און טרוימען פֿון אַלע שטרעבנדיקע מענטשן. דאָס זאָגט אונדז דעם נאָכטיגאַלס ווּנדערבאַר פֿרייהייט־ליד. און מיר מוזן ליב האָבן און קלאַמערן זיך אין לעבן. מיט אַ הייסער ליידנשאַפֿט און מיט אַ שטורמיש האַרץ, מיט שמערצליכע געפֿילן, וואַרפֿנדיק אַ קללה צו דער מערדערישער קליקע פֿון די וועלט־פֿאַרברעכערס, שטייען מיר אין קאָכיקן געראַנגל פֿאַר אַ מענטשלעך פֿריי און מוטיק לעבן. מיט אונדזער גאַנצן געמיט זיך אַריינצוואַרפֿן אין גערויש פֿונעם לעבן מיט אירע טויזנטער מעלאָדיעס, מיט איר הערלעכער נאַטור, מיט אירע רייכע פֿרילינגס־ריחות, מיט דער לאַכנדיקער בלויקייט פֿון איר הימל. אירע רוישנדיקע וועלדער, אירע קלאָרע קוואַלן און טייכן, אירע צעשטורעמטע ימען. מיר זענען אַ טייל פֿון איר ברויזנדיקן לעבן!

איז טאַקע אין נאָמען פֿון דעם קאָכיקן, רוישנדיקן לעבן אין נאָמען פֿון די טויזנטער נאָמענלאָזע קעמפֿער און מאַרטירער, פֿאַר אַ ליכטיקן מאָרגן, מוזן מיר זיך אָפּגרענעצן פֿון די וואָס פֿאַרסמען די ברונעמס פֿון לעבן. די וואָס רופֿן אונדז געהאָרכזאַם צו ליידן אין נאָמען פֿון אַ „יענער וועלט", אין נאָמען פֿון אַ לעבן נאָכן טויט. די וואָס ווילן אונדז מאַכן בלינד אויף דער גרויזאַמערווירקלעכקייט, וואָס ווילן ניט מיר זאָלן זען, ווי אויף דעם ברייטן רוקן פֿון סאָציאַלן עלנט זיצט די געמיינקייט פֿון די געלט־זעק און הערשערס און טרייבן די וועלט אין די אָפּגרונטן פֿון מאָראַלישער קאָרופּציע און מאַראַלישן עלנט.

די פֿאַרסמערס פֿון די ברונעס, די באַגראָבער פֿון אַלע שענסטע אידעאַלן. זיי פֿאַרצווייפֿלען די גאַנצע וועלט און חוזקן פֿון די „נאַראָנים", וואָס באַוויזן נאָך דעם מוט צו שווימען קעגן אַלע שטראָמען פֿון געמיינקייט, קעגן יעדער טיראַניע און רייסן אונטער די היפּאָקריטישע מאַסקעס פֿון די „וועלט־פֿאַרזאָרגערס" מיט זייערע „קברים־אידעאַלן", וואָס פֿאַרזיכערן אונדז אַז דער מענטש איז געבוירן געוואָרן צו ליידן און צו שטאַרבן. זיי דינען

די געטער פון טויט און ניט די געטער פון גערעכטיקייט, שיינקייט און לעבן. אַט די פינצטערע געשטאַלטן, וואָס פאַרטונקלען דעם ליכטיקן גלאַנץ פון לעבן מיט האָפנונגלאָזע שוואַרצע פעסימיסטישע גלויבנס, אַז ווען עס זינגט די נאַכטיגאַל הערן זיי בלויז דאָס מיאוסע קוואַקען פון די זשאַבעס אין די זומפּן. זיי זעען דאָס, אין דער ליטעראַטור, די באַזינגערס פון דאָס קרענקלעכע און אָפּשטאַרבנדיקע. זיי ווילן אונדז מיטשלעפּן אין די זומפּן פון קאָרופּציע און בלינד פאַרגעטערן דעם אַבסורד און די אומנאַר־מאַלקייט פון דער הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש, ווי עס הערשט די אויסנוצונג און באַליידיקונג פון מענטש דורך אַ כנופיה פון רויבער.

אָ, וואָס פאַרא לעבערלעכע קאָמעדיע! די קעמפער פאַר פרייהייט ווערן געהאַסט און באַשפּיגן און געוואָרפן אין טורמעס.

צו זיין אַ מענטש באַדייט דען דאָס אָפּזאָגן זיך פון גליק און האָפענונגען? ניין דאָס זיין אַ מענטש באַדייט, גיין פאָרווערטס מיט דער צייט. דאָס מיינט ניט זיין גלייכגילטיק קעגן אַ צווייטנס ליידן, דאָס מיינט קעמפן און פּראָטעסטירן קעגן יעדן אומיושר אין צוואַנג, זיין אַ מענטש באַדייט דינען די אידעאַלן פאַר אַ שענער און גערעכטיק לעבן.

זיין אַ מענטש באַדייט ניט צו פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם סאָציאַלן עלנט און פּאָליטישער קנעכטשאַפט צו זען די שרעקליכע געשטאַלטן, וואָס מיט זייער תאווה צו הערשאַפט פאַרלירן זיי זייער געוויסן און מענטשלעכקייט; זיין אַ מענטש באַדייט הערן דעם דערשטיקטן געשריי פון די קרבנות פון מלחמות, הערן די קללה פון מיליאָנען צעקאַלעטשעטע קערפּערס און נשמות, די לעצטע געשרייען פון צעריסענע לעבנס. די האַרצרייסנדיקע זיפצן פון מיליאָנען אלמנות און יתומים פון אומזיניקע פעלקער־מאָרדן; זיין אַ מענטש הייסט ניט געהאָרכזאַם זיך אונטערוואָרפן אונטערן יאָך פון דער מאָדערנער שקלאַפעריי, נאָר אָנצונדן דער גייסטיק הונגעריקער יוגנט, מיט די פלאַמען פון נייע אידעאַלן, וואָס זאָלן אַ סוף מאַכן צו מלחמות, קאַזאַרמעס, טורמעס, הונגער, קאַנאָנען, תלינים, און עלנט. אַ סוף מאַכן צו די שטאָלענע קלאַמערן, וואָס

צוימען דאָס לעבן מיט אירע אומגעלומפּערטע געזעצן, מיט אירע פּאַרפוילטע אינסטיטוציעס, אירע אומזיניקע הייליקייטן, מיט איר שטאָט און די קירכע.

מעגן די פּאַרטייען זיך שפּאַלטן און פּאַרייניקן. מעגן די פּאַרטייען אונטערגיין אָבער די אידעאַלן פון פרייהייט און יושר זענען אייביקע. דער מענטשלעכער ווילן וועט טרייבן די וועלט פּאָרויס. מעג דיווירקלעכקייט אויסזען ווי שוואַרץ און האָפנונגלאָז, די פּאַרטייען וועלן קיינמאָל ניט באַגרייפן די געבורט־ווייען פון אַ נייער געזעלשאַפט, נאָר די ענערגישע אַקטיווע מענטשן, וואָס נעמען געזונט דאָס לעבן, וואָס זענען באַהויכט מיט אַ הומאַנעם אידעאַל, וועלן פון לעבן ניט אַנטלויפן, נאָר וואַרפן זיך אין אירע הייסע אָרעמס פון קאַמף קעגן אַלע פּאַרסמערס פון די ברונעמס פון לעבן.

דער ציל פון סאָציאַליזם איז גאָר ניט בלויז צו פּאַרזיכערן אַ הויכערן לעבנס־ניוואָ, אויך אַנדערע רעזשימען קענען דאָס געבן, זיין הויפּט־ציל איז פּאַרזיכערן דעם רעספּעקט צום מענטש און געבן דעם יחיד אַ סאָציאַלן ווערט. דער ציל איז אויך דאָס ליקווידירן יעדן צוואַנג און מאַכן דעם מענטש פּאַרן באַלעבאָס איבערן אייגענעם גורל.

גייסטיקע מידקייט

מיר לעבן אין אַ צייט פון אַ גייסטיקער מידקייט, וואָס באַהערשט האָט דעם מענטש. אונדזער געדאַנקען־קאָמפּלעקס ווערט צעפּרעסן פון יאוש און מאַכטלאָזן געפיל, אַז קיין זאַך לאָזט זיך ניט ענדערן, ניט בעסער מאַכן. די בעסטע מענטשן וואָס דאַרפן ווירקן, לערנען, דערציִען קערן זיך אָפּ פון יעדער אַקטיווקייט. דאָס אַנטלויפן פון אַקטיוון לעבן ווערט אַ מאַסן־דערשיינונג, מיר האָבן היינט מער פּאַסיווע, ווי אַנהענגער פון אידעאַלן. דער אינדישער גייסט פון נירוואַנאַ נעמט אַרום די אַנטוישטע און מידע, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם גלויבן אַז מען קען בעסער מאַכן די וועלט. שוואַכע נשמות שטייען אומבאַהאָלפן פאַרן שאָטן פון דער אַנרוקנדיקער קאַטאַס־טראָפע און וואָגן אַפילו ניט צו פּראָטעסטירן, זיי האָבן פאַרלוירן דעם ווילן צו קעמפן. די סיבה דערפון איז ניט בלויז די אַנטוישונג אין דער פאַרווירקלעכונג פון די אידעען, נאָר ווייל די אידעען זענען גלייך פון אָנהייב געווען קראַנק. די וואָרטזאָגער פון די אידעען האָבן גאָר ניט געטראַכט זייערע אייגענע אידעען צו פאַרווירקלעכן, יעדן געוואָגטן טאָט האָבן זיי באַטראַכט פאַר אַ „וואַנזיניקן עקס־פּערימענט”. יעדע סאָציאַלע וויזיע — פאַר ניט לאָגיש און ניט פּראַקטיש, ווען זייער אייגענער „פּראַקטישקייט” באַדט זיך אין די שמוציקסטע זומפּן. וואָס האָבן דערגרייכט, מיט זייער „פּראַקטיש־קייט”,ביידע פליגלען פון מאַרקסיסטישן לאַגער?

עס באַקומט זיך דער איינדרוק אַז אַלע גרויסע שטרעבונגען, אידעאַלן און האָפענונגען זענען געשטאָרבן, באַגראָבן ליגן די

שענסטע וויזיעס. מיר האָבן היינט זעלטן אַ פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל שווימען קעגן שטראָם, גיין קעגן די כוואַליעס פון האַס און שאָוועניזם, קעגן געמיינקייט און היפּאָקריטיע. מיר האָבן ניט דעם מוט צו צעשמעטערן די געווערן וועלכע וועלן אונדז פאַרניכטן און ניט דעם מוט צו פאַרטרייבן די מלחמה־סטראַטעגן און מלחמה־העצערס. די וועלט האָט גאָר ניט געלערנט פון דער טראַגעדיע פון היטלעריזם און סטאַליניזם, ניט פון דער טראַגעדיע אוישוויץ. מיר זינקען אַלץ טיפער און אַ לאַנגזאַמען, גייסטיקן שווינדזוכט, אויפן וועג צום גייסטיקן טויט.

דער צושטאַנד פון מידקייט און פּאַסיווקייט איז שטאַרק געוואונטשן פאַר די וואָס ווילן אויפהאַלטן דעם היינטיקן סאָציאַלן אומיושר. די הערשנדיקע עליטעס ווילן ווייטער זיך באָדן אין שוויטלטאַג ווען אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט שטאַרבן מאַסנווייז קינדער פון הונגער און קראַנקייט, פאַר די אויגן פון זייערע אומגליקלעכע מאַמעס. אַנשטאָט ברויט פאַר די הונגעריקע, פאַרפלייצן די קבלנים פון טויט די הונגעריקע לענדער מיט טאַנקן און האַרמאַטן. אונדזער ציוויליזירטער צייט־מענטש קוקט זיך גלייכגילטיק צו ווי מען פאַרוויסט גאַנצע לענדער, ווי מען מאַרדעט אויס גאַנצע פעלקער. זיי באַטראַכטן דאָס שיקן געזונטע מענער צום טויט פאַר דער נאַטירלעכסטער זאַך, ווי אַנדערש דאַרף גאָר ניט זיין. דאָס צוגעוווינען זיך צו מאָרד און פאַרברעכן מאַכט די באַרבערייַ פאַר דעם קען־צייכן פון אונדזער ציוויליזאַציע, וואָס פאַרוואַנדלט די וועלט אין אַן אומזיניקע גייסטיקע פאַרבלענדונג, פון גרויזאַמער אומגערעכטיקייט, פון מוראַדיקן עלנט, וואָס באָדט זיך גלייכצייטיק אין לוקסוס און פאַרברעכן. אַזאַ וועלט וואָלט דאָך באַדאַרפט געהאַסט ווערן, אָבער ווו איז דער פּראָטעסט פון טראַכטנדיקן מענטש ?

די ראָלע פון מענטש אין דער היינטיקער געזעלשאַפט איז דאָס פאַסיווע זיך צוקוקן צו דער בלוטיקער קאָמעדיע, צו די פאַרברעכנס פון די וואָס פירן די פעלקער ביי דער נאָז. אמת די היינטיקע הערשער, די רעגירונגען זענען (חוץ אין די קאָמוניסטישע און פאַשיסטישע לענדער) מער ניט אַזוי ברוטאַל, ווי אַמאָל. זיי הערשן ווייניקער

מיטן כוח פון צוואַנג, דערפאַר באַזיצן היינט דעם גרויסן טאַלאַנט צו הערשן מיטן כוח פון ליגנט און דעמאַגאָגיע, דורך פּאַרטייאישע און פּאַרלאַמענטאַרישע אינטריגעס און שווינדל. דער פשוטער מענטש איז אוממעכטיק קעגן דער דעמאַגאָגיע, ער' איז אויך גייסטיק צו פויל זיך צו באַפרייען פון אָט די אינטריגעס און ווערן דער באַלעבאָס איבערן אייגענעם גורל. דערפון דער אונטערגאַנג פון דער פּערזענלעכקייט, דאָס אָפּזאָגן זיך פון יעדער שטרעבונג און האָפענונג. אַנדערע דערגייען ביזן האָסן די וועלט, ביז צו דער גרעסטער פאַראַכטונג צום מענטש, ווי עס זענען אַמאָל דערגאַנגען אַזעלכע פראַנצויזישע שרייבערס ווי: האסמאַן און אקטאוו מירבאַ, וועלכע האָבן זיך געווונטשן אַז די גאַנצע וועלט זאָל ווערן איין גרויס פּנים אין וועלכע מען זאָל קענען אַריינשפּייען.

צי זענען, און דעם צושטאַנד, שולדיק בלויז די הערשער און די פּאָליטיקאַנטן (מיר רעדן דאָ בלויז וועגן די דעמאָקראַטישע לענדער), און ווי איז דאָס פאָלק, וואָס דאַרף זיין „די שטים פון גאָט?" מען קען דאָס פאָלק ליבערשט באַטראַכטן פאַר דער שטים פון נאַראָנים, ווי „די שטים פון גאָט". זי לאָזט זיך דאָך אָפּנאַרן פון יעדן דעמאַגאָג, פון יעדן פראַזע-דרעשער. דאָס איז די מאַסע וואָס היינט איז זי דעמאָקראַטיש און מאָרגן רעאַקציאָנער. היינט קאָמוניסטיש מאָרגן פאַשיסטיש. צי קען אַזאַ מאַסע זיין גערעכט? און די יוגנט די האָפענונג פון מאָרגן, ווו זענען אירע אידעען, אירע טאָטן? זי אַנטלויפט פון לעבן פאַרשיכרנדיק זיך מיט אַלקאָהאָל, מיט פאַרשידענע נאַרקאָטיקס, מיט פוטבאָל, ווו דער שכל ליגט אין די פיס, און שלאָגן זיך, ביז בלוט-פאַרגיסונג, פאַר יעדן גאָל. ווי אין דעם באַל וואַלט געלעגן זייער גליק. דאָס איז די יוגנט, וואָס פאַרשרייט יעדן געדאַנק מיט אַ מוראַדיקן ריטשען פון זייער מוזיק.

ס'זענען געווען צייטן ווען דער שטורעם-קראַפט פון די הערצער האָט געברויזט מיט פּראָטעסט, דאָס בלוט איז שטאַרקער געפלאָסן אין די אָדערן. דאָס זענען געווען צייטן ווען ס'האָבן אויפגעוואַכט גרויסע אידעען און געוואַגטע געדאַנקען, מיט אַ ליידנשאַפטלעכן ציל צו סאָציאַלע ענדערונגען. דער מענטש האָט זיך געוואָרפן

אינעם גערויש פון לעבן, מיט אַ צעבונטעוועטן גייסט. דאָס זענען געווען צייטן פון גרויסע פערזענלעכקייטן. זיי די ספּאַרטאַקוסעס פון אַלע צייטן האָבן ליקווידירט די שקלאַפעריי. די זשעלאַבאָווס און פעראָווסקאַיאַס זענען אַוועק אויף די תליות, כדי אַ סוף צו מאַכן צו די דעספּאָטיעס. די באַקונינס און קראָפּאָטקינס האָבן אויפגעהויבן די קעפּ פון די אונטערגעדריקטע. פינף מוטיקע אַנאַרכיסטן זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן אין שיקאַגאָ, כדי מיל־יאָנען זאָלן ניט אַרבעטן מער ווי 8 שעה אַ טאָג. דזאָרדינאָ ברונאָ איז פאַרברענט געוואָרן דורך דער קאַטוילישער אינקוויזיציע פאַר דעם גרויסן אמת וואָס ער האָט געשאָנקען די מענטשן. דער גרויסער שפּאַניש־אַנאַרכיסטישער פּעדאַגאָג פערער איז אַוועק אויף דער תליה פאַרן חטא, וואָס ער האָט אַרויסגעריסן קינדישע נשמות פון גלוחישע נעצן, און אין זייער קינדישן גייסט אריינ־געהויכט פרייד און וויסן. דאָס האָבן מענטשן געלערנט פון פּראָ־מאַטעאוסן זיך מקרב צו זיין פאַר דער מענטשהייט.

די ווירקונגס־קראַפט פון איינציקע, גרויסע און געוואָגטע דענקערס, געלערנטע, שרייבערס און קעמפערס זענען אָפט שטאַר־קער פון דער גרויסער מענטשן־מאַסע. דאָס קעניגטום פון גייסט שטייגט העכער פון אַלע הערשנדיקע דינאַסטיעס און הערשנדיקע כנופיות, פון די באַרימטסטע גענעראַלן. די ברענעדיקע קראַפט פון די פעדערס פון די געניאַלע דענקערס און שרייבערס ווי: שעקספּיר, וואָלטער, סערוואַנטעס מיט זייער בייסיקן סאַרקאַזם, האָבן איבערגעלעבט גאַנצע דורות. דער אומשטערבלעכער דאַנטע האָט אַריינגעוואָרפן אין זיין גיהנום די גרעסטע דעספּאָטן. אַזעלכע גייסטער ווי: שפּינאָזאַ, איינשטיין און פרויד האָבן באַרייכערט דעם מענטשלעכן געדאַנק. די געשיכטע פון געדאַנק און ליטעראַטור איז די געשיכטע פון איינציקע וואָס האָבן געווירקט אויף מיליאָנען. דאָס איז סאָקראַטעס אין דער פילאָזאָפיע. פּאַסטער אין דער וויסנשאַפט, בעטהאָווען אין דער מוזיק מיכאל אַנדזשעלאָ אין דער סקולפּטור, וויפל אַזעלכע ליכטיקע נעמען האָבן באַלויכטן דעם מענטשלעכן גייסט?

דעריבער איז דאָס באַהאַלטן זיך אונטערן מאַנטל פון פּעסי־

מיסטישן געדאַנק, אַז קיין זאַך לאָזט זיך ניט ענדערן און בעסער מאַכן, אַז דער מענטש איז געבוירן צו ליידן. אַז דער מענטש וועט קיינמאָל ניט זיין פריי, ניט זיין גלייך און גליקלעך, זענען אַלץ תירוצים צו פאַרדעקן די אייגענע גייסטיקע פוילקייט און אייגענער שוואַכקייט. צי איז טאַקע אמת אַז דער מענטש איז פאַרמשפּט צו אייביקער הילפלאָזיקייט? די ביז איצטיקע דערגרייכונגען פון מענטש, וואָס איז אַרויס פון די היילן און דזשונגלס און פליט צו דער לבנה, איז די גרעסטע אָפּלייקענונג פון פעסימיזם. אמת די וועלט זינגט נאָר אין באַרבאַריזם און איז נאָך דורשטיק נאָך בלוט. דאָך קען דער מענטש זיין גליקלעך. עס ווענדעט זיך בלויז אין אים אַליין. מענטשן דענקער, אידעאַליסטן געפינען זייער גליק אין קאַמף פאַר זייערע אידעאַלן. זיי זעען, אין דער פינצטער פון דער נאַכט, דעם בליץ פון מאָרגן־רויט. דאָס זיין אַ מענטש מיינט קעמפן פאַר אַ בעסערן היינט און ניט זיין גלייכגילטיק צו די ליידן פון אַנדערע. איז וואָס פאַרא זין האָט דאָס גלייכגילטיקייט, דאָס אָפּזאָגן זיך פונעם רויש פון לעבן מיט אַלע אירע טויזנט קאָלירן? לאָמיר ניט שעלטן די וועלט נאָר זי ענדערן, מיט ליידנשאַפטלעכן ברען זיך קלאַמערן אין די אייביקע אידעאַלן פון יושר און פרייהייט, וואָס לעבט איבער אַלע רעזשימען, אַלע פאַרטייען און איז אייביק, ווי אייביק ס'איז דער מענטשלעכער גייסט.

עס קען ניט אָפּגעלייקנט ווערן אַז די גרעסטע שטרעבונג פון יעדן יחיד איז צו זיין גליקלעך. אָבער וואָס איז גליק דאָס איז אַ זייער פאַרנעפּלטער באַגריף. טייל האַלטן דאָס, ווי אַ געפיל פון באַפרידיקונג אין לעבן. אַן אַנדער דעפיניציע זאָגט, אַז גליק איז אַ צופרידנקייט מיטן דערגרייכן דאָס באַגערטע. זעלטן אָבער באַפרידיקט זיך אַ מענטש מיטן דערגרייכטן. ער איז זעלטן זאַט דערמיט וואָס ער דערגרייכט און זוכט נייע דעראָבערונגען. שפּינאָזאַ האָט פונקט ווי אַריסטאָטעלעס זיך דערטראַכט צום געדאַנק אַז מענטשלעך גליק באַשטייט גאָר ניט אין אייגננוציקייט און ניט אין זעלבסט־אינטערעס נאָר אין אַקטיוון לעבן. (אַ פאַקט וואָס אויך די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע באַשטעטיקט). ניטאָ, לויט אַריסטאָטעלסן פאַרן מענטש קיין בעסערער וועג, ווי אויסצונוצן די אייגענע

קרעפטן, ווי צו זיין אַקטיוו. אַזוי האָט אויך געהאַלטן שפּינאָזאַ, אַז דאָס שטרעבן צום אַלגעמיינעם ווילזיין, אָבער ניט בלויז פאַר זיך אַליין, שטעלט מיט זיך פאָר דאָס בעסטע גליק פון יעדן יחיד.

די עטיק פון די סטאָיקער האַלטן אַז דער מענטש דאַרף שטענדיק זיך באַציען שטרענג צו זיינע אייגענע שוואַכקייטן און אַז דאָס לעבן איז אַ קאַמף און ניט קיין געניוס מיט כלערליי פריידן. דער גרעסטער שונא פון מענטש איז דאָס ניט האָבן קיין העכערן ציל. פאַר אַ גליקלעך לעבן איז, לויט די סטאָיקער, נויטיק אינערלעכער מוט, עלית נשמה און העראָיִזם. די דאָזיקע אידעע האָט זיי געפירט צום געדאַנק פון אַן אַלוועלטלעכער „ברידערלעכקייט" פון דער מענטשהייט. אויך עפּיקור האָט דעם באַגריף גליק פאַרשטאַנען ווי אַלס גייסטיקער געניוס. אויך די סאָפיסטן, פּלאַטאָ און די עפּיקורעער האָבן געהאַלטן אַז דער מענטש דאַרף טוען אַלץ! „כדי אים זאָל זיין גוט" אָבער גוט און גליק האָבן זיי אַלע פאַרשטאַנען ליגט ניט אין די תענוגים פון האַלב־מענטש, האַלב־חיה און קען דערגרייכט ווערן ווען דער מענטש איז גייסטיק פריי און גייסטיק דערהויבן. דער מענטש געפינט זיך אין אַ שטענדיקן פּראָצעס פון זוכן דאָס גליק, ער איז אָבער אין דעם וועלט־פּראָצעס נאָך ניט אַרויס דער זיגער. פאַרקערט, עס דראָען אים געפאַרן צו פאַרלירן. בלייבט אים די ברירה זיך אויסצולעבן אין טרוימען און אוטאָפּיעס. זעלטן קומט אַ מענטש צו רב עקיבאס אויספיר פון — גם זו לטובה. און ער קלעטערט אַלץ צום ניט־דערגרייכטן אויפן וועג צו פאַרנעפּלטע צילן.

ווי שוין געזאָגט איז דער געראַנגל פאַר גליק אַ שטאַרק קאָמפּליצירטער, ווייל דעם מענטש איז אַלץ ניט קלאָר, וואָס איז גליק. אויב גליק מיינט דאָס דערגרייכן דאָס באַגערטע, באַזיצט אָבער דער מענטש פריער עפּעס אין טרוים איידער ער באַזיצט דאָס אין דער ווירקלעכקייט. איז טאַקע דאָס הויפּטפּראָבלעם פון מענטש־לעכן שטרעבן, ווי אַזוי „אַריינצושפּרינגען פון דעם קעניגרייך פון נויטווענדיקייט אין דעם קעניגרייך פון פרייהייט" (ענגעלס). דערפון אַלע מענטשלעכע אוטאָפּיעס, פון דעם גלויבן אין אַ געטלעכן גן־

עדן ביזן גלויבן אין אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפט, ציט זיך איין אוטאָפּישער קייט.

ווען מיר טראַכטן וועגן גליק, טאָרן מיר ניט פאַרגעסן אַז דער מענטש איז אַ פּראָדוקט פון דער ערד פון וועלכע ער קען זיך ניט אָפּרייסן און ער איז אַ זון פון דער געזעלשאַפט, פון וועלכע ער קען ניט אַנטלויפן. דעריבער קען דער מענטש זיין גליק געפינען נאָר אין די ראַמען פון סאָלידאַריטעט מיט דער נאַטור און סאָלידאַריטעט מיט דער געזעלשאַפט. דאָס פּריוואַטע און מלוכישע אייגנטום עקספּלאָאַטירט היינט צו גרויזאַם די נאַטור. דערפאַר ווען דער נביא ישעיה האָט געזאָגט אַז „זיי וועלן שמידן זייערע שווערד אויף אַקעראייזנס" און אַז „אַ פאָלק וועט קעגן אַ פאָלק ניט אויפהייבן זיין שווערד" האָט ער גלייך צוגעגעבן אַז „אַ וואָלף וועט הויזן מיט אַ שעפּס און אַ לעמפּערט מיט אַ ציג און אַ לייב וועט, ווי אַ רינד עסן שטרוי". דאָס איז די וויזיע פון סאָלידאַריטעט מיט דער נאַטור. די סאָלידאַריטעט מיט דער געזעלשאַפט קען דערגרייכט ווערן נאָר דאַן ווען זי וועט זיין באַזירט אויף דער אומאָפּהעניקייט פונעם יחיד. אויף דער פולער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. ווייל אָן דעם גליק פונעם יחיד איז ניט מעגלעך קיין געזונטע געזעלשאַפט. אָן דער פרייהייט פון יחיד איז ניט מעגלעך קיין פרייַ פאָלק. ניטאָ דעריבער קיין גרעסערע אילוזיע ווי מיט דער הילף פון מלוכישן כוח צו פאַרווירקלעכן אַ קעניגרייך פון יושר, פרייהייט און גליק.

אין דעם מענטש קעמפן צוויי קעגנזעצלעכע נייגונגען: איינע וואָס שטרעבט צו באַהערשן און אויסנוצן אַנדערע, פאַר זיין אייגענעם און פערזענלעכן נוצן. די אַנדערע שטרעבט צו פאַראייניקן זיך מיט דעם מיטמענטש. די ערשטע רופט צום קאַמף פון מענטש קעגן מענטש, פאָלק קעגן פאָלק, די צווייטע צו סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקע הילף צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאָלק און פאָלק. די אויפגאַבע פון דער עטיק איז איבערצוציגן אַז דער צווייטער געפיל איז פיל נוצלעכער, ווייל יעדע אומגערעכטיקייט טרעפט ניט דווקא דיין שכן נאָר קען טרעפן אויך דיך אַליין. מיט דער הילף פון וווּלגאַרן דאַרוויניזם וויל מען אונדז „וויסנשאַפטלעך"

איבערצייגן אַז „אומגלייכהייט איז דאָס געזעץ פון דער נאַטור״. זיי פאַרגעסן אַז אומגלייכהייט איז די סיבה, וואָס וועקט קנאה און שנאה און פירט דירעקט צו פאַרברעכן. דער אמת איז, אַז די נאַטור איז ניט בלויז דאָס שלאַכטפעלד פון מאָרד און רויב, נאָר אויך רייך מיט דעם וווּנדערלעכן גייסט פון קעגנזייטיקער הילף, מיט געטריי־שאַפט און ליבע.

דער וווּלגאַרער דאַרוויניזם באַמיט זיך צו באַווייזן אַז דער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג שטיצט זיך אויסשליסלעך אויף עגאָיזם, גייציקייט, האַס, נקמה און ליידנשאַפט נאָך אַ באַזיץ (אייגנטום) אָבער דאַרווין אַליין האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן אַז פון ביידע איסטינקטן: דער געזעלשאַפטלעכער און דער פערזענ־לעכער, איז דער געזעלשאַפטלעכער שטאַרקער. קראָפּאָטקין באַווייזט אין זיין „עטיק״ אַז קעגנזייטיקער מיטגעפיל, סימפּאַטיע און קעגנזייטיקע הילף דרינגט דורך די גאַנצע וועלט פון לעבעדיקע באַשעפענישן און איז אַזאַ נויטווענדיקייט פאַר דער עקזיסטענץ ווי דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג.

אַלע וויסנשאַפטלעכע און טעכנישע דערגרייכונגען, אַלע לערעס און פילאָזאָפיעס דאַרפן דינען דאָס לעבן און ווילזיין פון מענטש. דער יחיד טאָר ניט זיין קיין געצייג אָדער קרבן פאַר וועלכע עס איז אינטערעסן פון דער מלוכה אָדער קלאַס. ניט דינען קיין אַבסטראַקט מיסטישע באַגריפן און ניט זיין קיין „סטאַדע־מענטש״, נאָר פריי אַנטוויקלען זיין שאַפונגס־גייסט. עס פילט היינט יעדער ערלעכער מענטש, אַז אומגערעכטיקייט טאָר ווייטער ניט פאַרגעזעצט ווערן. עס מוז קומען אַן ענדערונג אויף בעסער. איז גערעכט געווען מאַקסים גאָרקי, ווען ער האָט געזאָגט „מען מוז דאָס לעבן איבער־מישן כדי עס זאָל ניט פאַרשטונקען ווערן״. איז טאַקע די פליכט פון יעדן פרייען מענטש, ניט צו זינקען און גלייכגילטיקייט און ניט מיד ווערן נאָר ליידנשאַפטלעך שטרעבן און קעמפן פאַר אַ בעסערע און גערעכטע וועלט. מען דאַרף די וועלט אָטוען פליגלען זי זאָל ניט באָדן זיך אין די זומפן און בלאָטעס.

ליידער גייט אָבער די וויסנשאַפט געאַרעמט מיטן טייוול. די נייע כהנים פון פריידענקעריי האָבן דערהרגעט יעדן גלויבן, צוזאַמען

מיטן ענטוזיאַזם, די פֿאַנטאַזיע, דאָס געפֿיל, ליבע צו קונסט און צום שאַפֿנדיקן כּוח פֿון דער מוזיק. זיי האָבן דאָס לעבן פֿאַרוואַנדלט אין אַ גרויסע מאַנאַטאָנע לאַנגווייליקייט. אויפֿן אָרט פֿון די רעליגיעס האָט אויפֿגעוואַקסט אַ נייער פֿאַנאַטיזם צו טעכניק, וואָס האָט ביליקער געמאַכט דאָס מענטשלעכע לעבן. דער גאָט פֿון געלט און פֿון שׂכל האָט געגעבן אַ טויט־קלאַפּ דעם האַרץ, דער מאָראַל האָט גענומען זיך קייקלען אַלץ טיפֿער אַראָפּ. אויף דער אַרענע פֿון די לעצטע צוויי הונדערט יאָר האָט גענומען טריאומפֿירן די פּאָליטיק, דיפּלאָמאַטיע, געפֿעלשטע דעמאָקראַטיע און געפֿעלשטע פֿרייהייט. אויפֿן אָרט פֿון אַלטן גאָט איז אַרויף אויפֿן טראָן די מלוכה, ווי אַ נייער אָפּגאָט וועמענס גרעסטער כּוח איז דער ליגנט. זי האָט אַריינגעפֿירט אין גייסטיקן לעבן אַזאַ מין אויסגעמאַטערט־קייט, נידערגעשלאָגנקייט, ליידיקייט און גלייכגילטיקייט, וואָס דערמעגלעכט די פּאָליטיקערס, אָט די קליינע מוחות וואָס באַהערשן די וועלט, זי צו טרייבן צו דער גרעסטער קאַטאַסטראָפֿע.

ווער זענען עס די פּאָליטיקער? מען קען רעספּעקטירן יעדעס פּראָפֿעסיע, אַפֿילו די קלאָונען אין צירק, די קעשענע־גנבֿים און בערזע־שפּעקולאַנטן, עס איז אָבער ניט לייכט אַריינצוקריכן אין די נשמות פֿון די וואָס מען רופֿט — פּאָליטיקערס, פּאַרטיי־פֿירערס, דיפּלאָמאַטן און מיניסטאָרן. דאָס איז אַ באַזונדערע ראַסע פֿון מענטשן וועלכע לעבן שטענדיק מיטן אָנשטעל. זיי באַהאַלטן זיך אונטער די פֿאַרשידנסטע טיטלען, אונטער פֿלוידערייען. איינע פֿון די גרעסטע דורכפֿאַלן פֿון די היינטיקע רעזשימען זענען זיי, די פּאָליטיקערס און די ביוראָקראַטיע. זיי זענען עס די באַשאַפֿער פֿון אַזאַ מין פּראַקטישקייט, וואָס האָט ניט קיין גרעסערן ווערט, ווי אַ זייפֿנבלאָז. דאָס זענען ניט קיין אָדלער־נשמות, נאָר מיט אַ וואָרעם־גייסט, וואָס שמעקט מיטן ריח פֿון קבֿרים. און זיי ווילן דאָס ווערן אונדזערע דערלייזערס און פֿאַרזאָרגערס.

דאָס זענען אָפּט מענטשן מיט לאַנגע צינגער און לאַנגע אויערן, וואָס האַלטן זיך פֿאַר גרויסע מענטשן פֿון זיי וואַרט דאָס פֿאָלק, ביזן טויט, אויף עפּעס אַ נס, וואָס קען אָבער פֿון ערגעץ ניט קומען, אין זינקט דערווייל אין גייסטיקער מידקייט.

די פסיכאָלאָגיע אין דינסט
פון מענטש אָדער טייוול

„אַפּילו ענגעלס אין זיין „לודוויג פויערבאַך" וואַרפט אָפּ די מאַטעריאַליסטישע הנחה, אַז איידער אַ מענטש גייט טראַכטן מוז ער פריער עסן, ווייל כדי צו עסן מוז דער מענטש פריער פילן אַ הונגער, וואָס קומט ניט פון מאָגן נאָר פון מוח און אינסטינקטן. אויך כדי צו דעראָבערן זיין עסן מוז אַפּילו דער פרימיטיוושטער מענטש אָנקומען צו זיין שכל. אויך דאָס צעטיילן די מענטשלעכע געזעלשאַפט אויף פּריווילעגירטע און באַוועלטע קומט ניט בלויז פון עקאָנאָמישע סיבות. עס זענען פאַראַן פיזישע, גייסטיקע, פסיכישע און קולטורעלע סיבות, וואָס צעטיילן די געזעלשאַפט, און ווירקן אויף דעם גורל פון מענטשן און פון פעלקער; רופן אַרויס קעגנזאַצן, קינאה און קאָנפליקטן, דעריבער קען די סאָציאָלאָגיע אויך ניט די געשיכטע זיך באַגיין אָן פּסיכאָלאָגישן וויסן און אירע דערפאַרונגען.

פרויד האָט געלערנט אַז דאָס נשמה־לעבן פון מענטש איז אַ פונקציע פון געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען, פון דער עקזיסטרינגדי־קער קולטור און פון די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. דער שייכות צווישן יחיד און דער געזעלשאַפט, אירע אינסטיטוציעס, געזעצן, באַגרענעצונגען, באַפעלן, מלחמות, האַלטן דעם מענטש אין בסדרידיקער שפּאַנונג דערפירן צו נעוראָזע. אין דער היינטיקער

געזעלשאַפט איז ניט מעגלעך אָנצוהאַלטן די גייסטיקע געזונטהייט פונעם יחיד, ווייל די הערשנדיקע אינסטיטוציעס שטערן דאָס באַפרידיקן די שטרעבונגען און צווינגען דעם יחיד צו געבן אַ קרבן זיינע גייסטיקע און אַנדערע תאוה'ס, וואָס וועקט אין אים אַ בונט קעגן דער געזעלשאַפט און קעגן דער קולטור בכלל. דער פּסיכאָ־אַנאַליטישער סיסטעם פּרובירט צו געפינען אַ קאָמפּראָמיס צווישן די שטרעבונגען פונעם יחיד און די באַגרענעצונגען, וואָס עס בויט אויף די געזעלשאַפט. זי קען אָבער ניט באַפרייען דעם קראַנקן פון דער אילוזיע אַז ער קען זיך ווערן קעגן דערווירקלעכקייט, ווייל עס איז דאָך אומעגלעך צו ליקווידירן די ציוויליזאַציע און גיין „צוריק צו דער נאַטור", ווייל דאָס מענטשלעכע צוזאַמענלעבן איז דאָך אַנטשטאַנען ווי אַ פאַרטיידיקונגס־בונד קעגן דער אכזריות פון דער נאַטור. בלייבט דעריבער דעם מענטש צו רעפאָרמירן זיין קולטור און צופּאַסן זיינע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי זיין געזעלשאַפטלעך לעבן צו די נוצן און גליקזעליקייט פונעם מענטש, דערמיט אויסצומיידן דאָס אַנטלויפן פון דעם יחיד פון דער ווירקלעכקייט און באַהאַלטן זיך אונטער וועלכע־עס־איז אילוזיע. לויט פרוידן איז רעליגיע אויך אַן אילוזיע און אַ וויכטיקער גורם וואָס פּענטעט דעם שכל, זי איז דער גרעסטער שונא פון וויסן און איז אויך אַ סכנה, ווייל מיט איר גוואַלדיקן כוח באַהערשט זי דעם מענטשלעכן גייסט. די צוקונפט פונעם מענטש איז אָפּהענגיק פון זיין שכל און פאַרשטאַנד. די רעליגעזע השפעה און דער רעליגעזער צוואַנג ווירקט ניט ווייניק אויף דעם נערוועישן צושטאַנד פון מענטש.

עס איז דעריבער ניט מעגלעך קיין סאָציאָלאָגיע, ניט קיין פּעדאַגאָגיק, אָן דער ענגסטער פאַרבינדונג מיט דער פּסיכאָלאָגיע. אין זיין קריטיק איבער דער געזעלשאַפט און איבער רעליגיע באַווייזט פרויד, אַז אַ געזעלשאַפט געשטיצט אויף צוואַנג און באַגרענעצונגען ווירקט אויף דעם נערוועישן צושטאַנד און איז דער גורם פון נערוועישע קראַנקייטן. נערוועישע קראַנקייטן זענען אַלזאָ אַ רעזולטאַט פון אַ קראַנקער וועלט און קראַנקער קולטור. דער מעטאָד פון פּסיכאָאַנאַליז גיט אונדז די מעגלעכקייט צו

קאָנפראָנטירן און אַריינדרינגען אין דעם מעכאַניזם פון סעקסועלער אונטערגעוואָרפנקייט צו אויטאָריטעט, די צוזיאונגס־קראַפט פון טויט און די פסיכאָלאָגישע מעכאַניזמען פון הערשאַפט און קנעכטשאַפט, וואָס שטערט די אויטענטישקייט פונעם יחיד און ווירקט אויף זיין סאָציאַלער אָפּגעפרעמדקייט.

די פּסיכאָפּאַטיע האָט נאָר ביז היינט ניט געשאַפן קיין באַשטימטן דיאַגנאָז פון אומנאָרמאַלקייט. די ביז איצטיקע דיאַגנאָזן שטיצן זיך אויף אַ מיספאַרשטענדעניש, וואָס אָנערקענט אַז דער סטאַנדאַרט פון אַ נאָרמאַלן מענטש איז צו זיין: עגאָאיסטיש, אַמבי־ציעז, קאַריעריסטיש, מיט אַן איבערגעטריבענעם גלויבן אין זיך. יעדע אַרט פון ניט־קאָנוועמציאָנעלע אויפפירונג פון אַנדערש טראַכטן אָדער אַנדערש אויפנעמען די ווירקלעכקייט, יעדן קאָנפליקט צווישן דעם „איך" און די סביבה, באַטראַכט די דאָזיקע פסיכאָלאָגיע פאַר אַ סימפּטאָם פון אומנאָרמאַלקייט, ווי אַ סימן פון שגעון, וועמען מען דאַרף פאַרשפּאָרן אין משוגעים־הייזער. עס איז אָבער אַ גרויסער ספק צי מיר האָבן רעכט צו פּסקענען, ווו עס הויבט זיך אָן די גרענעץ פון נאָרמאַלקייט. עס זענען דאָ פסיכאָלאָגן וואָס האַלטן, אַז עס איז בכלל ניטאָ קיין נאָרמאַלע מענטשן, נאָר בלויז פאַרשידענע דרגות פון אומנאָרמאַלקייט, מיט פאַרשידענע נטיות צו נעוראָטיזם און פסיכאָפּאַטיע. יעדער מענטש איז לויט זיי אַ ביסל ניט־נאָרמאַל, ווער מער, ווער ווייניקער. לויט דער דאָזיקער טעאָריע איז פאַרברעכן אויך אומפאַרמיידלעך. דאָס זענען אָבער שטאַרק איבערגעטריבענע מיינונגען. מען קען דאָך אויך זאָגן דאָס פאַרקערטע, אַז נאָרמאַלקייט איז אַן ענין פון דרגות. אויב נעוראָטיזם דריקט זיך אויס אין איבערגעטריבענער אייגנליבע, עקשנות, מיט ניט רעכענען זיך מיט קיין שום זאַך, באַשטייט נאָרמאַלקייט און בשותפותדיקע טעטיקייט צווישן דעם באַוווּסטזיין און אומבאַוווּסט־זיין. ווען מען האָט געפרעגט פרוידן — וואָס דאַרף טון אַ נאָרמאַלער מענטש? האָט ער געענטפערט — „ער דאַרף ליב האָבן און אַרבעטן!" אויב אַזוי האָבן מיר די גרעסטע מערהייט פון נאָרמאַלע מענטשן, וועלכע פאַרמאָגן די וויכטיקסטע עלימענטן פון אַן אַנטוויקלטער פערזענלעכקייט פון וועמען מיר האָבן דאָס רעכט

צו פֿאָדערן: דאָס אויפֿנעמען נוצלעך די ווירקלעכקייט, זיין בשלווה מיט זיך אַליין, ווי מיט אנדערע און מיט דער נאַטור, זיך קענען קאָנצענטרירן אויף פּראָבלעמען, האָבן אַ געפֿיל פֿאַר פּרטיות, ניט זיין גייסטיק באַגרענעצט, האָבן אַ געפֿיל פֿאַר חבֿרישקייט און סאָלידאַריטעט, מאָראַלישע פֿאַרשטענדעניש, אַ חוש פֿאַר הומאָר, כּוח פֿון שעפֿערישקייט, ווי אויך לעבנס־קראַפֿט, יצר, געפֿיל, פֿאַנטאַזיע, פֿאַרשטענדעניש און ווילן.

אָבער ניט שטענדיק דאַרפֿן מיר באַדויערן אַ גייסטיק קראַנקן, ווייל אין זיין קראַנקן צושטאַנד פֿאַרווירקלעכט ער אָפֿט די שענסטע חלומות און רעאַליזירט די בעסטע פֿאַרלאַנגען. פֿאַרוואָס זאָלן מיר אים ניט לאָזן שווימען אין זיין וועלט פֿון אילוזיעס? זיי לעבן ווייסט אפֿשר פֿון ווייניקער זאָרג, אַנטוישונגען און ליידן. ווי דאָס לעבט דורך דער נאָרמאַלער און גייסטיק געזונטער. אָבער פֿאַר וואָס זאָלן מיר פֿאַרשפּאַרן אָן אומגליקלעכן מעלאַנכאָליקער, וואָס טשעפּעט ניט קיין פֿליג אויף דער וואַנט, ווען מיר איזאָלירן ניט און לאָזן זיך באַאיינפֿלוסן פֿון ניט־נאָרמאַלע מלחמה־העצערס; פּרעדיקערס פֿון ראַסן־האַס און פֿעלקער־שׂינאה, מיר לאָזן פֿריי אַרומלויפֿן די קראַנקע פֿאַנאַטיקערס, דיקטאַטאָרן, גענעראַלן, „הויכגעשעצטע" דיפּלאָמאַטן, וואָס זענען מער שעדלעך פֿאַר דער געזעלשאַפֿט ווי די א. ג. „ניט־נאָרמאַלע". די אַלע וואָס באַוואָפֿענען. מיט זייערע קראַנקע מוחות, די פֿעלקער מיט שׂינאה און האַרמאַטן, וואַרפֿן אָן אָן אימה און פּחד אויף דער געזעלשאַפֿט, אַ מין אַלגעמיינעם הידראָפֿאָביע. זענען זיי דען ניט גייסטיק קראַנק, אין דען אַ געזעלשאַפֿט וואָס, טאָלערירט מלחמות און דיקטאַטור אַ נאָרמאַלע געזעלשאַפֿט?

די אויפֿגאַבע פֿון דער פּסיכאָלאָגיע איז ניט צו ענטפֿערן — וואָס איז דער מענטש? נאָר ווי אַזוי איז דער מענטש? ווי אַזוי זענען זיינע האַנדלונגען און אויפֿירונגען. כּדי דערויף צו ענטפֿערן דאַרף מען פֿריער באַשטימען, ווי אַזוי דער מענטש דאַרף לעבן. ווייל אויב איז די אידעע פֿון באַשאַף אַ לאָגישער טאָר דאַרף די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט ניט זיין איר קרומער־שפּיגל...

דער מענטש קען ניט לעבן אַליין, נאָר אין אַ געזעלשאַפֿט. די

היינטיקע געזעלשאַפט שאַפט אָבער ניט דעם יחיד קיין פרייד און קיין גליק, וואָס זענען די וויכטיקסטע עלעמענטן פאַר אַ פיזיש און גייסטיק געזונט לעבן. די היינטיקע געזעלשאַפט פּענטעט די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט. צוימט זיין גייסט און זיין ווילן, קעגן וועלכן ער רעוואָלטירט און קאַפּיטולירט, וואָס ברענגט פיזישע און גייסטיקע ליידן.

אַוודאי האָט פרויד געזינדיקט מיט איבערטרייבן געוויסע טעאָריעס, ס'איז ניט אונדזער געביט מיט אָט דער קריטיק זיך צו פאַרנעמען. אָבער קיינער פאַר אים האָט ניט געוואַגט אַזוי טיף אַריינצוקוקן אין דער מענטשלעכער נשמה, ווי ער האָט דאָס געטאָן. אַ דאַנק אים ווערן באַשיידענער די וואָס זוכן אַ דערקלערונג פאַר געשיכטלעכע און אַלע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען אויס־שליסלעך מיט עקאָנאָמישע סיבות. וועגן אַזעלכע דערשיינונגען ווי: דער היטלעריזם, סטאַליניזם, „מאָסקווער פּראָצעסן", די „רייכסטאַג־שריפה", אוישוויץ און אַנדערע טראַגישע געשעענישן, וועלן זיי מוזן זיך ווענדן נאָר צו דער פּסיכאָפּאַטיע און ניט צו דער עקאָנאָמיע. די פאַנאַטישע „געניאַלע" פירערס ווי די ראָבעספיערס, נאַפּאָלעאָנס, סען זשוסט, היטלערס און סטאַלינס זענען געווען נעוראָטיש קראַנקע, וואָס זענען געווען גרייט פאַר זייער „גערעכטיקייט" „אַ וועלט אויסצומאָרדן עס פעלן אויך ניט אַנדערע „אידעישע" באַנדיטן וואָס ווילן מיט דער הילף פון טעראָר, מאָרד און פאַרברעכן „גליקלעך מאַכן" די וועלט. די נאַצישע באַשולדיקטע אויף דעם נירענבערגער געריכט, האָבן גאָרניט פאַר־שטאַנען פאַרוואָס מען משפּט זיי — בלויז פאַר אויסמאָרדן אַ ביסל מיליאָנען מענטשן. די היינטיקע מלחמה־צוגרייטער פאַרשטייען אויך ניט זייער גרויסן פאַרברעכן קעגן דער מענטשהייט. אין דעם באַשטייט אייגנטלעך די גייסטיקע קראַנקייט פון אונדזער ציוויליזאַציע וועלכע שטייט מאָראַליש פיל נידריקער פון דער חיה־וועלט, ווייל אַ חיה, וואָס הרגעט אַ צווייטע טוט זי דאָס כדי צו שטילן איר הונגער. איז טאַקע די אויפגאַבע פון דער פּסיכאָלאָגיע צו באַפרייען דעם מענטש פון זיינע חיהשע אינסטינקטן און פאַרוואַנדלען אים אין אַ ראַציאָנעל פרייע באַשעפעניש.

דער מענטש איז טאַקע אַ ביאָלאָגיש באַשעפעניש מיט אַ חיהשן אָרגאַניזם, ער פאַרמאָגט אָבער אינטעלעקטועלע פעייקייטן אויפצונעמען דערשיינונגען, צו שאַפן היפּאָטעזן, טעאָריעס און אידעאָלאָגיעס. פאַרמאָגט אויך אַן אַנטוויקלטן פאַרשטעלונגס־קראַפט און פאַנטאַזיע. עס געפינען זיך אין מענטשלעכן גייסט אויך מיסטישע עלימענטן, אומבאַקאַנטע, וואָס לאָזן זיך וויסנשאַפט־לעך ניט דערקלערן, זיי אָבער עקזיסטירן.

פאַר דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע שטייט אַ וויכטיקע, ניט פאַרענטפערטע רעטעניש: ווי אַזוי געלונגט עס איין מענטש זאָל הערשן איבער אַנדערע? דורות־לאַנג באַנוצט זיך מיט שקלאַפן און מאַכן היינט מיליאָנען פאַר לוין־שקלאַפן און פאַר אונטערטעניקע ברואים? אָדער ווי דערלויבט זיך אַ מענטש צו ווערן אַ תלין אָדער אַן אויטאָמאַטישע מאַשין, וואָס לויט אַ באַפעל, מאָרדעט אַנדערע? מיר ווייסן ניט ווי אַזוי מענטשן פאַלן אַריין אין אַ מאַסן־שגעון, אין אַ רעליגעזן פאַנאַטיזם אָדער אין אַ רעליגעזן עקסטאַז, אָדער גאָר אין אַ פאַנאַטישער שינאה, און מאַכן פּאָגראָמען, מאַכן שחיטות?

אָבער אַנשטאָט צו היילן דעם מענטש פון די אַלע קרענקלעכע דערשיינונגען, שטעלט די ביהייוויעריסטישע פּסיכאָלאָגיע דעם מענטש אין דינסט פון נעגאַטיווע טעאָריעס, וואָס לערנט ווי אַזוי צו האַלטן דעם מענטש אונטערטעניק. ס'איז דאָ אַ פּסיכאָלאָגיע, וואָס דינט דעם קאַפּיטאַליזם, זי שאַפט אַ „וויסנשאַפטלעכן" סיסטעם פון בעסער אויסנוצן. דעם סיסטעם פון רעקלאַמע, וואָס דינט די קאָמערציע־אינטערעסן פון קאַפּיטאַליזט און סוחר. דער זעלבער מעטאָד פון דער רעקלאַמע, וואָס באַשטייט אין כסדר אַריינשרייען, מיט אַלע מיטלען, אין מענטשלעכן מוח אַזעלכע רעקלאַמעס ווי „טרינקט קאָקאַ־קאָלאַ" אָדער קויפט „מפעל הפיס", דינט אויך די פּראָפּאַגאַנדע (וואָס איז אייגנטלעך אַ פּאָליטישע רעקלאַמע), מיט אירע ליגנערישע לאָזונגען ווי „אַרבעט מאַכן פריי!" אָדער „ראַטן־פאַרבאַנד איז דאָס פאָטערלאַנד פון אַלע אַרבעטנדיקע!". עס איז אַ נויטווענדיקייט אָפּצוטיילן די פּסיכאָלאָגיע און די וויסנשאַפט בכלל פון פּאָליטיק און פון דער מאַכט. קיין שום תורה טאָר ניט קומען

פון מלוכישע קאַנאַלן, ווייל הערשאַפט פון אַן עליטע איבערן פאָלק איז פאַר זיך אַליין אַן אומנאָרמאַלקייט, שוין אָפּגערעדט פון דיקטאַטאָרישע און דעספּאָטישע הערשאַפט, וואָס דאָס איז אַ ירושה־אייגנשאַפט פון די באַרבאַרישע צייטן.

די פעלקער און טיפן־פּסיכאָלאָגיע, וואָס זוכט אַ באַשייד פאַר ניט־נאָרמאַלע דערשיינונגען אין דער געזעלשאַפט, אָנערקענט אין דער מענטשלעכער נאַטור צוויי קרענקלעכע טענדענצן: די ערשטע וואָס שטרעבט צו אונטערדריקן, וויי־טוען, וואָס ווערט באַצייכנט אַלס סעקסועלע אומנאָרמאַלקייט אָדער סאַדיזם, פון אָט דעם טענדענץ שטאַמט דער יצר צו הערשאַפט, צו ווערן אַ לידער, אַ פירער, אַ דיקטאַטאָר, אַ דעספּאָט. די צווייטע — דאָס פאַרגעניגן צו זיין צו ווענען אַ קנעכט, דערנידריקט צו ווערן, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ בענקשאַפט צו אַן „אייזערנע האַנט", וואָס זאָל פירן, באַשטראָפן, קאָמאַנדעווען, אויסלייזן. די דאָזיקע טענדענץ, אין די פאַרשידנסטע פאָרמען, ליגט אין יעדן פון אונדז, ביי ווענען מער, ביי ווענען ווייניקער און ווערט אָנגערופן מאַזאָכיזם, מען קען דאָס אויך אָנרופן „פרייוויליקע שקלאַפעריי". די אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגיע באַטראַכט דאָס ווי אַ מינדערווערטיקייט קאָמפּלעקס. אַ דאַנק וועלכע די אַלע וועלטאַוואַנטוריסטן ווי: נאַפּאָלעאָן, היטלער און אַנדערע האָבן געפינען אַזוי פיל אָנהענגער.

די ביהייוויעריסטישע פּסיכאָלאָגיע זוכט די דאָזיקע קרענקלעכע דערשיינונגען ניט היילן מיט דער הילף פון אַ נייער פּעדאַגאָגיק, ניט צו ענדערן די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, ניט צו רעפאָר־מירן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, נאָר דורך אַ געפערלעכן וועג פון אָפּערירן דעם מוח. אין דער לעצטער צייט ווערט צו דעם ציל געמאַכט אין אַמעריקע (שוין אויך אין אַנדערע לענדער) געפערלעכע, פאַר דער מענטשהייט, עקספּערימענטן. זיי באַנוצן זיך מיט די דערגרייכונגען פון דער פיזיאָלאָגיע, וואָס איז אַ גליד־שוועסטער פון דער פּסיכאָלאָגיע, ביים פאָרשן דעם מענטש־לעכן מוח. דאָס פאָרשן דעם ווונדער פון מענטשלעכן מוח וואָלט אייגענטלעך באַדאַרפט אונדז אָנפילן מיט שטאָלץ און באַפרייען פון דעם געפיל פון אייגענער נישטיקייט און פון דעם געפיל פון

דער אומזיניקייט פון דער עקזיסטענץ. אַזאַ פאָרשונג וואָלט באַדאַרף צושטעלן אַ הומאַניש־עסטעטישע באַפרידיקונג. אָבער די ביהייוועריסטן שטעלן די פאָרשונגען איבערן מוח צום נוצן פון דער פסעוודאָ־וויסנשאַפט. דער פּרווו, מיט דער הילף פון מוח־אַפּעראַציעס צו ענדערן די מענטשלעכע אויפפירונג, אויסהיילן אים פון אַגרעסיע. טראָגט אין זיך דעם גרויסן געפאַר צו געבן אין די הענט פון דער מעדיצין, פון דעם דאָקטאָר, אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייט צו טאָן מיטן מענטש אַלץ לויט זייער ווילן. פאַרוואַנדלען דעם מענטש אין אַ סטאַנדאַרט באַשעפעניש, אין אַ מין „גולם פון פּראַג”, אַזאַ מעדיצין קען זיך שטעלן אין דינסט פון די הערשער אָדער אין דינסט פון טייוול, וואָס וועט אויספאָרמירן אַ מענטש לויט זייער ווילן. אַ מין „אויבער־ראַסע” פון געהאַכזאַמע פאַרטעמפּטע גולמס. דאָס וואָלט געווען דער לעצטער עטאַפּ צו דער אַנטגילטיקער מענטשלעכער פאַרשקלאַפונג. פון איבערגעבן דעם מענטשלעכן כאַראַקטער, זיין גייסט און נשמה אין די הענט פון די „גרויסע ברודערס” פון די „פאָטערס פון די פעלקער”. דאָס וואָלט, נעבן דער צעשטערערישער קראַפט פון אַטאָם, געווען דער גרעסטער מענטשלעכער אומגליק. דעם כאַראַקטער דאַרף מען דערציען מיט דער הילף פון דער פּעדאַגאָגיק, אָבער ניט מיטן אַפּאַראַציע־מעסערס.

אין דעם מוח־מאַגאַזין זענען אָנגעזאַמלט די ערופאַציאָנען, וואָס האָבן אין זיך די ירושה־אייגנשאַפטן און דערפאַרונגען פון דורות, וואָס באַשטימען דעם כאַראַקטער פון מענטש, נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן. אין זיי געפינען זיך סיי די נעגאַטיווע אייגנשאַפטן ווי: פאַלשקייט, סאַדיזם און אַגרעסיע, ווי אויך די פּאָזיטיווע, ווי: רחמנות, געטריישאַפט, סאָלידאַריטעט, ליבע, געוויסן און אַז.וו. די אויפגאַבע פון דער הומאַנער פּסיכאָלאָגיע איז, מיט דער הילף פון פּעדאַגאָגיק צו אַנטוויקלען די מענטשלעכע מעלות צו די דערהויבענע אידעאַלן.

דער מענטש איז אַ געזעלשאַפטלעכע חיה עס זענען אָבער ניטאָ קיין צוויי מענטשן, וואָס זאָלן זיין גלייך פּאָטענציאָנעל אַנטוויקלט און מיט די זעלבע כאַראַקטער־שטריכן. כאָטש דער

מענטש איז אַן אוניווערסאַל באַשעפעניש, טרעט ער אָבער אַרויס, אין לעבן, מיט אַ גאַנץ אינדיווידועלער באַזונדערקייט. איז טאַקע אין אינטערעס פון דער קולטור צו אַנטוויקלען די פערזענלעכקייט פונעם יחיד. און ניט צו זעען אין דעם מענטש אַ מעכאַניש באַשעפעניש, אַ סטאַדע־מענטש, נאָר אַ קאָמפּליצירטע פערזענלעכ־קייט. די אויפגאַבע פון דער הומאַנער פּעדאַגאָגיק איז ניט צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ מאַסן־מענטש, נאָר די מאַסע אין **מענטשן**.

אין שפּיץ פון דער פּסיכאָלאָגיע, וואָס זעט אין מענטש אַ מין מאַטעריעלע מאַשין אין וועמענס מוח זענען קאָנצענטרירט די נעגאַטיווע ערופּאַציאָנען, וועלכע מען דאַרף מיט דער הילף פון מוח־אָפּעראַציעס ענדערן, איז געשטאַנען דער באַרימטער אַמעריי־קאַנער פּסיכאָלאָג ב. פ. סקירנער. לויט סקירנערן איז דער געפיל פון פרייהייט אַן איזאָלאַטאָרישער. דער מענטש איז גאָרניט געבוירן געוואָרן צו זיין פריי. ער אַנערקענט בכלל ניט דאָס וואָס איז למותר בין אדם מן הבהמה. דערפאַר, האַלט ער, האָט די מעדיצין די רעכט די מאַשין־שרייפעלער פונעם מענטשלעכן מוח, ווי מען טוט דאָס ביי חיות, אויסצושניידן די ערופּאַציאָנען מיט די אייגנשאַפטן פון: אַגרעסיע, פּחד און אפילו הונגער און דורשט, און ענדערן דעם מענטשלעכן כאַראַקטער.

די דאָזיקע פּסעדאָ־וויסנשאַפטלער קענען, אויב מען וועט זיי דאָס דערלויבן, שטעלן צום דינסט די מעדיצין צו יעדער דעספּאָטיע און צום טייווול אַליין. דאָס וואָלט באַדייט דער סוף פון דער מענטשלעכער סווערעניטעט, צו זיין קולטור און ציוויליזאַציע, דערמיט וואָלט די מעדיצין באַזיצט דעם כוח פון דעם געהיים־פּאָליציי, צו קאָנטראָלירן דאָס מענטשלעכע טראַכטן.

שוין היינט באַנוצן זיך די הערשער פון דער וועלט, באַזונדער אין ראַטן־פאַרבאַנד, מיט דער הילף פון עלעקטראָדן, סמים, כעמישע תרופות צו פאַרניכטן אין מענטש די בונטאַרישע אייגנשאַפטן און זיין ווידערשטאַנד קעגן די מאַכט־אָרגאַנען. דאָס ווערט ברייט אָנגע־וואַנדן אין די סאָוויעטישע „פּסיכושקעס". די וואָס האַלטן אין זייערע הענט דעם מאָנאָפּאָל איבער די אוצרות פון לאַנד, איבער דער

ווירטשאַפט, פּאָליטיק, מאָרד־מכשירים, איבער דער דערציאונג, קולטור און וויסנשאַפט, שטרעבן מיט דער הילף פון דער פּסיכאָלאָגיע צו ווערן צו בעלי־בתּים איבער מענטשלעכן מוח. איבער זיין טראַכטן און איבער זיין כאַראַקטער. זיי ווילן שטעלן דעם מענטשלעכן מוח צום דינסט פון די וועלט־גענגסטערס, צו די מעכטיקע אָליגאַרכיעס פון מאַכט און געלט.

די הומאַנע פּסיכאָלאָגיע שטעלט זיך אַנטקעגן דער ביהייוויאָריסטישער פּסעוודאָ־פּסיכאָלאָגיע. באַזונדער איז אַקטיוו אין דעם קאַמף קעגן זיי דער באַרימטער אַמעריקאַנער לינגוויסט און פּסיכאָלאָג, דער גרויסער שפּראַכן־פאָרשער פון דער ענגלישער. כינעזישער און העברעישער שפּראַך דער אַנאַרכיסטישער געלערנטער נחום כאָמסקי אין זיין וויכוח קעגן פּ. ב. סקירנערן. די הומאַנישע פּסיכאָלאָגיע זוכט גאָר אַנדערע מיטלען, געזעלשאַפטלעכע און פּעדאַגאָגישע אַרויסצוטרייבן דעם שעדלעכן דיבוק פון מענטש און ניט פאַרשקלאַפן זיין מוח צום טייוול. צו דינען דעם דערהויבענעם מענטש אין זיין שליחות צו מאַכן די וועלט אויס דזשונגל פון מאָרד און רויב. צו פאַרוואַנדלען דעם מענטש אין אַ קולטורעלע באַשעפעניש.

אָבער וואָס איז אייגנטלעך קולטור? קולטור מיינט ניט אַ סך אוניווערסיטעטן, אַפילו ניט אַז אַלע איינוווינער זאָלן קענען לייענען. געלערנטקייט און בילדונג איז גאָר ניט קיין סימן פון קולטור. אַט דערפינדן דאָך געלערנטע מענטשן אַכזריותדיקע געווערן אום־צוברענגען מאַסן מענטשן. דעריבער קען מען זיין געלערנט און דערביי באַרבאַריש. קאָנווענציע און שאַבלאָנישקייט איז דער שונא פון קולטור. די פיליסטערס, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די אוניווערסיטעטן, וואָס האָבן דעם מאָנאָפּאָל אויף דערציאונג, וואָס זיצן אין די רעדאַקציעס, האַלטן זיך פאַר די פאַרשטייער פון דער קולטור, אין דער אמתן זענען זיי די פּראָדוצירער פון דער עפנטלעכער מיינונג, וואָס איז דער אויסדרוק פון באַגרענעצטקייט, כאַראַקטערלאָזיקייט און טיראַניע פון דער מערהייט.

קולטור מיינט, ווען יעדנס פליכט וועט ווערן צו זיין געזעל־שאַפטלעך אַקטיוו און צו פאַרבינדן די אייגענע פּערזענלעכקייט

מיט די גרויסע מענטשלעכע צילן. די מענטשלעכע צילן זענען ניט צו באַהערשן און מאַכן די נאַטור אונטערטעניק. נאָר צופּאַסן דאָס מענטשלעכע לעבן צו די געזעצן פון דער נאַטור און איינשטעלן אַזאַ האַרמאָניש צוזאַמענלעבן צווישן מענטשן און אַזאַ גערעכטיקייט, אַז עס זאָלן מער ניט זיין קיין קלאַסן־און פעלקער־מלחמות און יעדער זאָל גרייט זיין אַנטקעגנטראָגן יעדן אַ פריינטלעכן שמייכל און פריינטלעכע הילף.

דער ווולגאַרער דאַרוויניזם, וואָס איז אויך אַריינגעדרינגען אין דער פסיכאָלאָגיע, האַלט, אַז דער אינסטינקט פון זעלבסטדער־האַלטונג שטיצט זיך אויסשליסלעך אויף עגאָיִזם, גייציקייט, נקמה און ליידנשאַפט נאָך באַזיץ, נאָך אייגנטום. קראָפּאָטקין האָט אָבער באַוויזן אַז דער געזעלשאַפטלעכער אינסטינקט, ווי קעגנזייטיקע סימפּאַטיע, מיטגעפיל און קעגנזייטיקע הילף איז אָפט שטאַרקער ווי דער עגאָיסטישער־אינסטינקט און דרינגט דורך די גאַנצע וועלט פון לעבעדיקע באַשעפענישן און איז אַזאַ נויטווענדיקייט פאַר דער עקזיסטענץ, ווי דער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג.

וועגן דער סכּנה פון אַטאָמישן טויט

ביי די פּרווו-אויפרייסן וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין 1950, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די געפאַר פון דעם נוקוליאַרן געווער איז פילפאַכיק שעדליכער, ווי דאָס האָבן אויסגערעכנט די געלערנטע, וואָס האָבן פריער דערמיט זיך באַשעפטיקט. די יאַפּאַנישע פישערס וועלכע האָבן זיך געפינען 190 קילאָמעטער אויסער דעם זיכערהייט-תחום פון דעם אויפרייס, זענען געוואָרן שטאַרק באַשעדיקט. זיי האָבן געמוזט צוריקקערן אין פּאָרט פון דעם אינדזל יאַאיזו, קראַנקע, פאַרכאַפּט פון עפּעס אַ שרעקלעכע קראַנקייט און אָוועקגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל. פון די 23 פישערס איז איינער גלייך געשטאָרבן און די אַנדערע האָבן יאָרן לאַנג זיך געפונען אין יאַפּאַנישע שפּיטעלער, ווו זיי זענען לאַנגזאַם אויסגעשטאָרבן. זעט אויס אַז די אַטאָם-געלערנטע האָבן פאַרלוירן די שליטה איבער די אַטאָם-אויפרייסן. אויב לויט זייער חשבון האָט אַזאַ באָמבע, וואָס האָט באַדאַרפט באַפרייען פון 18 ביז 22 מיליאָן טאָן דינאַמיט, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איר אויפרייס-קראַפט איז טאָפּלט גרויס. איר שעדלעכע ווירקונג האָט דערגרייכט קיין אויס-טראַליע, פאַראייניקטע שטאַטן, און ביז די ברעגן פון אייראָפּע.

די ביז איצטיקע אַטאָמישע פּרווו-אויפרייסן האָבן שוין באַוויזן צו פאַרסמען די אַטמאָספער מיט אַזוי פיל ראַדיאָ-אַקטיוויקייט, וואָס

פאַרגרעסערט יאָר־יערלעך די צאָל געבוירענע דעפעקטיווע קינדער. דער אַמעריקאַנער זאָאָלאָג קורט שטערן האָט פעסטגעשטעלט, אַז שוין היינט טראָגט יעדער מענטש אויף אונדזער ערד אין זיך אַ פאַרגרעסערטע נאָרמע ראַדיאָסטרוינציס און מיר דערנענטערן זיך צו דער גרענעץ פון אַ געפאַר פון אַ שטאַרקער פאַרשפרייטונג פון דער ראַק־קראַנקייט. אויב וועט ווייטער פאָרגעזעצט ווערן די פרווו־אויפרייסן דראָט אַז די גאַנצע אַטמאָספער זאָל אָנגעפילט ווערן מיט אַזוי פיל ראַדיאָ־אַקטיווקייט, וואָס וועט גאָר ערנסט באַדראָען דאָס געזונט פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אויב אין יאָר 1945 זענען געמאַכט געוואָרן פרווו־אויפרייסן פון באָמבעס פון 50 ביז 55 טויזנט טאָן איז שוין אין 1954 זייער אויפרייס־קראַפט צענפאַכיק פאַרגרעסערט געוואָרן. וועגן דעם פאַרניכטונגס־קראַפט פון אַ היינטיקע אַטאָם אָדער וואַסערשטאָף־באָמבע ווערט געהאַלטן אין געהיים, עס איז אָבער באַקאַנט אַז אַזאַ באָמבע קען פולשטענדיק פאַרניכטן אַ גאַנצע שטאָט פון 10 מיליאָן איינוווינער. די גענעראַל־שטאַבן פון די גרויסע מדינות פאַרמאָגן היינט מער אַזעלעכע באָמבעס ווי עס זענען דאָ אַזעלכע צענער־מיליאָניקע שטעט אין דער וועלט. די באָמבע וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אויף הירושימאַ איז אַ קינדערשפּיל אין פאַרגלייך מיט די היינטיקע באָמבעס. די צאָל באָמבעס וואָס געפינט זיך אין די הענט פון די גענעראַל־שטאַבן, פוןביידע וועלט־מאַכטן, זענען גענוג צו פאַרניכטן אונדזער גאַנצן פלאַנעט. און דאָך ווערט ניט אויפגעהערט ווייטער זיי צו פּראָדוצירן. דאָס שרעקליכע געווער איז אויך היינט ניט מער קיין מאָנאָפּאָל פון איינציקע מדינות.

דאָס גליק וואָס דער סוד פון אַטאָמישן געווער איז ניט אַריינגעפאַלן אין די פאַרברעכערישע הענט פון דער היטלער־באַנדע איז צו פאַרדאַנקען צוויי סיבות: די ערשטע, וואָס די היטלער־מאַכט האָט פון דעם גיטינגען־אוניווערסיטעט פאַרטריבן אַלע יידישע געלערנטע, צווישן זיי אויך די אַטאָם־פאָרשערס. די צווייטע וואָס די געבליבענע דייטשע אַטאָם פאָרשערס האָבן ניט געהאַט קיין גרויסע סימפּאַטיע צום היטלער־רעזשים און זיך גאָר ניט געאיילט אָט דאָס שרעקליכע געווער איבערגעבן אין די הענט

פון דעם היטלעריסטישן גענעראַל־שטאַב, זיי האָבן באַוווסטזיניק געזאָרגט אַז היטלער זאָל פאַרשפעטיקן מיטן באַזיצן די אַטאָמישע באָמבע.

אויך סטאַלין האָט געקענט האָבן די אַטאָם־באָמבע נאָך פאַר אַמעריקע, אַ דאַנק די אַטאָם־פאָרשערס, וואָס זענען אַנטלאָפן אָדער באַזייטיקט געוואָרן נאָך היטלערס. קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד. סטאַלין האָט אָבער צו די דאָזיקע געלערנטע ניט געהאַט קיין גרויסן צוטרוי. ניט ווייניק צוליב דעם וואָס זייערע וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס זענען אין סתירה צום מארקסנס מאַטעריאַליזם, באַזונדער די קוואַנטן־טעאָריע, אַ דאַנק וועלכע עס איז געלונגען צו שפאַלטן דעם אַטאָם. סטאַלין האָט געזען אין די דאָזיקע טעאָריעס אַ גרויס געפאַר פאַרן מאַרקסיזם און האָט ניט איין אַטאָם־פאָרשער פאַרשיקט און אַנדערע פאַרטריבן. די מאַרקסיסטישע געלערנטע האָבן ניט געקענט מסכים זיין מיט דער טעאָריע אַז דער אַטאָם איז ניט קיין מאַטעריעלער איינס נאָר פונקט ווי אונדזער זון־סיסטעם, אַ צענטער אַרום וועלכע עס דרייען זיך פלאַנעטן און איז אַליין אַ פולווער־פאַס פון פראָצעסן. דאָס שפאַלטן פון דעם אַטאָם באַפרייט ריזיקע כוחות און עס קומט פאָר אין דעם אַטאָם אַן אייביק שאַפנדיקער און אייביק צעשטערנדיקער פראָצעס. נאָכן שפאַלטן דעם אַטאָם איז דער מאַרקסיזם געבליבן אַ צוריקגעצויגענע, רעאַקציאָנערע לערע.

די מעכטיקע קראַפט, וואָס ווערט באַפרייטביים שפאַלטן דעם אַטאָם, האָט אויפגעוועקט ביי גרויסע אַטאָם־פאָרשערס דאָס געוויסן. זיי האָבן זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גרויסן אומגליק צו וואָס די אַטאָם פאָרשונגען קענען דערפירן פאַר דער מענטשהייט, אויב די גענעראַלן און הערשער וועלן דעם אַטאָם אויסנוצן פאַר מיליטערישע צוועקן. האָבן טייל געלערנטע זיך אָפּגעזאָגט פון ווייטערדיקן פאָרשן דעם אַטאָם. אַנדערע אָבער האָבן אין דער קערן־וויסנשאַפט געזען די קאָלאָסאַלע נוצן אויב דאָס קען דינען די פרידלעכע אינטערעסן. אַנדערע געלערנטע שטעלן אָבער העכער די וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען פאַר די אינטערעסן פון דער מענטשהייט. זיי גלייבן אין אַ „וויסנשאַפט

לשם וויסנשאַפט״. דאָך האָבן די מערסטע וויסנשאַפט־לייט זיך געפינען אין אַ שטענדיקן קאָנפליקט מיט די גענעראַל־שטאַבן, אונטער וועמענס דרוק זיי האָבן זיך און געפינען זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג. די הערשער און גענערעלער פאָדערן פון דער וויסנשאַפט וואָס מער עפעקטיווע געווער, מיט וואָס גרעסערע פאַרניכטונגס־קראַפט. די וויסנשאַפטלער פלעגן אָפט זיך דערשרעקן פאַר זייערע אייגענע אַנטדעקונגען. אַפילו דער „פאָטער פון דער אַטאָם־באָמבע״, אָפּנהיימער, איז געווען פאַרדעכטיקט און געשטעלט געוואָרן צו דער אויספאָרשונג און צום סוף באַזייטיקט געוואָרן אַלס דירעקטאָר פון דער מעכטיקער „פאַבריק פון טויט״ אין לאָס אַלימאָס און אַפילו באַשולדיקט געוואָרן אין פאַראַט.

ניט געקוקט אויף דער ריזיקער צעשטערונגס־קראַפט, וואָלט דער מענטש געקענט האָבן קאָלאָסאַלע נוצן פון דער אַטאָם־ענערגיע. איר באַדייטונג קען פאַררעכנט ווערן צו די גרעסטע רעוואָלוציעס אין מענטשלעכן לעבן, ווי דאָס איז געווען די אַנטדעקונג פונעם פייער, דאָס ראָד און עלעקטריציטעט. זי וואָלט אויך געקענט דינען צום גליק פון דעם מענטש. אָבער אַנשטאָט אַ גרויסע האָפענונג איז די אַטאָם־קראַפט געוואָרן היינט די גרעסטע קללה, דער געשפּענסט פון אומקום, ווייל אָט דער כוח, וואָס גאָט אַליין באַזיצט ניט, איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די גרעסטע מענטשן־פיינט — די גענעראַל־שטאַבן. די קערן־פאָרשערס וואָלטן געקענט ווערן די היינטצייטיקע פּראָמעטעאוסעס און זיי זענען געוואָרן די מאָדערנע טייוולאָנים. אַנשטאָט די וויזיע פון אַ גליקלעכן מאָרגן, שטייען מיר פאַר דער טראַגישער וויזיע פון אַטאָמישן טויט. מיר וועלן אפשר קיינמאָל ניט פאַרשטיין דעם סוד פון אונדזער אַנטשטיין האָבן מיר ליידער אַנטדעקט דער גרויסן סוד ווי אומ־צוברענגען אונדזער עקזיסטענץ. אַפילו קיין איין נח וועט ניט בלייבן נאָכן בלוטיקן מבול און עס וועט ניט זיין ווער עס זאָל זאָגן קדיש נאָכן לעצטן מענטש.

די האָפענונג פון אַ טייל מענטשן, אַז די אַטאָם־סכנה וועט פאַרגיין ווי אַ בייזער חלום, די גענערעלער וועלן ניט וואָגן מיט דעם דאָזיקן בייזן געווער זיך צו באַנוצן, ווייל דאָס מאָל וועלן ניט בלויז

די זעלנער נאָר אויך זיי די גענעראַלן און פּאָליטיקערס וועט דער גרויזאַמער טויט ניט אויסמיידן, דאָס זענען אָבער אַלץ אילוזיעס, ווייל דער משוגעת פון פירן מלחמה איז גרעסער ווי דו לאָגישסטע אַרגומענטן, דעריבער טאָרן די מאַסן, באַזונדער די יוגנט ניט מאַכן זיך קיין אילוזיעס און וועקן די פעלקער פון גלייכגילטיקן דרימל; דעריבער דאַרפן פּאַרטריבן ווערן די משחיתים, וואָס גרייטן די אַנטגילטיקע קאַטאַסטראָפע פאַר אונדזער פּלאַנעט, וואָס קען מיט דער הילף פון אוראַניום פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּלאַמעדיקן פּלאַנעט אַזוי ווי אונדזער זון. די גענערעלער און פּאָליטיקער זאָגן, ביי יעדער מלחמה, אַז זי וועט זיין די לעצטע. דאַסמאָל מעג מען זיי גלייבן, ווייל נאָך דער אַטאָם־מלחמה וועט ניט זיין מער ווער עס זאָל מלחמה פירן, און עס וועט מער ניט זיין וועמען אומצוברענגען.

40 יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה

היינט 40 יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָכדעם, ווי עס איז באַזיגט געוואָרן דער היטלעריזם און דער נאַציזם, מיט וואָס האָט זיך געענדערט, ווי זעט אויס היינט די וועלט און צי דראָט ניט דער וועלט נייע און אפשר נאָך גרעסערע געפאַרן?

היינט גייט אַלץ אָן דער בלוטיקער קאַרנאַוואַל איבער אַלע טיילן פון דער וועלט. פון דער צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, זענען שוין פאָרגעקומען צענדליקע פאַרשידענע מלחמות און עס גייט נאָך איצט אָן די מלחמה צווישן איראַן און איראַק, די וויעטנאַמער קאָמוניסטן מאָרדן ברוטאַל און מערדעריש די קעמברידזשער קאָמוניסטן און דער קרבן איז דאָס פאָלק. עס גייט אַלץ אָן דער פעלקער־מאָרד פון די סאָוויעטן אין אַפגאַניסטאַן. עס מאָרדן זיך די פעלקער אין מיטל־אַמעריקע. עס מאָרדן זיך די פאַרשידענע עדות׳ס אין אינדיע און אין לבנון. אין דעם רייכן לאַנד פון נאַטור־אוצרות — אַביסיניע, שטאַרבן טאָגטעגלעך טויזנטער מענטשן, באַזונדערס קינדער, פון הונגער און זייער רעגירונג פאַשעט די הונגעריקע מיט מאַרקסיזם־לעניניזם, מען שיקט דאָרט טאַנקן אַנשטאָט ברויט. אויך דאָס רייכע אַמעריקע טראָגט ניט, צוליב מלוכישע פּאָליטיק, קיין ברויט פאַר די הונגעריקע.

איז ווי צו אַזאַ קאָרומפּירטע וועלט, וואָס לאָזט שטאַרבן

קינדער, מאַמעס און זקנים פון הונגער, ווען די רייכע לענדער באָדן זיך אין שווילטאָג און לוקסוס! ווײ, צו די פּאָליטיקערס וואָס דינען דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער אומגערעכטיקייט! ווײ, צו די פעלקער וועמענס לומפּן פרעדיקן אַזאַ פינצטערן אומיושר! דאָס איז די גרויסע שאַנדע פון אונדזער צייט! אַנשטאָט ראַטעווען גאַנצע פעלקער פון אַ הונגער־טויט באַזאָרגט מען זיי מיט די נייעסטע מאָרד־מכשירים זיי זאָלן קעגנזייטיק זיך אויסמאָרדן.

דאָס אומגליק פון דער וועלט איז, וואָס די פּאָליטיקער און הערשערס, פון ביידע מלוכישע בלאָקן, האַנדלען לויט זייערע הערשאַפט־אינטערעסן און ניט אין די אינטערסען און דעם גוטס פון זייערע פעלקער. שוין האַלבאַך, איינער פון די חשובסטע פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן פון 18 י. ה. האָט שוין דאַן דערקלערט: „פּאָליטיק, אַנשטאָט צו זיין די קונסט פון רעגולירן די מענטשלעכע ליידנשאַפטן און זיי צו לענקען אין די מענטשלעכע נוצן, ווערט ליידער דער גורם, וואָס באַנוצט זיך מיט דער דאָזיקער קונסט, אויף אויפצוהעצן די מענטשלעכע ליידנשאַפטן, מיטן ציל צו קעגנזייטיקער פאַרניכטונג און צו צערייסן דאָס וואָס פאַראייניקט די מענטשן און צו צעשטערן אַלץ, וואָס דאַרף דינען דאָס מענטשלעכע גליק". דאָס גאַנצע 20סטע י. ה. דאָס איז די טראַגישסטע עפּאָכע ווען בלוט איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי ביליק.

דאָס פילט דאָך יעדער ערלעכער מענטש, אַז אַזאַ אומגערעכטיקייט טאָר ניט פאַרגעזעצט ווערן, אַז מען דאַרף אַ סוף מאַכן צו דעם באַרבאַרישן סיסטעם און אַז עס מוז קומען אַן ענדערונג. איז טאַקע די פליכט פון יעדן ערלעכן מענטש מיטצוקעמפן פאַר פאַרבעסערן דאָס לעבן; פאַר יושר, שלום און פרייהייט.

מיר לעבן אין אַ צייט פון די העכסטע דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט און טעכניק און אין דער זעלבער צייט — אין אַ דערשטיקנדיקער אַטמאָספער פון אַ דעמאָראַליזירטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. וואָס גראָבט אונטער די יסודות פון דער ציווילי־זאַציע און פון דעם מענטשלעכן עקזיסטענץ. אַ ווילדע קללה הענגט איבער די פעלקער, דאָס זענען די רעזשימען וואָס, נאָך די בלוטיקע מבולים, שטויסן זיי די וועלט צו אַן אַטאָמישע

קאַטאַסטראָפע. עס קאָן קומען אַ צייט, ווען מיר וועלן, אַלס צוויי פיסיקע חיות, פאַרשעלטן די שעה, וואָס מיר זענען אַרויס פון די דזשונגלס און געבויט אונדזער ציוויליזאַציע, כדי אונדזער לעבן אַריינוואַרפן אין אַ שווידער פון גרעסערע סכנות, פון וועלכע עס האָט ניט געוווּסט דער ווילדער.

אוודאי באַוווּנדערן מיר דאָס גיגאַנטישע ווערק פון דער ציוויליזאַציע, איר טעכניק, וויסנשאַפט, קונסט און פילאָזאָפיע. דאָס אַלץ שאַפט אָבער גליק פאַר נאָר אַ פּריוויליגירטער מינדער־הייט, דאָס אַלץ איז געבויט אויף אויסנוצונג און עלנט פון מיליאָנען, דאָס אַלץ ווערט באַגלייט מיט די בלוטיקסטע מלחמות. די ציוויליזאַציע איז געבויט אויף דעם שווייס און בלוט פון מיליאָנען. וואָס פאַרא פאַרברעכנס זענען ניט אָפּגעטאָן געוואָרן אין נאָמען פון דער ציוויליזאַציע? דאָס איז דאָך אַ ציוויליזאַציע פון פעלקער־מאָרד, פון אוישוויץ, אַרכיפּעלאַג גולאַג און הירשימאַ.

פאַרשטענדלעך, אַז די הויפּט־שולדיקע פאַר דער קאָרומפּירטער ציוויליזאַציע טראָגן די הערשנדיקע פּאָליטישע כנופיות, די קאַפּי־טאַליסטישע פּלוטאָקראַטיע וואָס הערשן אין נאָמען פון דעמאָקראַטיע און די בלוטיקע דיקטאַטורן, וואָס הערשן אין נאָמען פון סאָציאַליזם. איז ווי קאָנען מיר זיך גרויסן מיט אונדזער פּראָגרעס, ווען מיר דאַרפן באַוויינען אונדזער חרפּה, וואָס מיר זענען שוין פעיק צו פליען צו דער לבֿנה און פּלאַנעטן, נאָר אַ ביסעלע יושר און שלום צווישן די פעלקער קענען מיר ניט אויף אונדזער אייגענעם פּלאַנעט ניט דערגרייכן? עס זענען געשאַפן געוואָרן געניאַלע ווערק און באַגאַנגען געוואָרן גרויזאַמע פאַרברעכנס. ניין, מיר האָבן ניט מיט וואָס צו שטאָלצירן, ווייל די געשיכטע פון אונדזער ציוויליזאַציע איז אויסגעווייקט אין בלוט און איז אַ קייט פון פאַרברעכנס.

מיר האָבן נאָך אַ געפערלעכן שונא, דאָס איז דער טיפּשות פון די מאַסן: די דעספּאָטיע פון דער „מערהייט״, וואָס לאָזט זיך פירן פון יעדן דעמאַגאָג, וואָס דורשט נאָך מאַכט; דאָס זענען די מאַסן, וואָס זוכן אַ משיח, אַ דערלייזער, וואָס זאָל נאָך מער זיי פאַרשקלאַפן. נאָר אַ דאַנק זייער טיפּשות האָבן די אַוואַנטוריסטישע

נאַפּאָלעאָנס און רוצחישע היטלערס געקאָנט פריי און אומגעשטערט באַגיין זייערע בלוטיקע פאַרברעכנס.

ביז היינט האָבן זיי געזיגט די פּיליסטערס, געצנדינערס צום גאָלדענעם קאַלב, מיט זייער קרעמערישער עגנהאַרציקייט. זי „די עפנטלעכע מיינונג", ווי פאַרטויבטע נשמות ציטערן פאַר יעדן פּראָטעסט קעגן די קאָרופּציעס און קעגן די פּירער־דעמאַגאָגן, וואָס פּאַכען מיט זייערע שווערדן און רופן צו בלוטיקע זיגן און פאַרסמען די מענטשלעכע נשמות מיטן סם פון האַס און שאָוויניזם. זי די „עפנטלעכע מיינונג", די דערצויגענע צו געהאָרכזאַמקייט, צו פאַר־לייקענען דעם אייגענעם „איך", די פאַרשקלאַפטע צו דאָגמעס, אַבערגלויבנס און קאָנווענציאָנעלע ליגנס.

אַ גליק וואָס אין אַלע צייטן, ביי אַלע גענעראַציעס האָבן זיך געפינען מוטיקע מענטשן, מיט דרייסטע געדאַנקען. זיי זענען געטאַדלט געוואָרן פון דער „עפנטלעכער מיינונג", מען האָט פון זיי געחוזקט. ערשט שפּעטער, אָפט נאָך זייער טויט, זענען זיי באַטראַכט געוואָרן פאַר די העלדן פון גייסט און געדאַנק, וואָס האָבן אַ שטויס געטאָן פאָראויס די מענטשלעכע קולטור. עס זענען דאָ מענטשן וועמען עס ציט צו די הימלען און אַזעלכע וועמען עס ציט צו די זומפּן. היינט פאָדערט זיך אַ סך מוט צו זיין ערלעך און ניט אויסגעלאָכט צו ווערן פון די פּיליסטערס און געלט־זעק, פון די וואָס פאַרמאָגן מאַגנס אַנשטאָט הערצער.

אַ שאָד וואָס צו די ברייטע מאַסן זענען ניט דערגאַנגען די ווערטער פון דעם פּרינץ פון גייסט פּיעטער קראָפּאָטקין, וועלכער האָט אַזוי געגלויבט אין די מאַסן און צו זיי געזאָגט:

— „מיר אַלע, וועלכע ליידן און ווערן אונטערגעדריקט טאָג־טעגלעך, מיר זענען אַזאַ מאַסע, וואָס קיין מענטש קען ניט איבער־ציילן; מיר זענען אַן אָקעאַן, וואָס שלינגט אַלץ איין. ווען מיר וועלן נאָר האָבן דעם ווילן צו טאָן, דאַן וועט גענוג זיין איין אויגנבליק, אַז די גערעכטיקייט זאָל קומען! אין יענעם מאָמענט וועלן אַלע טראַנען קייען די ערד!...

ליידער איז דאָס אַלץ נאָך דערווייל אַ ליימיקע מאַסע פון וועלכע יעדער אַוואַנטוריסט קען אויסקנעטן אַ ליימענעם גולם...

40 יאָר נאָכן זיג פון דער „דעמאָקראַטיע״ איבערן היטלעריזם, איז דער מענטש נאָך ווייט צו זיין פריי. עס ברעכן כסדר אויס נייע מלחמות אין די פאַרשידסטע טיילן פון דער וועלט. דאָס אומברענגען מיליאָנען האָט קיינעם גאָר ניט געלערנט. אויף די רואינעס פוןביידע וועלט-מלחמות איז אויסגעוואַקסן אַ נייער פעלקער-האַס, אַ נייער ראַסיזם. די מלחמות האָבן ניט נאָר צעשטערט שטעט און אומגעברענגט מיליאָנען, נאָר אויך פאַרניכטעט די מענטשלעכע ווערטן, די אידעאַלן, האָפענונגען און גלויבנס. עס האָבן געפּלאַצט אַ סך, דורך אַלעמען, אַנערקענטע אמתן. עס זענען צעטרעטן געוואָרן די אויטאָראַטיווע באַגריפן פון גוטס און שלעכטס. נאָר די אויגן פון גייסטיק-בלינדע זענען אַלץ ניט געעפנט געוואָרן. אַלץ וואָס איז פאַר דעם בלוטיקן מבול געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך, איז היינט פאַרנעפּלט און פאַרוואָלקנט. דער מענטש, אַנשטאָט צו פּראָגרעסירן, נידריקט אַלץ טיפער זיך אַראָפּ אין די אָפּגרונטן פון דער באַרבעריי.

7 נאָוועמבער

דער זיבעטער נאָוועמבער איז געווען ווי אַ ליכטיקער בליץ אין דער פינצטערער נאַכט פון אייראָפּע. עס איז געווען אין מיטן פון גרויזאַמען פעלקער־מאָרד אויף די שלאַכט־פעלדער פון אייראָפּע. די פעלקער, שווין מידע פון מאָרד און בלוט, האָבן געגלויבט אַז דעם זיבעטן נאָוועמבער איז געקומען דער סוף צו מלחמות, עקספּלאָטאַציע און הערשאַפט. לענין האָט דאַן אָנגעזאָגט אַז דער סאָוויעטן־סיסטעם איז מער ניט קיין מלוכישע הערשאַפט נאָר אַ קלאַסן־לאָזע און הערשאַפטלאָזע געזעלשאַפט. אָבער ליידער איז פון דאָזיקן חלום אַרויסגעוואַקסן א דיקטאַטאָרישע מלוכה־הערשאַפט, אַ מעכטיקע אימפּעריע, וואָס שטייגט איבער דער צאַרישע אימפּעריע אין איר ברוטאַלקייט און אונטערדריקונג פון יחיד און פעלקער. אַנשטאָט דער צוגעזאָגטער פרייהייט איז געקומען די גרעסטע אונטערדריקונג, און פּאָליציייאישער מאַכט, פון טעראָר, טורמעס און צוואַנגלאַגערס.

ווי אַזוי איז דאָס געשען? ווי ליגט די סיבה, וואָס אַ רעוואָ־לוציע, וואָס האָט אָנגעזאָגט די באַפרייאונג פון מענטש האָט געבערענגט די גרעסטע פאַרשקלאַפונג?

די טראָצקיסטישע טעאָריע וועגן „אַ רוסישן טערמידער" איז אַ צו באַנאַלער ענטפער אויף אָט דער פראַגע. לויט טראָצקין

איז אויף רוסלאַנד געקומען דער טערמידער מיטן טויט פון לענינען און זיג פון סטאַלינען, אָבער פאַקטיש, נאָך ביי לענינס לעבן, האָט ניט קיינער ווי ער טראָצקי אין בלוט דערטרינקען דעם אויפ־שטאַנד פון די קרוינשטאַטער מאַטראָזן, וואָס האָבן גאָר ניט געוואָלט מער ווי ניט לאָזן ליקווידירן די צילן און דערגרייכונגען פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, ניט לאָזן אַרויף די רעוואָלוציע אויף די קאָנטעררעאָלוציאָנערע רעלסן. זעט אויס אַז די סיבה דאַרף מען זוכן ניט אין לאָזונגען און ניט אין דער טאַקטיק ווי אויך ניט אין די פערזאָנען, וואָס זענען אָדער שטייען אין דער שפּיץ פון דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג, נאָר אין דער אידעאָלאָגיע. און דאָס הייבט זיך אָן ניט ביי לענינען ניט ביי סטאַלינען, נאָר מיר דאַרפן דאָס זוכן אין דער טיף פון מאַרקסיזם און ביי מאַרקס אַליין.

וועלכע זענען עס די נעגאַטיווע זייטן פון מאַרקסיזם, וואָס האָבן אַזוי געווירקט אויף דער פאַרקריפּלונג פון דער מאַרק־סיסטישער באַוועגונג, אויף די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען ווי אויף דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד ? דאָס זענען פיר הויפּט־סיבות :

1) דאָס איז די מאַרקסיסטישע טעאָריע אַז דער שטויסקראַפט, וואָס באַוועגט די געשיכטע איז די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציע־מיטלען. דאָס מיינט אַז ניט דער מענטש מיט זיינע ביאָלאָגישע און פּסיכישע אייגנשאַפטן, ניט מיט זיין ווילן און שכל, ניט מיט זיינע שטרעבונגען און איניציאַטיוו. ניט דער מענטש מאַכט די געשיכטע, ניט דער מענטש אַנטוויקלט די פּראָדוקציע־מיטלען נאָר די פּראָ־דוקציע־מיטלען באַשטימען דעם מענטשלעכן גורל און מאַכן די מענטשלעכע געשיכטע.

2) דאָס נעגירן פון מאַרקסיזם די מאָראַלישע־עטישע גורמים אויף דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, וואָס איז, אין אַ ניט קליינער מאָס, די סיבה פון דער פאַרקריפּלונג פון מאַרקסיזם און אירע הערשונג־מעטאָדן.

3) דאָס נעגירן די ראָלע פונעם יחיד און דאָס באַטראַכטן אים, ווי אַ שרייפעלע אין דער געזעלשאַפט. דאָס ניט פאַרשטיין

אַז יעדע געזעלשאַפט באַשטייט פון יחידים, ווי אַ וואַלד באַשטייט פוןביימער. די אַנטוויקלונג פון יחיד ווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. אַ פרייע געזעלשאַפט איז נאָר דאַן מעגלעך ווען ס'איז פריי דער יחיד. דערפון די מאַרקסיסטישע צורויבונג די פרייהייט און רעכט פונעם יחיד אין איר פאַרשקלאַפטער געזעל־שאַפט.

4) דאָס איז דער מאַרקסיסטישער גלויבן אַז דאָס געזעל־שאַפטלעכע, פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע לעבן דאַרפט זיין אַ צענטראַליזירטע און אַ קאָנצענטרירטע. פאַרשטענדלעך אַז אַ צענטראַליזירטע ווירטשאַפט נויטיקט זיך אין אַ צענטראַלע מאַכט און אין אַ צענטראַליזירטע געזעלשאַפט איז גאָר ניט מעגלעך קיין אמתע דעמאָקראַטיע. אַזוי איז געשען אַז, אַנשטאַט צו ליקווידירן דער מאַכט פון מענטש איבער מענטש, זענען די מאַרקסיסטן געוואָרן פאַרשקלאַפט צו דער מאַכט אָדער אַליין געוואָרן די מאַכט. די וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן צו ווערן די באַגרעבער פון קאַפּיטאַליזם האָבן געירשנט דאָס גאַנצע בייז פון קאַפּיטאַליזם.

אָבער די הויפּט־פראַגע וואָס שטעלט זיך איז — פאַרוואָס האָט דער מאַרקסיזם, פון אירע ביידע פליגלען, זייענדיק אין אַזוי פיל לענדער ביי דער מאַכט, אין ערגעץ ניט פאַר ווירקלעכט דעם סאָציאַליזם? דאָ דאַרף מען זוכן דעם ענטפער ווידער ביי מאַקסן. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געלערנט און געפאָרשט דעם גאַנצן מעכאַניזם פון קאַפּיטאַליזם און דורכגעפירט אַ גלענצנדיקע איבער אים קריטיק אָבער וועגן דעם וואָס עס דאַרף זיין דער סאָציאַליזם איז אים ווייניק צייט געבליבן צו זאָגן. און מיר מוזן גאָר ניט מיט אים זיין איינשטימיק, אַז סאָציאַליזם איז אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט און אַז לויט העגעלס טעאָריע פון דיאַלעקטיק וועט סאָציאַליזם זיין די סינטעזע צווישן קאַפּיטאַליזם און פּראָלעטאַריאַט. דערפאַר אָבער האָט דער רעאַל־סאָציאַליסט קאַראַל קויטסקי אונדז איבערגעלאָזט אַ בוך: „צו מאַרגנס נאָך דער סאָציאַלער רעוואָ־לוציע" וואָס איז ניט מער ווי אַ באַנאַלע אוטאָפּיע.

מיין איך אַז אַמבעסטן האָט דער מאַרקסיסטישער רעוויזיאָניסט

עדוואַרד בערנשטיין פאַרשטאַנען דעם מאַרקסיסטישן גייסט אין דער פראַגע סאָציאַליזם, מיט געצייילטע ווערטער — „דער ציל איז גאָר ניט די באַוועגונג איז אַלץ". דאָס מיינט אַז וויבטיקער פאַרן סאָציאַליזם איז די פאַרטיי און די מאַכט. אין דער פראַקטיק האָט עס באַדייט פאַר דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אַז נאָר אַ פּאָר מאַנדאַטן אין פאַרלאַמענט איז וויכטיקער ווי דער סאָציאַליזם און די באָלשעוויסטישע מאַרקסיסטן האָבן אַנשטאָט סאָציאַליזם געבויט טורמעס. זאָלן די „הייס-בלוטיקע" אַנאַרכיסטן זיך רייסן צום סאָציאַליזם, מיר האָבן צייט דער סאָציאַליזם וועט ניט אַנטלויפן, דערווייל, ביזן סאָציאַליזם, איז גאָר ניט שלעכט צו ווערן אַ דעפּוטאַט אין פאַרלאַמענט און אַפילו אַ מיניסטער. אַזוי איז דער סאָציאַליזם פאַרקריפּלט געוואָרן און פאַרמיאוסט אין די אויגן פון מיליאָנען. זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסע ביוראָקראַטיע, אין פאַרטיי-אַפּאַראַטן, אין אַ געזעלשאַפט פון באָסן, נאַטשאַלניקעס, פאַרטיי באָנצן, זשאַנדאַרמען און געהיים-פּאָליציי. דאָס אַלץ האָט מעגלעך געמאַכט דאָס קומען צו דער מאַכט פון היטלערן און אַנדערע פאַשיסטישע באַנדעס.

דערפון אויך דער מקור פון שינאה צום אַנאַרכיזם, וואָס האַלט אַז יעדע מאַכט איז קאָרומפּירט און אויך סאָציאַליסטישע. ווייל צוליב איר נעגירן יעדע מאַכט און דעספּאָטיע האָבן די מאַרקסיסטן, פון ביידע לאַגערן, געזען אין אַנאַרכיזם איר גרעסטן שונא. דערפאַר האָבן זיי אין בלוט דערטרינקען דעם מאַטראָזן אויפשטאַנד אין קראָנשטאַדט און ליקווידירט די אַנאַרכיסטישער פויערים-אַרמיי פון נעסטאָר מאַכנאָ און צום סוף די שפּאַנישע אַנאַרכאָ-סינדיקאַ-ליסטן, וואָס זענען די ערשטע אַרויס אין אָפענעם שלאַכט קעגן דעם פראַנקאָ, היטלער און מוסאָליני פאַשיזם. סטאַלין האָט אָבער, ווי עס באַווייזן דאָס אַלע פאַרשונגען פון שפּאַנישן בירגער-קריג, געהאַלטן פאַר ליבער אַ זיג פון היטלער איידער פון אַנאַרכיזם און ער האָט געשיקט זיינע טויזנטער געהיים- אַגענטן און שפּיאָנען, כדי צו ליקווידירן דעם שפּאַנישן אַנאַרכיזם. אָבער אויך די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וואָס איז ניט דעמאָקראַטיש און ניט סאָ-ציאַליסטיש, זעט אין אַנאַרכיזם איר גרויסן שונא. דאָס זענען די

נאָסקעס און שיידעמאַנס. דערפאַר איז דער מאַרקסיזם ניט נאָר אַ פאַלשע לערע נאָר אויך אַן אַנטי־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. אַמבעסטן האָט דאָס פאַרשטאַנען דער יידיש־דייטשישער אַנאַר־כיסטישער טעאָרעטיקער גוסטאַוו לאַנדאַוער, וואָס האָט אין זיין „רוף צום סאָציאַליזם" געשריבן, אַז דער מאַרקסיזם איז דער גרעסטער געשוויר אויפן קערפער פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. איר איז געלונגען אַנצוצונדן מיליאָנען מיט אַ גרויסער אילוזיע און גרויסע האָפענונג און געברענגט דער מענטשהייט אַזאַ טרויעריקע אַנטוישונג. דעריבער איז נויטיק אַן אויפריכטיקער חשבון הנפש וועגן דער ראָלע פון מאַרקסיזם, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע און אויך טרויעריקע ראָלע אין גאַנצן 20טן י. ה.

צום סוף ווילן מיר דערמאָנען די ווערטער פון גרויסן סאָציאַ־ליסטישן מאַרטירער גוסטאַוו לאַנדאַוער: „מיר זענען אַ פאָלק פון ירידה און אונדזערע פיאָנערן און פאַרויסגייער קענען מער ניט פאַרטראָגן די משוגעת פון דעם פיזישן כוח דאָס אַז יחידים זענען איזאָלירט און הפקר. מיר זענען דאָס פאָלק וואָס זינקט אַראָפּ טיף אַהין ווי קיין גייסט איז ניטאָ, וואָס בינדט צענויף, נאָר בלויז די פאַרדאָרבענע שיריים פון אַזאַ גייסט. דער שטות פון אָבערגלויבן איז דער מיאוסטער סוראָגאָט פון גייסט. דער צוואַנג פון אויסערלעכן כוח, פון דער מלוכה, מיר זענען דאָס פאָלק פון אונטערגאַנג. מיר זענען דאָס פאָלק, וואָס קען ווידער גיין באַרג אַרויף אָבער נאָר מיט דער הילף פון אַ אַן איינציקן גייסט — דעם גייסט פון גערעכטיקייט אין וועלטלעכע ענינים פון געזעלשאַפטלעכן לעבן... מיר זענען דאָס פאָלק וואָס קען ניצל ווערן און געבראַכט ווערן צוריק צו אַ קולטור, נאָר דורכן סאָציאַליזם". ערגעץ פריער זאָגט ער: „קיין שום פראָגרעס, קיין מין טעכניק, קיין ווירטואָזעס וועט אונדז קיין ישועה און קיין ברכה ניט ברענגען. דער גרויסער שינוי, וואָס מיר רופן היינט סאָציאַליזם, וועט קומען פון גייסט, פון די טיפענישן פון אונדזערע אינעווייניקסטע ליידן און פון די צרות, פון אונדזער אינעווייניקסטער שפע".

ליידער ווערט אָבער יעדע קריטיק, קעגן ראַטן פאַרבאַנד, קעגן קאָמוניזם און מאַרקסיזם, היינט פאַרשריגן פאַר קאָנטער־

רעוואָלוציע. זיי האָבן עס דערפירט דערצו אַז דאָס „לאַנד פון ברויט", וואָס רוסלאַנד איז געווען פאַר דער רעוואָלוציע, מוז קויפן בלויז ביי קאַנאַדע 2 מיליאָן טאָן ברויט יערלעך, אין אויס־טראַליע 750 טויזנט טאָן און מיליאָנען טאָן אין די פאַר. שטאַטן. פרעגט זיך צי איז מעגלעך גרעסערע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן ווי דאָס זענען די פירער פון באָלשעוויזם? און דאָך ביים גאַנצן ריזיקן אַפּאַראַט פון טעראָר איז געוווג, אַז איין גרויסע מענטשלעכע פערזענלעכקייט. ווי דאָס איז דער גרויסער רוסישער געלערנטער סאַכאַראָוו, וועלכע פאַרמאָגט ניט קיין דיוויזיעס, דערפאַר אַ הויכן מאָראַל, רויבט צו דעם שלאָף ביי די דעספּאָטישע מושלים פון קרעמעל. זיין חטא וואָס ער וויל ניט דערלאָזן צו אַ נייע בלוטיקע וועלט קאַטאַסטראָפע, זיין חטא וואָס ער שטעלט העכער די מענטשלעכע קולטור פון דער אַוואַנטוריסטישער פּאָליטיק פון די סאָוויעטישע דעספּאָטן. די פראַגע וואָס בלייבט ניט פאַרענטפערט איז — צו וועט זיגן די מענטשלעכע מאָראַל אָדער די מענטשלעכע דעספּאָטיע?

די צופרידענע וועלט

(אַ פעליעטאָן)

מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו לעבן צופרידן און רואיק אין מיטן דער אומרואיקער וועלט אין דער אומרואיקסטער צייט. מיר האָבן באַקומען אַ קאַלט האַרץ, אַ שטומפּיקן קאָפּ און אַ צעשויבערטע נשמה. מיר רויכערן געמיטלעך און לייענען גלייכגילטיק די צייטונגען, וואָס זענען פול מיט געשיכטעס וועגן מאַסן־מאָרד, טעראָר, בלוטיקע רציחות און אונדזערע הערצער פּלאַצן גאָר ניט פון ווייטיק, ניט פון שאַנדע. אפשר וועט אַמאָל די פּסיכאָלאָגיע קענען דערקלערן אונדזער סטאָאישער גלייכגילטיקייט צו מאָרד און בלוט? מיר לעבן אין אַ צייט ווען פאַרברעכן גייט געפּאָרעט מיט „הויכער" פּאָליטיק, ווי אַ געראָטענער זיווג, ווייל פּאָליטיק איז פרעך און געמיין אין אונדזער פאַרשאָלטענער צייט.

דאָך צווישן פרעכע מלחמות און בלוט־פאַרגיסונגען פליסט דאָס מענטשלעכע לעבן אַזוי נאַטירלעך, ווי אַנדערש דאַרף ניט און קאָן גאָר ניט זיין. פאַר אַ טייל פליסט דאָס לעבן גאַנץ אַנגענעם און באַקוועם. ווײַ איז בלויז צו די מאַמעס וואָס פאַרלירן אויף די פראָנטן זייערע זין, נאָר ווער הערט דען זייער ווײַ און ווער הערט דעם פאַרשטיקטן געשריי פון דער אָרעמקייט און נויט? פאַר די

געווער־פאַבריקאַנטן און געווער־סוחרים זענען מלחמות זייער גוטע ביזעס. אויף זיי איז גאָרניט קיין רחמנות. פּרעדיקן זיי דערפאַר וועגן פּריוואַט־איניציאַטיוו און געניסן פון דער דעמאָקראַטיע. אויך די קאָמוניסטן גלייבן אין געווער מער ווי אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" און די קאָמוניסטישע אַרמיי טרעט ברוטאַל מיט די שטיוול איבער מענטשלעכער פרייהייט. ווען זיי די מעסיקע סאָציאַליסטן שפּאַנען מיט געלאַסענע טריט צום סאָציאַליזם זייענדיק שטאַרק באַשעפטיקט מיט פּאַרלאַמענטאַרישע אינטריגעס. זיי ווילן אָבער מיט וואַל־זיגן און וואַל־דורכפאַלן פריער דערגיין צו אַ גייסטיקער ערזיע ווי צום סאָציאַליזם. די פירער פון ביידע פליגלען פון מאַרקסיזם זענען זייער גערעטענע פּאָליטיקאַנטן אָבער פרעגט זיי בחרם וואָס איז אַזוינס — סאָציאַליזם.

ביי די מאַסן איז דער באַגריף סאָציאַליזם געוואָרן „קאַשע מיט באָרשטש". זיי טרינקען ביר און שטימען פאַרן סאָציאַליזם. אונדזערע היימישע סאָציאַליסטן רייסן זיך אַרום ביי די קעפּ און ביי יעדע כנסת־וואַלן רייסן זיי די וויילער ביי די פּאָלעס. אָבער אַ גאָר פּיפּיקער דעמאַגאָג ציילט שוין די קעפּ פון די אייזלען וואָס וועלן אים קרוינען פאַרן — מלך ישראל און ריטשען זיין נאָמען איבער אַלע געמערקן. ער אַליין צווייפלט גאָר ניט, אַז די אייזלען זענען זיינע. ער דער פּאַסטוך פון די אייזלען דערקענט זיי גוט און ער דאַרף זיי ניט זוכן ווי שאול המלך. ער ווייסט אויך, אַז אַ גוטער פּאָליטיקער דאַרף האָבן דעם טאַלאַנט פון אַן אַקטיאָר און דאַרף גרויסאַרטיק שפּילן זיין ראָלע פון אַ פּאָלקס־פאַרזאָרגער און גרויסן פּאַטריאָט. וואָס וועט „בעזרת השם" ווייזן דער וועלט אַז אויך מיר יידן קענען שיסן מיט האַרמאַטן, אַפילו ביז מאָטקווע. ער וועט דאָס קליינע ישראל פאַרוואַנדלען אין אַ גרויסע אימפּעריע. בראַוואָ! ער שפּילט אויסגעצייכנט זיין קאָמעדיע.

אַז ישראל האָט דערלעבט צו האָבן אַן אייגענע מדינה, אייגענע פּאַרטייען און אייגענע ליגנערס איז פאַרוואָס זאָל גאָטס־פּאַרטיי ניט „אַרויסגיין פון די כלים" פון פרומקייט און פּאַטריאָטיזם? מיט דער זיכערקייט אַז פון „אויבן" האָט מען זיי באַפוילן צו וואַרפן אין שבת שטיינער אויף די אפּיקורסים און שפּאַלטן קעפּ און אַלץ ברוח

הקודש. האָבן זיי טאַקע אָנגעצונדן אַ גרויס פייער פון שאָוויניסטישן משוגעת, מיט אַגרויסער פסיכאָפאַטישער עפּידעמיע און אַ משונהדיקע אָנשיקעניש ווי אַן אָנשטעקנדיקע קראַנקייט, פאַר וועמען אַנטי־מאָראַלישקייט איז גאָטס ווילן. פאַרוואָס זאָלן זיי ניט, ווי אין איראַן, צעשפּילן אין די מאַסן אַן איינבילדונג, וואָס מאַכט פאַרגעסן אין דער גאַנצער רעאַליטעט. בלייבט אונדז, אין מיטן דעם פּסיכאָ־פאַטישן משוגעתן צו זיין צופרידן און גלייכגילטיק, אָדער נעמען לעשן די שריפה פון פאַנאַטיזם.

אוטאָפּיע און פֿאַנטאַזיע

עס איז שטאַרק פֿאַרשפּרייט דער געדאַנק, אַז די ווירקלעכקייט האַקט אונטער די פֿליגלען פֿון די שענסטע און איידלסטע באַגערן; אַז יעדע אידעע ווען זי האַלט אָפּ איר נצחון, ווען זי דערגרייכט איר ציל, מוז גיין אויף די שווערסטע קאָמפּראָמיסן מיט דער ווירקלעכקייט. אָדער ווי שאָפּענהויער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז דער זיג פֿון אַן אידעע איז אויך איר אומקום. אַזוי איז דאָך געווען מיטן קריסטנטום און מיטן סאָציאַליזם. צי קען מען דערפֿון מאַכן דעם אויספֿיר, אַז דאָס קריטיקירן די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַר־העלטענישן און אירע אינסטיטוציעס פֿירן צו גאָרניט, ווייל שולדיק איז דאָך דער מענטש, אויב דער רעזשים איז שלעכט, ווייל דער מענטש איז שלעכט? פֿון וואַנען שטאַמט אָט די מיינונג?

קודם כל פֿון דעם אַבערגלויבן אַז „אַנדערש קען ניט זיין" (העגעל) און אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט איז שׂכלדיק, ווי פֿון דער טעאָריע פֿון „היסטאָרישער נויטווענדיקייט" (מאַרקס). דאָס גיט אַ געזעלשאַפֿטלעכן סטאַטוס פֿאַר אַלץ וואָס עקזיסטירט, אַפֿילו ווען דאָס איז ניט ווערט צו עקזיסטירן; און אַז אַלץ וואָס געשעט, האָט געמוזט געשען. דאָס גיט אונדז די איינציקע ברירה צו קאַפּיטולירן פֿאַרן עקזיסטירנדיקן בייז, פֿאַרן פֿאַטאַלן גורל. דאָס זענען טראַגישע מיספֿאַרשטענדענישן, וואָס אַנשטאָט ווען אונדז

צום בונט קעגן שלעכטס, קעגן דער היסטאָרישער עוולה פון אומגערעכטיקייט. מאַכט דאָס אונדז פּאַסיוו. אין נאָמען, פון שלום־מאַכן מיט דער ווירקלעכקייט ווערן מיר בלינד צו דער ליכט פון אַן אַנדערע און בעסערער ווירקלעכקייט.

די אַלע וואָס ציטערן פאַר וועלכע עס איז ענדערונג שרעקן אונדז מיטן וואָרט — אוטאָפּיע. כאָטש די גאַנצע מענטשלעכע אַנטוויקלונג איז דער אייביקער גאַנג פון אוטאָפּיע צו אוטאָפּיע. דער מענטש האָט אַ נאַטירלעכע אייגנשאַפט צי כסדרדיקן שטרעבן. אוטאָפּיע איז אייגענטלעך די מענטשלעכע שטרעבונג צו בעסערס און שענערס. אַן איר וואָלט ניט מעגלעך געווען דער מענטשלעכער פּראָגרעס און ניט קיין שום געוואָגטער געדאַנק. אַלע גרויסע דענקערס זענען געווען אוטאָפּיסטן. אַלע גרויסע אידעאַלן — אוטאָפּיעס. דער וועלט־פרידן, סאָציאַליזם, פעלקער־ברידערשאַפט, יושר און אַפילו דער ציוניזם איז געווען אַן אוטאָפּיע.

דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן פאַנטאַזיע. פריער איז די מענטשלעכע פאַנטאַזיע געפלויגן אין די הימלען איידער מיר זענען געפלויגן מ.ט אייראָפּלאַנען. אַלץ וואָס זעט אונדז היינט אויס ריאַל וועט מאָרגן זיין ניט־שכלדיק. פון אוטאָפּיע און פאַנטאַזיע ווערט געבוירן יעדע נייע ווירקלעכקייט.

די הימלען האָבן שטענדיק אינספּירירט דעם מענטשלעכן געדאַנק און אַפילו די מענטשלעכע פּאָעזיע. אין דעם הימלגעוועב האָבן זיי געזוכט די רעטעניש פון אונדזער עקזיסטענץ און די געהיימנישן פון דעם קאָסמאָס. פּיטאַגאָרעס האָט שוין אין 6־טן יאָרהונדערט פ.קר.ג. דער ערשטער געקומען צום געדאַנק, אַז די וועלט איז קיילעכדיק און קאָפּערניק האָט דער ערשטער אין 17־טן י. ה. און שפּעטער גאַליליי פעסטגעשטעלט, אַז די ערד באַוועגט זיך אַרום דער זון. גאַליליי האָט שיער דערפאַר ניט באַצאָלט מיט זיין לעבן אויף דעם שייטער פון דער קאַטוילישער אינקוויזיציע. אין 18־טן י. ה. האָט ניוטאָן באַוויזן אַז די ערד און אַלע אַנדערע פּלאַנעטן באַוועגן זיך אַ דאַנק דער קעגנזייטיקער צוציאונגס־קראַפט. און וויפל האָט איינשטיין רעוואָלטירט און אויפגעטרייסלט אונדזער גאַנצן טראַכטן. אַלץ וואָס איז געווען אַזוי זיכער האָט, אַ דאַנק

זיין טעאָריע פון רעלאַטיוו, פאַרלוירן יעדן גרונט אונטער די פיס. יעדער מאַטעריעלער אָביעקט, וואָס מיר קענען דאָך אָנטאַפּן מיט די הענט, זענען דאָך ניט מער ווי פאַרגליווערטע ענערגיע.

און דאָך ביי אַלע מעכטיקע דערגרייכונגען זענען אונדזערע וויסנשאַפטלעכע באַגריפן שטאַרק באַגרענעצטע. דעריבער מוזן מיר אָנקומען צו דעם גרויסן כוח פון אונדזער פאַנטאַזיע און פאַרשטעלונגס־קראַפט. אָן איר וואָלט די וויסנשאַפט ניט גערוקט זיך אויף קיין האָר פאָרויס. איינשטיין דער וויכטיקסטער זייל פון פאָזיוויטיזם, האָט זיך אַפילו אויסגעדרוקט, אַז דער דימיון איז וויכטיקער ווי די וויסנשאַפט. מיט טויזנטער יאָרן צוריק איז דעמאָקריט דערגאַנגען צו דער טעאָריע פון אַטאָמען אָן וועלכע עס איז וויסנשאַפטלעכע אָבסערוואַציעס און פאַקטן. די גאַנצע הויכע מאַטעמאַטיק און פיזיק, אַלע אַבסטראַקטע טעאָריעס זענען אַ רעזולטאַט פון דער הויכער מענטשלעכער פאַרשטעלונגס־קראַפט. מיטן כוח פון דימיון זוכן מיר אַן ענטפער אויף די קאָמפּליצירטסטע דערשיינונגען אין דער נאַטור. אַלע מאַטעמאַטישע פאָרמולן און דעטערמיניסטישע געזעצן אין וועלכן דער מענטש האָט איינגעשפּאַנט דעם גאַנצן קאָסמישן כאָאָס און תוהו ובוהו פון באַשאַף זענען אויך ניט מער ווי אויספּאַנטאַזירטע. אין פּלאָנטער פון רעיונות, וואָס זוכן אַ טאָלק פאַר אַלע צופעליקייט און נאַטור־קאַפּריזן, וואָס לאָזן זיך דערקלערן מיט „וויסנשאַפטלעכע תירוצים", וואָס פּלאַצן אָפט ווי אַ זייפן־בלאָז. די וויסנשאַפט ווערט אָבער ניט מיד צו באַזייטיקן די טונקלקייט אין וועלכע עס איז איינגעהילט אונדזער עקזיסטענץ. זי באַנוצט זיך מיט די ראַפינירטסטע מעטאָדן פון אָבסערוואַציע און אַנאַליז. מיר וואָלטן אָבער ניט געהאַט קיין שום ערנסטע דערגרייכונגען אָן דעם באַנוצן זיך מיט אונדזער אינ־טואיציע. אָן איר וואָלטן מיר נאָך מער געווען אונטערשטעליק אין באַנעמען דער רעאַליטעט, וואָס איז איינגעהילט ניט נאָר אין סודותדיקייט, נאָר אויך אין ווידערשפּרוכן און אַנטינאָמען. מיר מאָלן זיך דעריבער אויס די רעאַליטעט אַלע מאָל אַנדערש. עס איז ניט לייכט צו פאַנגען די באַוועגלעכע רעאַליטעט אין די נעצן פון אונדזער „קלאָרן שכל", אָן דער הילף פון אונדזער פאַרשטעלונגס־

קראַפט, וואָס איז אויך ניט שטאַרק אָביעקטיוו. דערפאַר מוזן מיר זיך גרינטלעך באַפרייען פון יעדן דאָגמאַטיזם, וואָס בויט אירע „אמתן" אויף אַבסאָלוטע דאָקטרינעס. אַפילו דער ענגלישער פילאָזאָף בערנאַרד ראַסעל, וואָס האָט זיין פילאָזאָפיע געשטיצט אויף מאַטעמאַטישע און לאָגישע געזעצן, האָט „כאָטש די זון גייט אויף יעדן טאָג מיט דער זעלבער מאַטעמאַטישער גענויקייט", זיך ניט שטאַרק פאַרלאָזט אויף דער „וויסנשאַפטלעכקייט" פון די נאַטור־געזעצן, ווייל יעדע דערפינדערישקייט פון אונדזער געדאַנק טראָגט זיך אויף די פליגלען פון דער פאַנטאַזיע. זי האָט עס דער מאַטעמאַטיק געשאָנקען די שפּראַך פון סימבאָלן. וואָס פּרובירט צו באַנעמען די קאָנקרעטע רעאַליטעט מיט דער הילף פון אַבסטראַקטע ציפערן, די הויבע מאַטעמאַטיק ווי די עקזאַקטע וויסנ־שאַפט פאַלט אָפט אַריין אין דער כימעריע און אין די אָרעמס פון דער מעטאַפיזיק.

כאָטש די נאַטור שטעלט זיך פאַר אונדז פאַר אין אַ וווּנדערלעכע קאָסמישע האַרמאָניע פון וועלט־סדר, און מיר ווייסן גענוי וויפל ריזיקע קראַפט עס איז פאַרבאָרגן אין יעדן אַטאָם און וויפל ליכט־שנעלקייט טיילט אונדז אָפּ פון די אַנדערע הימלישע קערפּערשאַפטן; כאָטש די וויסנשאַפט פאָרמולירט היינט אַ נייעם וועלט־באַנעם פון אַ פיזיקער רעאַליטעט, פון נייע שייכותן צווישן רוים, צייט און באַוועגונג. געפינט אָבער די מענטשלעכע פאַנטאַזיע אַלע מאָל אויס נייע נאַטור־געזעצן און פאָרמולירט פון דאָס ניי איר וועלט־באַנעם. דעריבער לעבט ניט די וויסנשאַפט בשלום מיטן דעטער־מיניזם, ווייל די נאַטור איז פול מיט צופאַלן, זי שווימט אַרום אין אַ פאַרנעפּלדיקער סודותדיקייט, ווי יעדע דערפאַרונג און נייע היפּאָטעזע ענדערט פון דאָס ניי אונדזער באַנעמען דער רעאַליטעט.

דאָס וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן דער וויסנשאַפט איז נאָך מער שייך לגבי געשיכטלעכע דערשיינונגען. די היסטאָ־ריאָזאָפיע ווייסט ניט פון קיין עקסיאָמען און מיר טאַפּטשען אין דער פאַרנעפּלטקייט פון דער געשיכטע, ווו מען טאָר גאָר ניט זוכן קיין געזעצן, ווייל זיי זענען ניט בנמצא. די געשיכטע איז רייך מיט „אינצידענטן" און צופעליקייטן וואָס מאַכן צונישט די טעאָריעס

פון „געשיכטלעכע נויטווענדיקייט". מיר קענען קיינמאָל ניט באַווייזן, אַז דאָס וואָס איז געשען האָט געמוזט געשען. ווי קענען מיר באַווייזן אַז היטלער, סטאַלין און אוישוויץ זענען געווען געשיכטלעכע נויטווענדיקייטן. ווער ווייסט צו דער מאַרקסיסיזם, וואָס האָט באַהערשט די מוחות פון דער אינטעליגענץ און געווירקט אויף דעם אַרבעטער קלאַס האָט ניט ווייניק צוגעטראָגן צו דער דערשיינונג וואָס מיר רופן — סטאַליניזם און אפשר אויך משפּיע געווען צום געבורט פון היטלעריזם? סטאַלין און היטלער זענען מער געווען היסטאָרישע אומגליקן אין ניט קיין „היסטאָרישע נויטווענדיקייט".

מיר פּרובירן גאָר ניט צו לייקענען אין דער גרויסער ראָלע, וואָס עס האָט דאָס דערנערן אויף דעם טראַכטן. דאָס מיינט די ראָלע פון דעם מאַטעריעלן אויף אונדזער טראַכטן. מאַרקס האָט אָבער איבערגעזאָלצן מיט זיין „מאָגן-פילאָזאָפיע" און אונטער-געשאַצט די אַנדערע גורמים ווי דאָס פּסיכאָלאָגישע. מעגלעך אַז דער אַנדערער ייד, פרויד, האָט צו גוזמהדיק צוגעשריבן דער ראָלע פון סעקס. כאָטש ביאָלאָגן שטעלן דעם גורם פון פאַרמערונג אויף דעם זעלבן פלאַך וואָס דערנערונג. פרויד האָט אָבער אַנטדעקט אַ נייעם קאָנטינענט אין דער מענטשלעכער נשמה, דעם אונטער-באַוווסטזיין, פון וואַנען עס שטאַמען אונדזערע אַלע האַנדלונגען, ווו עס וווינט די אינטואיציע, די פאַנטאַזיע און דער חלום, וואָס זענען די מוטערס פון אונדזער גלויבנס, שטרעבונגען, אינסטינקטן, געפילן און ליידנשאַפטן, וואָס שפּילן גאָרניט קיין קלענערע ראָלע אויף די האַנדלונגען פונעם יחיד און ווירקן ניט ווייניקער ווי די עקאָנאָמישע פּראָצעסן אויף די געשיכטלעכע געשעענישן. און ניט ווייניק שטייען זיי אונטער די קוליסן פון מלחמות, רעוואָלוציעס, פּאָגראָמען און אינקוויזיציעס. ערשט פרויד לערנט אונדז צו פאַר-שטיין די טונקלקייטן, וואָס באַהאַלטן זיך אונטער אַלע געשיכטלעכע גרויזאַמקייטן, סאַדיזם און אכזריות. נאָר אין דער פּסיכאָפּאַטיע קענען מיר געפינען דעם באַשייד פאַר אַזעלכע דערשיינונגען פון אונדזער תקופה ווי דער היטלעריזם, סטאַליניזם און אוישוויץ. נאָר אַדאַנק דער פּסיכאָלאָגיע, און ניט מיט קיין עקאָנאָמישע טעאָריעס

קען מען אַריינקריכן אין די נשמות פון אַ ראָבעספּיער, סאַן זשוסט אָדער נאַפּאָלעאָן. מיר וואָלטן אַן אדלערס טעאָריע פון „מינדערווער־טיקייט־קאָמפּלעקס" און זיין טעאָריע פון „קאָמפּענסאַציע" ניט פאַרשטאַנען אַ סך היסטאָרישע געשעענישן און היסטאָרישע דערשיינונגען. די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע לערנט אונדז אָפּ־צוּוואַרפן די סטאַנדאַרטע און דאָגמאַטישע טעאָריעס, וואָס האָקן אונטער די פליגלען פון מענטשלעכן געדאַנק און לערנען צו פאַרשטיין ווי די פּאָליטיק פאַרטרייבט דעם גייסט, געוויסן און מאָראַל.

מיר מוזן דעריבער אָפּוואַרפן דעם וווּלגאַרן מאַטעריאַליזם און די טעאָריע פון „געשיכטלעכע נויטווענדיקייט" און דעם טוכלענעם ריח, וואָס טראָגט זיך פון יעדער אָרטאָדאָקסיע, וואָס שלעפּט צוריק דעם געדאַנק צו דער ערדישער בלאָטע, וועלכע האַמערט יעדע אַנטוויקלונג, מאַכט דעם מענטש פאַר אַ מאַריאָנעטקע אין די הענט פון גורל און האַקט אונטער די פליגלען פון די שענסטע און איידלסטע מענטשלעכע שטרעבונגען. דאָס אַלץ וואָס די „רעאַל־סאָציאַליסטן" און מאַרקסיסטן פאַרשרייען פאַר אַן אוטאָפּיע.

אַנאַרכיזם און ליטעראַטור

די אַנדערשקייט צווישן אַנאַרכיזם אוןביידע צווייגן פון מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם באַשטייט אויך אין דעם וואָס זיי אַטאַקירן דער עיקר די עקאָנאָמישע פאַקטן, און פאַרנעמען זיך מיט דער מאַטעריעלער זייט פון די מלוכה־רעזשימען, ווען דער אַנאַרכיזם באַנוגנט זיך ניט דערמיט און פאַרנעמט זיך גאַר שטאַרק מיט דער „גייסטיקער פּראָדוקציע״. דערפון דער אינטימער שייכות צווישן אַנאַרכיזם און קונסט, אַנאַרכיזם און ליטעראַטור, שטעלנדיק דעם טראָפּ אויף דער פּערזענלעכקייט, וועלכער איז פאַרן אַנאַרכיזם — דער אַקס פאַר סאָציאַלער פּראָגרעס. אין דער פּראָפּאַגאַנדע פון איר אידעע רופט דער אַנאַרכיזם צוהילף די קונסט און דער עיקר די ליטעראַטור.

אַנאַרכיזם איז קיינמאָל ניט געווען קיין איינגעשטעלטע אָרדענונג, נאָר אַ באַוועגונג אין פּראָצעס, פאַר וועמען קיין זאַך איז ניט גענוג. קיינמאָל ניט גענוג פרייהייט, ניט גענוג גלייכהייט, זי איז אַ פּסיכישע טרייבקראַפט ניט בלויז צו פאַרבעסערן די געזעלשאַפט, נאָר אויך פאַר מער פאַרפאָלקאָמונג פון דער פּערזענ־לעכקייט. דער אַנאַרכיזם איז דער פּרווו צו באַלאַנסירן די ווילנס און קעגנווילנס און דערביי אויסצומיידן אַ קעגנזייטיקע פאַרגוואַלטיקונג. איינער זאָל דעם צווייטן ביים גאָרגל ניט כאַפּן. און עס זאָל פאַר־

ווירקלעכט ווערן די סאָלידאַריטעט אויף וועלכע עס זאָל זיך באַזירן די צוקונפטיקע קאָמונע.

דער אַנאַרכיסט איז דערמיט אַנדערש פון די אַנדערע סאָרטן סאָציאַליסטן, וואָס ער האַלט אַז די צוקונפטיקע אָרדענונג ווערט שוין היינט געבויט. זי בויט זיך פאַר דער רעוואָלוציע און נאָך דער רעוואָלוציע. די פאַרווירקלעכונג פון דעם אַנאַרכיזם איז אַ דויערנדיקער פּראָצעס, וואָס הייבט זיך אָן שוין היינט. דעריבער ציט דעם אַנאַרכיסט שוין היינט צו אַ קאָמונע־לעבען. דאָס מיינט דורך פּערזענלעכן ביישפּיל און פּערזענלעכער פאַרווירקלעכונג זיך אַריינשפּינען אין דער צוקונפט־אָרדענונג, ווי אין דעם פאַרמירן זיך פונעם צוקונפט־מענטש. דער אַנאַרכיזם מוז דעריבער אָנקומען צו קונסט־אַקטן.

דעריבער איז די ליטעראַטור די נאָענטסטע און אינטימסטע שפּייזערין פון אַנאַרכיזם, מען קען זיי גאָר ניט צושיידן. די ליטעראַטור טוט אָן אַ שיעור דינסט פאַרן אַנאַרכיזם, קולטיווירנדיק די אַנאַרכיסטישע פּערזענלעכקייט. ניט אומזיסט איז איבסען געוואָרן אויסגעזידלט, דורך דעם מאַרקסיסטישן טעאָרעטיקער פּלעכאַנאָוו, אַלס אַן „אַנאַרכיסטישער קליינבירגער״.

דעם סוד פון דער טיפער פאַרבינדונג צווישן אַנאַרכיזם און ליטעראַטור האָבן געוווּסט אַלע אַנאַרכיסטישע טעאָרעטיקערס און האָבן דערפון געצויגן נוצן. האָט דאָך קראָפּאָטקין אָנגעשריבן די געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור און רודאָלף ראָקער האָט מיט זיינע „זעקס כאַראַקטערן פון דער וועלטליטעראַטור״ דערצויגן מער אַנאַרכיסטן, ווי מיט וועלכע עס איז פּראָפּאַגאַנדע. דאָס זעלבע האָט געטאָן עמאַ גאָלדמאַן און דערמיט נוצן געבראַכט סיי דעם אַנאַרכיזם סיי דער ליטעראַטור. איז עס ניט קיין ווּנדער, וואָס אין 19־טן, און אין 20־טן י. ה. האָבן באַדייטנדיקע קינסטלער און שרייבער אויסגעדרוקט זייער סימפּאַטיע צום אַנאַרכיזם, ווי אַ הומאַנע פילאָזאָפיע. הערבערד ריד האָט ריכטיק דערקלערט אַז יעדער קינסטלער האָט די נויטווענדיקייט צו זיין אַן אַנאַרכיסט, ניט בלויז ווייל אַנאַרכיזם איז דער אַלטערנאַטיוו צו דער „הערן־קנעכט״ פאַרהעלטענישן, נאָר אויך ווייל איר ציל איז די פרייהייט

פון אויסדרוק. לויט ע. ווינדט ווירקט אין אַ גרויסער מאָס דער אומרו, דינאַמישקייט און בונטאַרישקייט צום גונסטן פון דער שעפערישער ענערגיע. אויך אומצופרידנקייט מיט דעם עקזיסטירנדיקן באַפרוכפערט דער שעפערישער אַקטיוויטעט.

האָבן זיך טאַקע געפינען ניט ווייניק אַנאַרכיסטישע שרייבער, קינסטלער און פּאָעטן. גענוג בלויז צו דערמאָנען אַזעלעכע נעמען ווי: לעוו טאָלסטוי, הענריק איבסען, פראַנץ קאַפקאַ, דזשאָרדזש אָרוועל, אַלבערט קאַמי און דער „פרינץ פון דער פּאָעזיע", פּוירסי ביש שעללי. צו זיי דאַרף מען צורעכענען אַזעלכע פּאָעטן ווי: פערדינאַנד פרייליגראַט, ערנסט טאָלער. עריק מיהזאם (דער יידיש־דייטשער אַנאַרכיסטישער דיכטער, דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלער־באַנדעט). צו זיי געהערן די יידישע דיכטערס דוד עדעלשטאַדט, יוסף באָוושאָווער און אַ. אלמי. אַוודאי איז די רשימה, פון אַנאַרכיסטישע שרייבערס, דערמיט ניט אויסגעשעפּט. אָט נעמען מיר אַזאַ ראָמאַן פון דעם דייטשישן שרייבער האַלענדער, וואָס איז אַליין גאָר קיין אַנאַרכיסט ניט געווען, אָבער זיין ראָמאַן „די זוכער פון אמת" איז אַן אַנאַרכיסטישער ראָמאַן. אָדער נעמען מיר די ראָמאַנען און דערציילונגען פון דעם מיסטעריעזן שרייבער ב. טראַווען, וואָס ביז היינט ווייסט מען ניט זיין ריכטיקן נאָמען, ניט פון וועלכן לאַנד ער קומט. מען ווייסט בלויז אַז ער האָט אָנטייל גענומען אין דער ביירישער רעוואָלוציע פון 1918, מען ווייסט אַז ער איז אַן אַנאַרכיסט און אַז ער האָט געשריבן אין דייטש און זיינע ראָמאַנען זענען איבערגעזעצט אין אַ סך שפּראַכן און אויך פילמירט געוואָרן, אויך דער האָלענדישער שרייבער, מולטאַטילי, איז פּאַקטיש געווען אַן אַנאַרכיסט. אַן אַנאַרכיסט איז אויך געווען דער פראַנצויזישער שרייבער אָקטאַוו מירבאָ און עמיל זאָלאַ האָט זיך אַליין באַצייכנט פאַר אַן פילאָזאָפישן אַנאַרכיסט. טיף אַנאַרכיס־טישע געדאַנקען געפינט מען ביי אַלע גרויסע שרייבערס, אָנהייבנדיק פון שעקספּירן. סימפּאַטישע אַנאַרכיסטישע טיפּן געפינען מיר ביי ראָמען ראָלאַנען (זיין „אַנקעטע"), ווי אויך ביי אונדזער שלום אַשן („ריווער סטריט"), און ביי אַ סך אַנדערע. דער טיפּ פון אַן אַנאַרכיסט אין זייער פּאָפּולער אין דער ליטעראַטור און פאַר נעמט

אַ גרויס אָרט אין דער ליטעראַטור אין פּאָזיטיוו, און ביי טייל — אין נעגאַטיוון זין.

נעמען מיר אַזעלכע שרייבערס ווי: אַנאַטאָל פּראַנס, ראמען ראָלאַן, הענרי מענקען, סינקלער לעוויס, טעאָדאָר דרייזנער, שערווּוד אַנדערסאָן, נעקסאָ, וועלס, שאָו קעי און אַנדערע האָבן ניט געזען בלויז דעם עקאָנאָמישן אומיושר נאָר אויך דאָס העצן קעגן דעם קאָליר און אבשטאם, קעגן ראַסע און פאָלק, דאָס אַלץ וואָס פאַרביטערט דאָס לעבן פון מענטש און ווערט אַ סיבה פון קעגנזייטיקן האַס. יעדע קריטיק, יעדע הערעזיע און אַפילו יעדער ערלעכער מענטש ווערט פאַרשריגן ווי אַן אַנאַרכיסט.

שלום עכשיו

פון מיצקעוויטשן איז די גאַנצע פּוילישע ליטעראַטור און פּאָעזיע באַשטאַנען פון איין גרויסע בענקשאַפט נאָך דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן. נעמען מיר דעם גרויסן פּוילישן שרייבער סטעפאַן זשעראָמסקי, וואָס איינער פון זיינע ביכער טראָגט דעם נאָמען „ערב פרילינג", איז אפשר געווען דער קלאַסישסטער ביישפּיל פון דער דאָזיקער בענקשאַפט. זשעראָמסקי איז געווען אַ גרויסער הומאַנער שרייבער פון סוף 19־טן און פון אָנהייב 20־טן יאָרהונדערט. ער איז געווען אַ קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט. אַליין געהערט צום רייכן בירגערטום און צום אַדל האָט ער דאָך געשריבן מיט גרויס סימפּאַטיע צום אָרעמען פּויער און אַרבעטער. ער האָט אַפילו מיט גרויס סימפּאַטיע באַשריבן די יידישע אָרעמקייט פון קליינעם שטעטל. אַליין געשטאַמט פון אַ פּראַוואָסלאַוונער משפּחה, אַ געמיש פון פּאָליאַקן און רוסן, האָט ער זייענדיק אַ פריינד פון רוסישן פאָלק, געהאַסט דעם צאַריזם. זיינע העלדן זענען קעמפער פאַר דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט און פאַר סאָציאַלן יושר. דער מחבר פון אַזעלכע באַרימטע ווערק ווי: „לודזשע בעזדאָמני", „סיזופאָווע פּראַצאַ", „פּאָפּיאָלי", „פּזשעד וויאָסנאַ" און אַנדערע זענען געשריבן אין טיפן הומאַנישן גייסט, מיט ליבע צום מענטש. ווי אַלע אַנדערע פּוילישע שרייבערס איז ער

געוועזן פול מיט בענקשאַפט נאָך אַ פרייַ, אומאָפּהענגיק פּוילן. די סיבה פון דעם שלעכטס, די אָרעמקייט און אָפּגעשטאַנענקייט, וואָס האָט געהערשט אין פאַרשקלאַפטן פּוילן, האָט ער געזען אין דעם צאַרישן אָקופּאַנט און געגלויבט, אַז ווי נאָר פּוילן וועט זיך באַפרייען וועט דאָס גאַנצע שלעכטס פאַרשווינדן און פּוילן וועט ווערן דאָס לאַנד פון סאָציאַלן יושר און הויכער קולטור. ער האָט סימבאָליש אַזאַ פּוילן באַצייכנט, ווי דאָס לאַנד פון „גלעזערנע הייזער", וואָס ער האָט אויסגעחלומט אין זיין „ערב פרילינג" און אין אַנדערע ווערק.

נעבן די איבער 20 מיליאָן פּאָלאַקן האָט אין דעמאָלטדיקן פּוילן געלעבט דריי מיליאָן יידן. זייער לעבן פאַרנעמט אין דער פּוילישער ליטעראַטור אַ גאַנץ קנאַפּן אָרט. אָוודאי איז געוואָרפן געוואָרן די לאָזונג — „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט". דאָס איז אָבער געבליבן ניט מער ווי אַ לאָזונג, דער אַנטיסעמיטיזם האָט געבליט ביים פּוילישן פאָלק, וואָס איז אַליין געווען פאַרקנעכט.

די וויכטיקסטע פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.), אַ מין פּוילישע מפא"י, האָט העלדיש געקעמפט פאַר דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט, באַנוצט זיך אַפילו מיט טעראָר קעגן דער צאַרישער מאַכט. צווישן אירע גרינדער און פירער האָבן זיך געפינען אַזעלכע יידן ווי: מענדלסאָן (גרינדער און טעאָרעטיקער) פערלע (רייס), ליבערמאַן, דיאַמאַנט, פּראַגער און אַנדערע. אויף דער פאָן פון דער פּאַרטיי איז געווען געשריבן: „אומאָפּהענגיקייט און סאָציאַליזם". פאַרוואָס אויך — סאָציאַליזם, דערקלערט דאָס אין זיין פאַררעדע צו זיין געשיכטע פון דער פּ.פּ.ס. איר פירער פערלע (רייס) ווו ער זאָגט: „די פּוילישע אינטעליגענץ האָט ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז כדי צו געווינען דאָס פּוילישע פאָלק, פאַרן קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט, מוז מען צו איר קומען מיט דער אידעע פון סאָציאַלן יושר. דעריבער האָבן מיר זיך דערקלערט אויך פאַר סאָציאַליסטן".

די פּוילישע אומאָפּהענגיקייט איז דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק צוויי רעוואָלוציעס: די רוסישע און די דייטשישע נאָך דער ערשטער

וועלט־מלחמה. אָבער ווי נאָר די אומאָפּהענגיקייט איז דערגרייכט געוואָרן האָבן די קעמפער פאַר דער אומאָפּהענגיקייט גלייך פאַרגעסן אין איר צווייטן ציל — סאָציאַלער יושר און סאָציאַליזם. אַמבעסטן האָט דאָס אויסגעדריקט דער פריערדיקער פירער פון דער פּ.פּ.ס. און שפּעטערדיקער פאַשיסטישער דיקטאַטאָר פון פּוילן פּילסודסקי מיט די ווערטער: „אין אונדזער קאַמף האָבן מיר געהאַט פאַר זיך צוויי צילן אָדער צוויי סטאַנציעס, די ערשטע אומאָפּהענגיקייט, די צווייטע־סאָציאַליזם, ווען מיר זענען דערפאָרן צו דער ערשטער סטאַנציע זענען מיר אַראָפּ פון דער באַן און ווייטער ניט געפאָרן".

באַלד נאָך איר אומאָפּהענגיקייט איז פּוילן פאַרסמט געוואָרן פון שאָוויניזם און אַראָגאַנץ. אַליין זיך קוים באַפרייט, אַ דאַנק דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט זי זיך געוואָרפן אין דער מלחמה קעגן דער רעוואָלוציע מיט דער לאָזונג „אַ גרויס פּוילן" און „אַ פּוילן פון ים צו ים". קיעוו האָבן זיי פּראָקלאַמירט פאַר אַ פּוילישע שטאָט. נאָכן ריגער שלום־אָפּמאַך מיט די באָלשעוויקעס איז פּוילן געוואָרן די הערשערין איבער גרויסע טיילן פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד און איבער 30 פּראָצענט פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס פּוילן האָט פאַרשקלאַפט און אונטערגעדריקט. די נעכטיקע אונטערגעדריקטע פּאָליאַקן זענען געוואָרן די הערשער איבער אַנדערע פעלקער. צי איז די לאַגע פון די פּאָליאַקן דערמיט בעסער געוואָרן? ניין, פּוילן איז געבליבן אָפּגעשטאַנען, אַנאַלפאַבעטיש און אָרעם. געלעבט האָבן אַ גוטן טאָג די פּריצים, קאַפּיטאַליסטן און הויכע טשינאָווניקעס (מלוכישע אָנגעשטעלטע), וואָס האָבן געהעצט דאָס פאָלק קעגן יידן, וואָרפנדיק די לאָזונג — „פּוילן פאַר פּאָליאַקן, יידן קיין פּאַלעסטינע!" די גאַנצע צייט פון פּוילנס עקזיסטענץ, ביז דער צווייטער וועלט מלחמה, זענען פאָרגעקומען אַנטי־יידישע עקסצעסן, פּאָגראָמען און בויקאָט קעגן יידישער אַרבעט און יידישן האַנדל. די יידן זענען געווען צווייטראַנגיקע בירגער די לאַגע פון די אוקראַינער און ווייסרוסן איז ניט געווען פיל בעסער. זיי זענען געווען פּויערים, וואָס האָט געלעבט אין גרעסטער אָרעמקייט, זאַלץ איז געווען פאַר זיי אַ לוקסוס. די

פּאָליאַקן האָבן די דאָזיקע אָרימע פּויערים פֿאַרוואַנדלט אין ביליקע אַרבעטס־הענט און צוגערויבט זייער ערד, שאַפֿנדיק זידלונגען פֿון פּוילישע „אָסאַדניקעס" אויף דער אַוקראַאינישער און ווייסרוסישער ערד מיטן תירוץ אַז דאָס איז אין די אינטערעסן פֿון דער פּוילישער זיכערקייט. די פּוילישע טורמעס זענען געווען איבערגעפּולט מיט פּאָליטישע אַרעסטירטע, איבערהויפּט מיט יידן, אוקראַאינער און ווייסרוסן. די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז ניט ווייניק געווען פֿאַרסמט פֿון שאָוויניזם און מיטגעמאַכט די דאָזיקע פּאָליטיק. אין דער דיסקוסיע צווישן דעם פֿירער פֿון דער פּ.פּ.ס. ניעדזשאַלקאָווסקי און דעם בונדישן פֿירער ערליך, האָט ניערזשאַלקאָווסקי אויף דער צייטונג „ראָבאָטניק" געשריבן, אַז די שולדיקע וואָס די פּוילישע אַרבעטער זענען אַנטיסעמיטיש זענען די יידישע קאַפּיטאַליסטן, וואָס נוצן אויס דעם פּוילישן אַרבעטער און די יידן פֿון די קליינע שטעטלער, וועלכע לעבן פּאַראַזיטיש אויפֿן חשבון פֿון פּוילישן פּויער. אין דער צייט האָט דער „ליבעראַלער" פּראָפֿעסאָר שימיינסקי אין דער צייטונג „פּאָלסקאַ" געשריבן, אַז די סיבה פֿון אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן איז וואָס די יידן זענען קאָמוניסטן. די אָפּגעשפּאָלטענע פֿון דער פּ.פּ.ס. די „פֿראַקציע "האָט אָפֿן גערופֿן צו פּאָגראָמען קעגן יידן.

פֿאַרשטענדלעך אַז די העצע קעגן יידן האָט שטאַרק גענוצט דעם פּוילישן פֿאַשיזם צו פֿאַרשטאַרקן זיין הערשאַפֿט איבערן פּוילישן פֿאָלק און שטאַרקער אויסצונוצן דעם פּוילישן אַרבעטער. אויף אַלץ וואָס ס'איז געווען שלעכט האָט מען געמאַכט פֿאַראַנטוואָרטלעך די יידן. דאָס זענען זיי געווען אין אַלץ שולדיק. אָנהייבנדיק מיט יידן האָט דער פּילסודסקי פֿאַשיזם גענומען זיך צו די ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע פּאָליאַקן. די פֿירער און סיים־דעפּוטאַטן פֿון דער פּ.פּ.ס., וואָס האָבן געהאָלפֿן פּילסודסקין צו קומען צו דער מאַכט, האָט פּילסודסקי פֿאַרשפּאַרט אין דער בריסקער פֿעסטונג און זיין געצווונגען מיט די גאָלע הענט צו רייניקן די קלאָזעטן.

ווען פּוילן איז אין 39־טן יאָר באַפֿאַלן געוואָרן פֿון די היטלער־באַנדעס, איז געקומען דער סוף צום חלום פֿון דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט. די אַלע הויכע מיליטערלייט, מיניסטאָרן

און די גרויסע פּאַטריאָטן זענען די ערשטע אַנטלאָפן קיין רומעניע, איבערלאָזנדיק דאָס פּאָלק אויף הפקר. דאָס לאַנד וואָס איז געווען דורכגעפּרעסן פון פעלקער־שינאה און שאָוויניזם איז ניט פּעאיק געווען זיך צו פּאַרטיידיקן אַפילו אין געציילטע טעג. די אַרמיי איז זיך צעפאַלן, נאָר דאָס פּאָלק האָט ביי די גרעסטע שוועריקייט פאַרטיידיקט וואַרשע כמעט דריי וואָכן.

פאַרוואָס האָבן מיר געגומען אָט די טעמע — פּוילן און פאַרוואָס האָבן מיר דאָס אַלץ דערציילט? ווייל די ענלעכקייט וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין פּוילן און וואָס ס׳קומט איצט פאָר אין ישראל באאומרויקט יעדן ייד וואָס איז געטריי זיין פאָלק און לאַנד. פּוילן קען אונדז דינען פאַרן בעסטןביישפּיל, אַז די אומאָפּהענגיקייט איז ניט אַלץ, אַז אָן פרייהייט און יושר קען מען די אומאָפּהענגיקייט ניט איינהאַלטן, אָן גלייכהייט פאַר די אַראַבער אין ישראל וועלן מיר זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פאָלק פון הערשער און אויסנוצערס. הערשנדיק איבער אַנדערע וועלן מיר אַליין זיין פאַרשקלאַפט. פּוילן דאַרף אונדז דינען ווי אַ וואָרנונג. אויך די באַפרייטע אַפריקאַנישע לענדער, ווי נאָכן באַקומען זייער אומאָפּ־הענגיקייט ווערן דאָרט די פעלקער אונטערגעדריקט און אויסגענוצט, פון זייערע אייגענע מיליטערישע קאַסטעס, מער ווי פון די פרעמדע קאָלאָניאַלע מאַכטן. צי וועלן מיר דערפון עפּעס לערנען?

אויך די העברעישע ווי די יידישע שרייבערס און פּאָעטן האָבן אין דער צעשפּרייטונג אויסגעזונגען זייער בענקשאַפט נאָך ציון. ביאַליקס ליד „אל הציפור״ איז געוואָרן דער רוף — צוריק קיין ארץ־ישראל. ניט בלויז שרייבער, נאָר אויך יעדער ייד איז געקומען אין לאַנד אַריין מיטן חלום פון אַ יושרדיק ישראל, ווו עס וועט ניט הוליען די ביוראָקראַטיע, עס וועלן ניט אינטריגירן די פּאָליטיקאַנטן און אַ ייד וועט קיינעם ניט באַוועלטן און ניט אויסנוצן.

די אַנטוישונג האָט אַרומגעכאַפּט אויך די ציוניסטישע קרייזן און דער ציוניזם לעבט דורך אַ שווערן קריזיס. די סיבות זענען אַ סך: ס׳איז פאַרלוירן געוואָרן דער גרעסטער טייל פון די יידן אין אייראָפּע און דער ציוניזם האָט זיי ניט געקענט ראַטעווען. זי האָט אַפילו ניט באַוויזן אויפצוּוועקן די עפנטלעכע מיינונג פון

דער פרייער וועלט און אַפילו דער יידישער עפנטלעכקייט ניט געפירט צום פּראָטעסט, צום געשריי. דער צווייטער דורכפאַל פון ציוניזם איז וואָס איר איז ניט געלונגען אויסצומיידן, אָדער כאָטש לינדערן, דעם סיכסוך מיט די אַראַבער אין ישראל און זי פאַרמאָגט ניט ביז היינט קיין פּאָזיטיוון פּלאַן פאַר אַן אויסוועג פון דאָזיקן בלוטיקן סיכסוך.

אַנשטאָט געפינען אַ מאָראַלישן, הומאַניטאַרן וועג פאַר אַ פאַרשטענדעניש מיט די אַראַבישע מאַסן, אַנשטאָט שענקען זיי גלייכע רעכט און בויען דאָס לאַנד אויף שלום און יושר פאַר דער גאַנצער ישראלדיקער באַפעלקערונג, האָט אַ גרויסער טייל פון ציוניסטישן לאַגער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ נעוואָראָטישע, שאָוויניסטישע און ברוטאַל-משיחישע באַוועגונג. די טראַגעדיע איז, וואָס אויך דער סאָציאַליסטישער ציוניזם קאַפּיטולירט אַלץ מער פאַר אָט דעם פאַנאַטיש-קלעריקאַל-משיחישן ציוניזם. דער חטא פון די דאָזיקע „סאָציאַליסטן” שטעקט ממש אין די אויגן. אירע מנהיגים פאַרמאָגן ניט קיין שום וויזיע, אַפילו ניט קיין פאַנטאַזיע, נאָר שלעפּן זיך נאָך, מיט זייער אויסגעפּוצטער פּוסטקייט, נאָך די געשעענישן און לעבן זיך אויס אין די פּאַרטייאישע זומפּן, ווו עס גייט אָן דער געראַנגל נאָך פּאַרטייאישע און מלוכישע קאַריערעס און פּאָסטנס. קיין שום נייער ווינט, וואָס זאָל פון ערגעץ ניט בלאָזן קען זיי ניט ארויסשלעפּן פון זייער גייסטיקער פאַרגליווערטקייט און פון זייער פּאָליטישע דאָגמעס. אַזאַ דערפרישנדיקער דאָקומענטן, וואָס עס האָבן פאַרעפנטלעכט אַזעלכע באַקאַנטע סאָציאַליסטיש-ציוניסטישע טוערס ווי יגאַל עילם און צבי כסה, וואָס רופן צו באַנייען דעם ציוניזם און זיך אָפּשאָקלען פון אירע פעלערן, האָט קיינעם ניט גערירט, אויף קיינעם פון זייערע פּאַרטיי-חברים ניט געמאַכט קיין רושם. דער רוף צוריק צו די ציוניסטישע אידעאַלן, צום סאָציאַלן יושר איז געבליבן „ווי גערעדט צו דער וואַנט”. עס גייט ווייטער אָן די גייסטיקע פאַרגליווערטקייט פון די עסקנים, די אָפּגעשטאַנענקייט פון די מאַסן, די פאַרדאַרבנקייט פון דער ביוראָקראַטיע און דער געלט-גייציקייט פון די קאַפּיטאַליסטן און דאָס פּאַראַזיטישקייט פון שפּעקולאַנטישן קאַפּיטאַל, וואָס האָט

אַריינגעטריבן די ישראל־ווירטשאַפט אין אַ קייט פון דורפאַלן און קריזיסן, פון וועלכע שווער צו געפינען אַן אויסוועג, ווייל מיר זענען געפאַנגען אין דעם צויבער־קרייז פון דער מלוכה־אידעע, וועלכע פאַרמאָגט מער ניט קיין געוואַגטע איניציאַטיוו, אין דער ווירטשאַפט פונקט ווי אין דער פּאָליטיק, האָט דער ציוניזם פאַרלוירן איר חלום, ניט צו בויען דעם ציוניזם אויף דעם חשבון פון אומ־גליכקייט און אויף באַוועלען די אַראַבער.

דאָ מוזן מיר אומבאַדינג צוגעבן, אַז צו יעדן שלום זענען נויטיק ביידע צדדים, דעריבער דאַרף אויך די אַראַבישע אינטעליגענץ און פאָלקס־מאַסן זוכן אַ וועג צו פאַרשטענדיקונג און שלום. פון שינאה, טעראָר און מלחמות וועלן ביידע פעלקער נאָר פאַרלירן. אויך די אַראַבער דאַרפן האָבן זייער „שלום עכשיו“, ווייל אויך די אַראַבישע מאַסן מוזן ענדלעך פאַרשטיין אַז זייערע אייגענע נעפט־מאַגנאַטן, וואָס האָבן זייערע קעמלען פאַרטוישט אויף מערצעדעס, אַנשטאָט מיט די דעראָבערטע פאַרמעגנס צו אַנטוויקלען זייערע לענדער און צו הייבן דעם מאַטעריעלן און קולטורעלן ניוואָ פון זייערע פעלקער, פאַרווענדן זיי דאָס רייכטום פאַר זייערע אייגענע עגאָיסטישע צילן און אייגענעם נוצן. וואָס רייכער זיי ווערן אַלץ גרעסער זייער שינאה צום קליינעם ישראל, וואָס האָט אין די איבער דרייסיק יאָר, פון איר עקזיסטענץ, פאַרוואַנדלט אַ וויסטע אין אַ בליענדיק אַגראַר און אינדוסטרעל לאַנד.

עס איז גאָר פאַלש די מיינונג אַז די דאָזיקע שינאה קומט בלויז פון דער גאווה פון די מושלים איבער נאַפט און מדבר, פאַר וועמען בלויז די עקזיסטענץ פון ישראל איז אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג. ישראל איז פאַר זיי שעדלעך, ווייל איר עקאָנאָמישע און קולטורעלע אַנטוויקלונג איז אַ גורם וואָס ראַדיקאַליזירט די אַראַבישע מאַסן און באַדראָט דערמיט די הערשאַפט פון די פעאָ־דאַלע שייכן, פון די נאַפט־מאַגנאַטן און פון גאַנצן פעאָדאַלן סיסטעם. דאָס אַרויסברעכן זיך פון עגיפטן פון דעם אַנטי־ישראל בלאָק וואָלט באַדאַרפט איבערצייגן די אַראַבישע פּאָליטיקערס, אַז אַ שלום מיט ישראל איז מער לאַגיש, ווי די כסדרדיקע מלחמות.

לײדער טוען די הערשער זײער זעלטן דאָס, וואָס איז לאָגיש און וואָס איז נוצלעך פאַר זײערע פעלקער.

אײנע פון די ניט ערנסטע פּרוּוון פון לײזן דעם אַראַביש־ײדישן קאָנפליקט איז דער געדאַנק פון אַ פּאַלעסטינעזישע מדינהלע. אַזאַ מדינהלע, וואָס האָט ניט קײן עקאָנאָמישע באַזע פאַר עקזיסטענץ, וואָס וועט ניט קענען לײזן די לאַגע פון די אַראַבישע פּליטים און ווּ עס וועט לעבן אַ מינדערהײט פון פּאַליסטינעזישן פאָלק, ווײל די מערהײט לעבט אין עבר הירדן, אַזאַ מדינהלע וועט זײן. ניט מער ווי אַ פּולווער־פאַס פאַר אינטערנאַציאָנאַלע אינטריגעס, פאַר אײביקע מלחמות מיט ישראל און קאַמף פאַר הערשאַפט איבער ירדן. פאַר דעם ראַטן־פאַרבאַנד וועט דאָס זײן אַ געווונטשענער שאַנס פאַר אַרײנצושטעקן איר פוס אין מיטעלן מזרח אין איר אימפּעריאַליסטישער קאָנקורענץ מיט די פאַראײניקטע שטאַטן. פאַר די פירער פון דער פּ.ל.אָ. וועט דאָס באַדײטן־מיניסטאַרן־פאַרטפעלן און מלוכישע קאַריערעס און פאַרן פּאַלעסטינער פאָלק, וועט עס זײן ווײטערדיקע אָרעמקײט און נויט.

דאָס לײזן דעם „פּאַליסטינעזער" פּראָבלעם איז גאָר ניט אוממעגלעך. זי קען יושרדיק געלײזט ווערן אין די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון בײדע פעלקער. ווען אײנע זאָל ניט וועלן איבער־כיטרעווען די צווײטע, נאָר ווי צוויי פרײע פעלקער לעבן צוזאַמען אין אײן דעצענטראַליזירטע פעדעראַציע אָדער געמײנזאַמע רעפּוב־ליק, מיט אויטאָנאָמע רעכטן פאַר בײדע. דער אײנציקער אַלטער־נאַטיוו איז פעלקער־ברודערשאַפט אַנשטאָט פעלקער־מאָרד. פון פאַרברודערן זיך אַנשטאָט צו מאָרדן זיך!

אָט אַזוי לעבן דאָך צוויי פעלקער צוזאַמען אין קלײנעם בעלגיע און דרײ פעלקער אין שווײץ. אָט לעבן צווישן זיך בשלום דײטשלאַנד מיט פראַנקרײך, וועלכע האָבן דורות־לאַנג געפירט צווישן זיך מלחמות.

אַן אמתער שלום וועט דערגרײכט ווערן ווען מלחמה וועט מער ניט זײן קײן „לעגאַל" מיטל אין די הענט פון די מושלים צו הערשן איבערן אײגענעם פאָלק און אַנוואַרפן איר הערשאַפט אויף אַנדערע

פעלקער. ביז וואַנען די פעלקער וועלן זיך ניט אָפּטרייסלען פון אַלע סאָרט מלחמה־פאַרברעכערס און מלחמה־העצערס און דער־קלערן יעדער מלחמה פאַרן גרעסטן פאַרברעכן, וועט קיינמאָל ניט געלייזט ווערן קיין שום נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן און די פעלקער וועלן ניט וויסן פון קיין רו און קיין זיכערן שלום.

ווער נאָך ווי אונדזער מדינה, וואָס איז געבוירן געוואָרן אונטערן צייכן פון מזל־דמים נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין אַ שלום. אַ שלום צווישן גלייכע מיט גלייכע מיטן אַראַבישן פאָלק פאַר אַ בעסערע צוקונפט פאַר אונדזערע קינדער.

וועגן גלות און גאולה

ווען מיר האָבן געשריבן די דאָזיקע שורות האָט ישראל זיך געפונען אין סאַמע מיטן פון אַ גרויסן וואַל־יריד. אונדזערע פּאַרטייען האַלטן אַז דאָס בעסטע מיטל צו שטויסן דעם ווײַלער אַרײַנצוואַרפן, פאַר זייער רשימה, אַ שטים־צעטל איז דער שקר. דער הערשנדיקער רעאַקציאָנער־קלעריקאַלער בלאָק, וואָס פירט אונדזער מלוכה־שיף, ווי אַ דולע מאַנשאַפט, קלאַמערט זיך פאַר יעדן פּרייז ווײַטער איינהאַלטן די מאַכט אין זייערע הענט, כאָטש אַפילו צו הערשן האָבן זיי אַ קליינעם טאַלאַנט. די „סאָציאַליסן" אונדזערע דאַקעגן רייסן זיך צוריק צו דעראָבערן די פאַרלוירענע מאַכט. די „אַרבעט־פּאַרטיי" פאַרמאָגט מער טאַלאַנטפולע און קלוגע עסקנים מיט אַ סך מעלות אָבער מיט איין גרויסן חסרון — זיי האָבן פאַרגעסן אין וועמענס אינטערעסן און צוליב וואָס דאַרפן זיי די מאַכט. מיר האָבן לאַנגע יאָר געקענט זען ווי דער דאָזיקער סאָציאַליזם איז פולשטענדיק איינגעשלונגען געוואָרן פון דער פּאָליטיק און זיי האָבן אין גאַנצן פאַרלוירן דעם אידעישן ציל. צוזאַמען מיטן דעראָבערן די מאַכט, דעראָבערט די מאַכט די דאָזיקע „סאָציאַליסטן". אויך זיי די „סאָציאַליסטן" קומען מיט דער זעלבער לאָזונג, וואָס די בעגין־לייט פון אַ „שטאַרקע" ישראל. ניט קיין פריי, ניט קיין יושרדיק, ניט קיין קולטורעל נאָר אַ „שטאַרקע" ישראל. אַזאַ לאָזונג וועקט

ביי אונדז די טרויעריקסטע אסאָציאַציעס פון „שטאַרקע" פאַרטיי, „שטאַרקע" פירערס, „שטאַרקע" מדינות. צי האָבן אָט די „שטאַרקע" מדינות גליקלעך געמאַכט זייערע פעלקער? גאָר טרויעריקע מחשבות רופן אַרויס ווען מיר הערן דאָס ריטשען פון פרימיטיווע מיילער: בעגין — בעגין! אָדער: בעגין מלך ישראל! אַ קראַנקער מענטש, וואָס וויל שפּילן די ראָלע פון אַ „שטאַרקן" פירער. אָבער וואָס האָט סאָציאַליזם צו טאָן מיט „שטאַרקייט"? עקלט טאַקע אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע פון נאָכמאַלפּעווען די פּאָליטיקאַנטן פון די אַנדערע פעלקער, מיטן זעלבן שקר. מיט זעלבן פּוסטן גלאַנץ פון זייערע מלוכישע שאַלן. צי דאָס איז דער שיינער חלום פון ציוניזם?

דער הויפּט־ציל פון ציוניזם איז ניט געווען בלויז צו דערגרייכן אַ מדינה און האָבן אייגענע מיניסטאָרן און אייגענע פּאָליציי, נאָר אויך דאָס פאַרזיכערן דעם קיום פונעם פאָלק, צו פאַרזיכערן איר פרייהייט. אמת, אַז קיין רעגירונג הערשט ניט יושרדיק, אָבער וואָס מיר האָבן יאָ פון יעדער רעגירונג דערוואַרט איז דער זאָרג פאַר אַ מאַסן עליה. ווייל אָן אַן עליה, וואָס וועט זיין אונדזער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג? וואָס וועט זיין אונדזער נאַציאָנאַלע באַשעפטיקונג — שנאָרן געלט? אָט זענען ברייט אָפן די טויערן פון לאַנד און קיין עליה קומט ניט. פאַרקערט, עס גייט אָן אַ גרויסע ירידה פון יונגע מענטשן.

מען קען גאָר ניט לייקענען, אַז דער ציוניזם האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן, ער האָט געשאַפן: אַ היים פאַר הונדערטער טויזנטער יידישע פּליטים, געשאַפן די ווונדערלעכע געזעלשאַפטליכע דערשיינונג — דעם קיבוץ, וואָס איז איינע פון די גרעסטע סאָציאַלע עקספּערימענטן, וואָס האָט לויט בובערן, ניט אַנטוישט. זי האָט אויפגעשטעלט אין ישראל אַ יידישן אַרבעטער־קלאַס, אין דער שווער־אינדוסטרי, אויפגעשטעלט אַ יידישן דאָרף. דאָס אַלץ איז אונדזער שטאָלץ. די דערגרייכונגען ווערן אָבער באַגלייט מיט דערשיינונגען, וואָס רייסן אונטער אונדזער כבוד צווישן פעלקער. דאָס איז קודם כל די מאַכט פונעם קלער און אירע קלעריקאַלע געזעצן. דאָס זענען אויך די פּאַרטייאישע אינטריגעס, וואָס מאַכן צו שאַנד די דעמאָקראַטישע פרייהייט. דאָס דריטע איז דער וווקס

פון שאָוויניסטישע שטימונגען און שאָוויניסטישע געדאַנקען, וואָס באַהערשט דאָס לאַנד און איז ניט קיין קליינע שטערונג צו דערגרייכן אַן אמתן שלום מיט די אַראַבישע מאַסן אין ישראל און מיט די שכנישע אַראַבישע פעלקער.

אין אַ יאָר אַרום ווערט 85 יאָר זינט דער אַנטשטייאונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין דער זעלבער צייט איז אויך געבוירן געוואָרן דער „בונד". דער ציוניזם טאָר אָבער ניט צושרייבן זיך קיין זיג איבערן בונדיזם, ווייל דעם אידעישן שטרייט צווישן ביידע האָט ליקווידירט דער היטלעריזם אומברענגעדיק די מיליאָנען פון אייראָפּעישן יידנטום. די גרוילעכע קאַטאַסטראָפע האָט אַ סוף געמאַכט צום היסטאָרישן געראַנגל, צווישן צוויי נאַציאָנאַלע אידעען. דער בונדיזם איז ניט ווייניקער געווען נאַציאָנאַל פון ציוניזם. דער טעאָרעטיקער פון דער רוסלענדישער ס.ד. פּלעכאַנאָוו האָט אַ מאָל געזאָגט אַז די בונדיסטן זענען אויך ציוניסטן. זיי האָבן נאָר מורא פאַר דער ים־קראַנקייט. היינט קען אַוודאי קיין בונדיסט ניט זיין קעגן דער עקזיסטענץ פון אַ יידישער מדינה, די בונדיסטן וואָס לעבן אין ישראל זענען בעסערע פּאַרווירקלעכער פון ציוניזם פון די ציוניסטן וואָס לעבען אין די תפוצות. די דיסקוסיע גייט מער ניט „יאָ אָדער ניט" קיין מדינה. נאָר וואָס פאַראַ מדינה? דער ציוניסטישער פּראַגנאָז פון דער סכנה וואָס עס דראָט דאָס פאָלק אין דער צעשפּרייטונג, האָט זיך געשיכטלעך באַשטעטיקט, ווייל דאָרט ווו עס קומט ניט צו אַ פיזישע פאַרניכטונג טוט דאָס די אַסימילאַציע. דער ציוניזם האָט אָבער דערגרייכנדיק אַ מדינה פאַרלוירן אירע סאָציאַלע און מאָראַלישע אַספּיראַציעס. זי איז מער ניט פעיק צו ליקווידירן די צעשפּרייטקייט פונעם פאָלק, ניט ראַטעווען דאָס פאָלק פון דער אסימילאַציע. אַפילו די עקזיסטענץ פון דער מדינה איז אַלץ ניט פאַרזיכערט, ווייל דער ציוניזם איז ניט פעיק צו דערגרייכן דעם שלום.

אַלע לענדער ביז איצט טראָגן געאָגראַפישע נעמען ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע, די ערשטע האָבן די קאָמוניסטן צוגעגעבן צו די נעמען פון זייערע לענדער אַן „איזם". דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד, קאָמוניסטישע בולגאַריע און אַזוי ווייטער,

כאָטש די מערהייט פון זייער באַפעלקערונג איז ווייט צו זיין קאָמוניסטן, דאָס זענען נאָר די רעזשימען קאָמוניסטיש. פרעגט זיך וואָס פאַראַ לאָגיק איז צוצושרייבן ישראל, אַלס ציוניסטיש לאַנד? זענען טאַקע אַלע אין ישראל ציוניסטן? אויך די אַראַבער, די קאָמוניסטן און אַנדערע אידעעישע גרופן? ציוניזם איז אַן אידעאָלאָגיע, עס קענען זיין ציוניסטישע פאַרטייען, אָבער אַ לאַנד קען זיך ניט באַצייכענען מיט אַן „איזם", ווי דאָס טוען די קאָמוניסטישע לענדער. דאָס קען אויך דעם ציוניזם קיין נוצן ניט ברענגען.

אַזוי איז נאָך מער אומלאָגיש דאָס אינדענטיפיצירן זיך פון אַ פאָלק מיט אַ רעליגיע. אין יעדן פאָלק זענען דאָ רעליגעזע און ניט-רעליגעזע, אויך גלויביקע פון פאַרשידענע רעליגיעס קענען געהערן צום זעלבן פאָלק. דאָס וועלן באַווייזן אַז יידיש פאָלק און יידישע רעליגיע איז דאָס זעלבע און אַז די יידישע רעליגיע איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע רעליגיעס האַלט ניט אויס קיין שום קריטיק. דאָס קריסטנטום און דער איסלאַם זענען דאָך אַרויסגעוואַקסן פון דער יידישער רעליגיע. און דאָס אידענטיפיצירן אַ פאָלק מיט רעליגיע דינט דעם יידישן קלער, אָנצוהאַלטן איר הערשאַפט איבער איר אתה-בחרתנו-פאָלק.

די רעליגעזע באַגרענעצונגען האָבן אויך דעם ציל צו ראַטעווען דאָס פאָלק פון געמישטע חתונות. ס'איז אָבער קלאָר, אַז עס איז ניטאָ קיין כוח (חוץ ראַסן-געזעצן) צו פאַרווערן אַן „ער" אָדער „זי" זיך צו פאַרליבן אין וועמען פון אַן אַנדער פאָלק. די רבנישע געזעצן וועגן מגייר זיין שרומפּן איין דעם פּראָצעס פונעם ווּקס פונעם פאָלק און פירט צום אַנטלויפן פון פאָלק. דער געזעץ פון דער פאַרעלטערטער הלכה, אַז אַ ייד איז נאָר דער, וואָס ווערט געבוירן פון אַ יידישער מאַמען, שליידערט אַרויס פונעם פאָלק די אַלע, וואָס האָבן בלויז אַ יידישן טאַטן. וואָס שטערט דעם פּאָזיטיוון פּראָצעס פון אויסברייטערן דאָס פאָלק און באַרייכערן מיט נייע כוחות. די געמישטע חתונות זענען גאָר ניט קיין אומגליק פאַרקערט דאָס קען ברענגען נוצן דעם פאָלק. ניטאָ קיין איין פאָלק אין וועלכן עס זאָלן ניט זיין אַריינגעמישט און אַנדערע פעלקער. אויך דאָס יידישע פאָלק האָט אַ סך עלעמענטן פון אַנדערע פעלקער

און דאָס איז גאָר נוצלעך, ווייל דאָס ברענגט אַ צופלוס פון נייע קולטור־ווערטן. ווּעמען קען דאָס שטערן אויב דאָס יידישע פאָלק וועט ווערן גרעסער? אויך פאַר ישראל וואָלט דאָס געווען נוצלעך. צוליב דעם אַרויסשליידערן די קינדער פון יידישע טאַטעס האָט דאָס יידישע פאָלק פאַרלוירן אַרום פינף ביז זעקס מיליאָן יידן. וואָס זענען עלימינירט געוואָרן. די מורא פון פאַרגרעסערן דאָס פאָלק שטאַמט פון שמאָלע אינטערעס פונעם קלער. זייערע געזעצן זענען אויך אַ מיכשול פאַר די אינטערעסן פון פאָלק און פאַר אַ מאַסן־עליה קיין ישראל וואָס פאַראַ ווערט האָט די לאָזונג פון אַ „שטאַרק״ ישראל אָן אַ מאַסן עליה?

ניט די געמישטע חתונות האָבן פאַרשטאַרקט די אַסימילאַציע, נאָר גראָד די קלעריקאַלע הערשאַפט און די רעליגעזע געזעצן, וואָס מען וויל מיט כוח אָנוואַרפן דער מערהייט פונעם פאָלק. די צווייטע סיבה איז וואָס סתם „וועלטלעכקייט״, אָן דערהויבענע אידעאַלן, אָן אַ הויכער קולטור, קען ניט זיין קיין גענוגנדיקער פאַקטאָר זיך אַנטקעגן צו שטעלן דעם פראָצעס פון אַסימילאַציע. אַסימילאַציע איז אייגנטלעך אַ קולטורעלער זעלבסטמאָרד פון אַ פאָלק. ווי ס׳איז אוממעגלעך דאָס אַרויסשפּרינגען פון דער אייגענער הויט, אַזוי איז ניט נאַטירלעך דאָס אַרויסשפּרינגען פון אייגענעם פאָלק און אייגענער קולטור. די אסימילאַציע האָט ניט אָפּגעשוואַכט דעם אַנטיסעמיטיזם, נאָר פאַרקערט. גענוג צו נעמען אַלס ביישפּיל דעם יידן ראַטענאַוער, דער יידישער אויסערמיניסטער ביי דער דייטשישער ווייַמאַר־רעפּובליק. ער האָט דאָס געפּרעדיקט: „מיין פאָלק זענען די דייטשן, מיר יידן זענען אַ דייטשישער שבט״. צי דאָס האָט געשטערט דאָס פאַרשפּרייטן איבער דייטשלאַנד די אַנטיסעמיטישע שינאה, און דעם היטלעריסטישן ראַסיזם פון וועלכע ער איז אַליין געוואָרן דער ערשטער קרבן?

גאָר אַנדערש איז געווען די שטעלונג פון דעם באַקאַנטן יידיש־דייטשישן אַנאַרכיסטישן טעאָרעטיקער גוסטאַוו לאַנדאַוער, כאָטש דערצויגן אין אַן אַסימילירטער און ניט־יידישער סביבה, אָבער אַ גרויסער קענער פון קולטור־פּראָבלעמען האָט ער, ווי אַן אַנאַרכיסט,

וואָס אָנערקענט פאַר יעדער קלענסטער עדה אָדער עטנישע גרופּע זיך אויטאָנאָם אויסצולעבן אין איר אייגענער קולטור. אין זיין דיסקוסיע מיט מאַטנערן, וועלכער האָט זיך באַמיט לאַנדאַוערן צו איבערצייגן, אַז דאָס יידישע פאָלק איז ניט קיין ווירקלעכקייט ווייל מען קען, ווי ער האָט געזאָגט, דערקענען אַ ייד בלויז לויטן „קנייטש פון זיין מוח", האָט אים דערויף לאַנדאַוען געענטפערט: אַז „אַ קנייטש פון מוח" לויט וועלכן מען קען דערקענען אַ גאַנץ פאָלק איז פאַר אים אַ גענוגענדע ווירקלעכקייט, וואָס אַפּעלירט צו זיין געפיל פון יראת הכבוד צו אַ טויזנטיעריקע שאַפונג פון דער געשיכטע. ווי עס באַווייזט די קאָרעספּאָנדענץ צווישן לאַנדאַוערן און בובערן האָט לאַנדאַוער זיך שטאַרק דערנענטערט צום יידישן פאָלק. ער איז אַפילו דורך דעם פּאָרזיצנדער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע גאָלדמאַנען, פאַרבעטן געוואָרן אויף ציוניס־טישע באַראַטונגען, איבער די פּראָבלעמען פון באַזעצן דאָס לאַנד מיט יידישע קאָלעקטיווע ישובים. אין קעגנזאַץ צו דער יידישער רעוואָלוציאָנערקע ראָזאַ לוקסענבורג, האָט לאַנדאַוער ניט געהאַלטן אַז אין קאַמף פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג דאַרף מען זיך אָפּזאָגן פון נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, און אָפּזאָגן זיך פון נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס און נאַציאָנאַלער קולטור. דאָס איז אויך געווען די שטעלונג פון אַזעלכע פּערזענלעכקייט ווי מאַרטין בובער און פראַנץ אָפּנהיימער, וואָס זענען געשטאַנען אידעיש נאָענט צום אַנאַרכיזם און געווען אויך פּראָגרעסיווע ציוניסטן. דאָס איז אויך געווען די שטעלונג פון דעם אַנאַרכיסטישן טעאָרעטיקער פּיעטער קראָפּאָט־קינען, וועלכער האָט דערקלערט: „די פולשטענדיקע אַנטוויקלונג פון יעדער נאַציע איז דער נויטיקער תנאי, לויט מיין מיינונג, סיי פאַרן רחבותדיקן לעבן פון דער מענטשהייט און אויפבליונג פון דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג אין אַלגעמיין, סיי פאַרן זיג פון אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם. פון דעם כלל איז געדרונגען, אַז די ציוניסטן, וועלכע רופן די יידן זיך צו באַזעצן אין פּאַלעסטינע און דאָרט גרינדן אַ יידישע מלוכה, זענען גערעכט, פאַרקערט, קעגן דאָזיקן פּלאַן, איז פאַראַן אַ סך וויכטיק אויסזועצונגען:
(ליסטי כליעב אי וואָליאַ)

דאָס אַלץ איז פֿאַרשטענדלעך אויב די ייִדישע מלוכה וועט שיצן די פרייהייט און רעכט פון די יידישע מאַסן. זי וועט האָבן אירע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, נאָר ווען זי וועט זיך שטיצן אויף יושר און איין מענטש וועט איבער צווייטן ניט הערשן און אים ניט אויסנוצן; ווען יעדער איר איינוווינער, אָן אונטערשייד פון פֿאָלק און ראַסע, וועט אין ייִדיש לאַנד האָבן די פולע און גלייכע עקאָנאָמישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע רעכטן.

צום סוף ווילן מיר אונטערשטרייכן, אַז מיר זענען ווייט פון דער מיינונג פון אַ באַקאַנטן יידיש־ישראלדיקן רעדאַקטאָר און שרייבער, וואָס האָט אין איינע פון זיינע ביכער זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז ישראל איז ניט געבויט געוואָרן דורך די ציוניסטן, נאָר דורכן יידישן פֿאָלק. דער אמת איז, אַז נאָר דורך דער אידעישער עקשנות און חלוצישער אַרבעט איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג דאָס אַנטשטיין פון דער ישראל־מדינה. אָבער איצט ווען אַזאַ מדינה עקזיסטירט שוין, ווערט ישראל, ווי אַלע לענדער, אַ געאָגראַפישער באַגריף און ניט קיין אידעאָלאָגישער. און ווי אין יעדער מדינה קענען דאָ לעבן אויך מענטשן פון אַנדערע פעלקער און אַלע דאַרפן האָבן די זעלבע רעכט פון אַ בירגער, ווי דאָס האָבן די יידן אין די פאַרשידענע לענדער אין דער וועלט.

דאָס קרוינען זיך פאַר אַ ציוניסטישע מדינה דינט נאָר די שונאים פון ישראל. ווייל יעדער האָט רעכט צו זיין קעגן אַפילו צו באַשמוצן אַן אידעאָלאָגיע, זיי טאָרן אָבער ניט זיין קעגן אַ וועלכע עס איז מדינה, ווי אַזעלכע. עס זענען דאָ מדינות ווו עס לעבן אין איר ניט נאָר איין פֿאָלק. אָט לעבן אין בעלגיע צוויי פעלקער און אין שווייץ דריי פעלקער, דאָס זענען אָבער ניט קיין „אידעישע" מדינות נאָר געאָגראַפישע, מיט געאָגראַפישע גרענעצן ווי אויך מיט היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייטן, אויך ישראל איז אַ היסטאָריש, געאָגראַפישער באַגריף און ניט קיין ציוניסטישע מדינה, ווו יעדער בירגער האָט די זעלבע רעכט צו עקזיסטענץ און עקאָנאָמיש, געזעלשאַפטלעך און קולטורעל זיך אויסצולעבן, ווי דאָס קומט פאַר אין יעדער אַנדערע דעמאָקראַטישע מדינה.

דער ציוניזם האָט אָפּגעשפּילט איר בכבודיקע ראָלע אין דער

יידישער געשיכטע און דאַרף אַריינגיין מיט כבוד אין געשיכטלעכע אַרכיוון. די עקזיסטענץ פון אַ טאָפּלטער: אַ ציוניסטישע און מלוכישע אַדמיניסטראַציע, פאַרטאָפּלט די אויך אַזוי גרויסע ביוראָקראַטיע אין ישראל. די אַלע פונקציעס, וואָס עס פילט אויס די ציוניסטישע אינסטאַנצן לגבי דער עליה קענען פיל נוצלעכער אויספירן די מלוכישע אָרגאַנען, ווי אויך אָנהאַלטן די ענגע פאַרבינדונג מיט די יידן אין די תפוצות. פון ישראל דאַרף אַראָפּגענומען ווערן דער שילד — ציוניסטישע מדינה, ווייל קיין שום דעמאָקראַטישע מדינה האָט ניט די רעכט אַרונטערנעמען אַלע אירע בירגער אונטער איין אידעאָלאָגישן טלית. און מען דאַרף ניט וואַרטן דערמיט ביז משיח וועט קומען.

דערשינענע פון זעלבן מחבר:

איבער צעבראָכענע בריקן (ראָמאַן) 1966

ווי אַ זעגל אין שטורעם (ראָמאַן) 1972

אויף די פראָנטן פון לעבן (ראָמאַן) 1981

פלאַמען (לידער) 1983

קורצע געשיכטע פון אַנאַרכיסטישן געדאַנק 1984

אַ בליץ אין דער נאַכט (לידער) 1985

קיצור תולדות הרעיון האַנרכיסטי 1985

שטורעם־גלאָקן (עסייען) 1986

אינהאַלט

	זייט
אַריינפיר	5
אַלבערט קאַמי	10
דאָסטאָיעווסקי און דאָס געוויסן פון דער אינטעליגענץ	20
הענריק איבסען	31
ליטעראַטור און הומאַניזם	41
פראַנץ קאַפקאַ	51
דער היינטיקער ראָמאַן	61
די גריכישע טראַגעדיעס	75
פרידריך ניטשע	82
וועגן קריזיס אין דער ליטעראַטור	90
פרץ דער אינדיווידואַליסט	95
וועגן די אויפגאַבן פון דער ידישער ליטעראַטור	101
די לעגענדע — דוד עדעלשטאַדט	112
דאָס יאָר 1984	119
מאַקסים גאָרקי	130
די פאַרבן־ליטעראַטור	135
לייענענדיק אַ בוך	144
מאַרטין בובער	151
דער גאָרטן פון אַפּיקור	159
איסיים	166
האָפענונג און שרעק	172
די פאַרסמערס פון ברונעמס	180
גייסטיקע מידקייט	184
די פסיכאָלאָגיע אין דינסט פון טייוול	192
וועגן דער סכנה פון אַטאָמישן טויט	203
40 יאָר נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה	208
7 נאָוועמבער	213
די צופרידענע וועלט	219
אוטאָפּיע און פאַנטאַזיע	222
אַנאַרכיזם און ליטעראַטור	228
שלום עכשיו	232
וועגן גלות און גאולה	242